STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07562

YIDISH-VARSHE

Mosheh Zonsheyn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה זאַנשײַן

ייִדיש־וואַרשע

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

102 קב

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

משה זאַנשײַן

ייִדיש-װאַרשע

✶

אַרױסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון פּױלישע ייִדן אין אַרגענטינע

בוענאָס אײַרעס, 1954 — תשי״ד

אינהאַלט:

יידיש־וואַרשע 7

דער „זאַיאַזד“ אויף באָניפראַטן־גאַס

די נאַלעווקעס 21

גענשע־גאַס 30

פראַנציסקאַנער־גאַס 36

דזשיקע־זאַמענהאָף־גאַס 41

סמאָטשע־גאַס 45

שמאָלע מילע 50

אַלט וואָלאָווקע 55

יידישע מסחרים 59

„גוט־שבת יידעלעך“ 68

סמאָטשער טעאַטער 72

דער יידישער גאָרטן 77

די יידישע ווייסל 85

ברעסלערס ביבליאָטעק 89

מיין הויף 93

קינדער לערנען תורה 107

אין יסודי התורה 111

אין מסיבתא 120

אויף נאַלעווקעס אין גערער שטיבל 125
אין בית המדרש 130
די דייטשישע שיל 133
חיים שאַכער ווערט גבאי 138
ר׳ איטשע־מאיר מאַכט אַ ברית 150
לייבעלע מינצבערג 160
לאַטוטניקעס 162
יאָסעלע פּלייצע־טרעגער 175
איטשעלע פון אָסטראָווסקע־געסל 182
מען פירט יאַכעטלען צו דער חופּה 196

ייִדיש־וואַרשע

איך בין אַוועק פון וואַרשע אין יאָר 1939, נאָך דעם ווי דער דייטש איז שוין דאָרט געווען צוויי וואָכן. וואַרשע — דער עיקר דאָס ייִדישע וואַרשע — האָט שוין דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ קאָשמאַר: פיל הייזער פאַרברענט, פיל צעשאָסן. אויף די ייִדישע גאַסן — הויפנס שטיינער און ציגל, וואָס אונטער זיי זענען געווען באַגראָבן צעשטערטע לעבנס פון וואַרשעווער ייִדן. — ייִדן חסידים, למדנים און סתם ייִדן. ייִדן סוחרים, בעלי־מלאכות און אַרבעטער, ייִדן וואָס האָבן געפירט גרויסע געשעפטן, און ייִדן וואָס האָבן געלעבט פון יגיע כפּיהם, ייִדן בעלי־צדקה — פונדאַטאָרן פון ריזיקע הילף־אינסטיטוציעס און ייִדן אָרעמע, וואָס האָבן זייער אָרעמקייט באַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג און געהאָלפן אַנדערע, אָרעמערע פון זיי.

איך בין אַוועק און ווי פיל טויזנטער און צענדליקער טויזנטער געגלויבט, אַז נישט אויף לאַנג.

מיר, די יונגע — האָבן אַלע געהאַלטן — מוזן אַוועק, ווייל מען וועט אונדז שיקן אין לאַגערן. דער דייטש וועט אונדז מיטפירן מיט זיך, ווען ער וועט אַנטלויפן. די אַלטע לייט, פרויען און קינדער קאָנען בלייבן; די דייטשן זענען שונאים, אָבער זיי וועלן דאָך נישט טשעפּען קיין זקנים, זיי וועלן דאָך נישט מאָרדן קיין פרויען און קינדער. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קרובים און פריינט. זייט געזונט, איר אַלע טייערע, מיר וועלן זיך אין קורצן טרעפן, זיי געזונט וואַרשע, מיר וועלן דיך אין קורצן ווידער זען, מיר וועלן צוריק אויפבויען אונדזער ייִדיש וואַרשע.

אין וועג איז כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן — דער עיקר — דאָס

ייִדישע וואַרשע, וואָס האָט באַטראָפן אַ דריטל פון דער צוועלף הונדערט טויזנט־קעפּיקער באַפעלקערונג פון שטאָט.

דאָס ייִדישע וואַרשע איז נישט געווען אויסגעמישט מיטן גוייִשקן. ס'איז געווען קאָנצענטרירט אין צוויי פּונקטן פון שטאָט. דאָרט האָבן זיך טאַקע דערנאָך געפונען די צוויי ייִדן־געטאָס.

פריִער זענען דאָ געווען די צוויי גרויסע ייִדישע צענטערס: פון צפונדיקן וואַרשע, אין דער געגנט פון דאַנציקער וואָקזאַל, מיט די נאַלעווקעס אַלס חוט־השדרה, און פון „יענע גאַסן" מיט גזשיבאָוו בראש.

די צוויי צענטערס זענען געווען אָפּגעטײלט מיט גוייִשע גאַסן, וואָס זענען ביי מיר איינגעקריצט אין זיכרון פון די קינדער־יאָרן אָן. אין יענע יאָרן, אַז איך האָב געדאַרפט גיין פון איין ייִדישן צענטער אין צווייטן, בין איך אויף די גוייִשע גאַסן געלאָפן, מורא געהאַט פאַר די גוייִשע קינדער, זיי זאָלן מיך נישט נאָכיאָגן. זיי האָבן מיך טאַקע שטענדיק נאָכגעיאָגט. טייל האָבן געוואָלט שלאָגן אַ „זשידעק" און טייל — די בעסערע, דערפאַר, וואָס איך אַנטלויף.

די צוויי צענטערס האָבן זיך געלעבט באַזונדער, יעדער פון זיי מיט אַן אייגן לעבן, מיט אייגענע פּרנסה־צווייגן. געטראָפן האָבן זיי זיך נאָר אויף משפּחה־יום־טובים, אין בשותּפותדיקע אָרגאַניזאַציעס און חסידים, ביי איין רבין.

אין דעם דאָזיקן בוך איז באַשריבן אַ טייל ייִדיש וואַרשע, דאָס צפונדיקע.

דאָס צפונדיקע וואַרשע האָט, ווי געזאָגט, געהאַט די נאַלעווקעס פאַר אַ חוט־השדרה. פּאַראַלעל צו די נאַלעווקעס האָבן זיך געצויגן די גאַסן: דזשיקע־זאַמענהאָף און די סמאָטשע. די דריי גאַסן האָבן זיך געצויגן לענגאויס פונעם צענטער און יעדע פון זיי האָט רעפּרעזענטירט אַ ספּעציפישן קוואַרטאַל. אין דער ברייט האָט זיך געצויגן: נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי, דזשעלנע, גענשע, פּאַווע, פראַנציסקאַנער, אָסטראָווסקע, מילע־סטאַווקי, מוראַנאָווסקע און אַ גאַנצע ריי קליינע געסעלעך. טייל פון די אויסגערעכנטע גאַסן האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער ברייט און

דורכגעשניטן אַלע דריי לענגאויס־גאַסן. טייל האָבן נאָר דורכגעשניטן איינע אָדער צוויי צוזאַמען מיט נאָך קליינע געסלעך ווי קאַרמעליצקע, גיי־קאַרמעליצקע, לובעצקעגאָ און אַנדערע, און צוזאמען האָבן זיי געשאַפן דעם ייִדישן צפון־וואַרשע.

די אַלע גאַסן זענען געווען געדיכט באַוווינט דורך ייִדן און זעלטן ווען האָט מען דאָרט געזען אַ קריסט. מ׳האָט נאָר געקאָנט טרעפן אַ סטרוזש פון אַ ייִדישן הויף, וואָס האָט געלעבט פון ייִדישע פּיאָנטקאָוועס (פרייטיק־פּענסיעס) און ייִדישער חלה פאַר אַראָפּנעמען פרייטיק־צו־נאַכטס די לייכטערס פון טיש, פאַר הייצן דעם אויוון אָדער אָנצינדן די גאַז־מאַשינקע.

מען פלעגט אַמאָל זען אַ גרעסערע גרופּע גויים, אָבער דאָס איז נאָר געשען בעת אַ „פּאָגזשעב״, ווען מ׳האָט געפירט אַ קאַטוילישן מת אויפן „צמענטאַזש״ (בית־עולם), וואָס האָט זיך געפונען אין דער ייִדישער געגנט.

אין די זיבן מלחמה־יאָרן, וואָס איך בין נישט געווען אין וואַרשע, האָב איך כסדר געהאַט פאַר מיינע אויגן דעם וואַרשעווער ייִדישן קוואַר־טאַל, ווו איך בין געבוירן און אָפּגעלעבט דאָרט דריי צענדליק יאָר. איך האָב אים געזען גרויס, רחבותדיק, ווי אַמאָל, מיט לאַנגע גאַסן, פון איין עק גאַס צום צווייטן איז מען געפאָרן מיט אַ טראַמוויי, דראָזשקע אָדער אויטאָ. איך האָב די ייִדישע געגנט געזען אַ לעבעדיק־צאַפּלדיקע, כאָטש שוין אַ נידערגעשלאָגענע, ווי כ׳האָב זי איבערגעלאָזט נאָך צוויי וואָכן נאַצי־אָקופּאַציע.

די ידיעות וועגן חורבן וואַרשע זענען צו מיר שוין געהאַט דער־גאַנגען, זיי זיינען אָבער נישט אַריינגעדרונגען נישט אין מוח און נישט אין האַרץ — איך האָב נישט געגלויבט.

נאָך זיבן יאָר אָפּוועזנהייט בין איך צוריקגעקומען. געטראָפן וואַרשע אַ חרובע, דאָס ייִדישע וואַרשע — אָפּגעמעקט. נישט בלויז נישטאָ די מענטשן, נישט בלויז די גאַסן און הייזער זענען חרוב, ס׳איז איינגע־שרומפּן געוואָרן די ערד, אויף וועלכע ס׳האָט זיך געפונען דער ייִדישער קוואַרטאַל אין וואַרשע.

כ׳האָב נישט באַוויזן צו טרעטן אויף די שטיינער פון דעם אָרט, ווו

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ווינקל נאַלעווקעס־דלוגע, און שוין בין איך דורך נאָוואָליפּקי, גענשע און בין שוין ביים ווינקל נאַלעווקעס־מוראַנאָוו. פון נאַלעווקעס ביז אָקאָפּאָווע — אַ האַנט אויסצושטרעקן, פון אָנהויב פראַנצישקאַנער ביז סוף גענשע — אַ שפּרייז, אַלץ אַזוי קליינטשיק, פּיצלדיק.

מיט דעם בוך וויל איך אויפלעבן איז זכרון און פאַרצייכענען דאָס אַלץ, וואָס איך קאָן זיך דערמאָנען און זאָל עס אויף אָט דעם בית־עולם אַ מצבה זיין.

דער „זאַיאַזד״ אויף באָניפראַטן־גאַס

באָניפראַטן — אַ טויער פון וואַרשע פאַר פּראָווינצער ייִדן. אַ שמאָלינקע גאַס, וואָס דורך איר ברייט האָבן זיך קוים דורכגעשטופּט צוויי פורן איינע נעבן דער צווייטער. ברוקירט איז די גאַס געווען מיט שפּיציקע שטיינער, זענען די פורן אויף איר געשפּרונגען און האָבן געמאַכט אַ רעש.

— ס׳איז שוין די באָניפראַטן? פון די בוידן, פורן, פאַרשטעלטע מיט פלאַנדעקעס, רוקט זיך אַרויס אַ באָרד פון אַ פאַרהושכטן ייִדן, אַ שפּיליטער, וואָס וואָרט אין שליחות פון שטעטלדיקע קרעמער. — באָניפראַטן? ס׳קוקן אַרויס פון דער פור אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן פון אַ יונג מיידל, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער גרויסער שטאָט זוכן אַ שטעלע אַלס שניידערין, נייטאָרין אָדער דינסט. — באָניפראַטן? און וואָס טוט מען איצט? — זאָרגט זיך אַ יונגערמאַן, וואָס זוכט אַ תּכלית און האָט זיך נישט געקאָנט איינאָרדענען אין שטעטל. — באָניפראַטן? — פרעגט אַ ייִדענע — און ווי אַזוי וועט זי גיין צום דאָקטאָר, דעם פּראָפעסאָר, צו וועמען זי איז ספּעציעל געקומען, און ווי אַזוי וועט זי מיט אים רעדן אויף פּויליש און דערציילן אים אַלע אירע מיחושן?

— באָניפראַטן, באָניפראַטן, דער טויער פון וואַרשע. כמעט ביי אַלע פּאַסאַזשירן פאַרדרייען זיך די קעפּ.

צי וועט ער קריגן קרעדיט — קלערט אַ הענדלער — נאָך דעם ווי ער האָט נישט באַצאָלט די וועקסלען. צי וועט דער סוחר פּראָלאָנגירן און אים ווייטער געבן סחורה צו פאָרן אויף די מערק. צי וועט ער זיך דורכ־

שלאָגן אין דער גרויסער שטאָט, אין עיר הסופרים — דאגהט אַ יונגער־מאַן. — צי וועט מען דאָרט אָנערקענען זיין טאַלאַנט? ווּיפל האָפענונגען און נישט־געשלאָפענע נעכט ליגן דאָ אין פעקעלע, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן, — מאַנוסקריפּטן, געשריבענע אין משך פון יאָרן.

באַניפּראַטן, באַניפּראַטן — וואַרשע. דערווייל זעט מען נאָך נישט דאָס וואַרשע; מען זעט נאָך נישט די גרויסע שטאָט. די גאַס איז שמאָל, די הייזער נידעריק. עס יאָגן נישט און קלינגען נישט קיין טראַמווייען, ס׳שרעקן נישט קיין צעהוליעטע אויטאָס. ס׳שלעפּן זיך נאָר בוידן, אין וועלכע ס׳זענען איינגעשפּאַנט דאַרע, פאַרמאַטערטע פערד.

פאַרטאָג. דער הימל איז נאָך בלוי און אויף דער גאַס הערט זיך שוין אַ פאַרשלאָפענער „העי״ פונעם אַנטרייבער, דעם קלייגשטעטלדיקן בעל־עגלה. — העי, קאַשטאַן, אַ פּגירה אין דיר, ריר זיך, קאַשטאַן!

פון איין הויז מיט פאַרקראַטעטע פענצטער רייסן זיך אַרויס גע־שרייען, ווילדע געלעכטערס, וואָס וואַרפן אָן אַ מרה־שחורה. כאַ, כאַ, כאַ, כע און כי, כי, כי. — אַ משוגעים־הויז איז דאָ אויף די באַניפּראַטן. ביי די פענצטער, וואָס גייען אַרויס אין גאַס, באַווייזן זיך הינטער די קראַטן חולאים, שטעקן אַרויס די צינגער, לאַכן אַרויס, שרייען, מאַכן הועיות און צעטומלען נאָך מער די אַזוי אויך צעטומלטע פראַווינצער.

— העי, קאַשטאַן, — וויל איבערשרייען דער פורמאַן — ריר זיך, אַ פּגירה אין דיר, שטעל די פיס, נאָך אַ פּאָר טריט, ווּעסטו האָבן דעם זאַיאַזד.

דער „זאַיאַזד״. צוויי הילצערנע טויערן, אויף גרויסע פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסן הענגען טרויעריק און איבעריק. צו וואָס האָט מען זיי אויפגע־האָנגען, אַז זיי האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרמאַכט און נישט אויפ־געמאַכט. קיינמאָל ווערט דער דורכגאַנג איז „זאַיאַזד״ נישט געשלאָסן. שטענדיק איז דאָרט אַ באַוועגונג, מען גייט אַריין און מען גייט אַרויס. מען פאָרט אַריין און אַרויס און, פאַרטשעפּענדיק זיך מיט די האָלאָבליעס זידלט מען זיך ביז אין די ווייטע דורות און מען בעט זיך גלייך איבער. אָט שטייען איינגעפלאָכטן אין זיך צוויי בוידן און פורמאַנעס אַרום באַמיִען זיך זיי פונאַנדערצוררייסן.

בוידן, בוידן. ס׳ציט זיך אַ לאַנגע קייט בוידן. דורכגעפאָרן דורכן

שמאָלן הויף־האַלדז, קומט מען אַריין אין אַ גרויסן הויף, אָן אויסגעבעטן מיט שטרוי, היי, סעטשקע און האָבער; אַלץ מאכלי סוסים, אָנגעשיט פון לאַנגע טעג, וואָכן און אַפילו יאָרן.

פון די בוידן קריכן אַרויס מענער, פרויען, אַלטע, יונגע קינדער מיט קוישן, אָנגעפּראָפּטע מיט סחורות צום פּאַרקויפן: עופות, פּוטער, אייער — קליינשטעטלדיקע סחורות, איינגעקויפטע ביי די פּויערים אין די דער־פער; פּויערשע לייוונט, וואָל און פעלעכלעך. פעדערן געשליסענע און נישט־געשליסענע, וואָס הענדלערס און הענדלערינס האָבן געבראַנגט פאַר דער גרויסער שטאָט, פאַר וואַרשע. ס׳קריכן אַרויס מענטשן מיט ליידיקע קייש־לעך, זעקלעך און טשעמאָדאַנעס אויף איינצוקויפן סחורות. ס׳קריכן אַרויס קליינשטעטלדיקע קרעמערלעך, אויסגעבלייכטע, אויסגעמאַטערטע גייערס, וואָס שלעפּן זיך איבער די פּוילישע וועגן, פון דאָרף צו דאָרף, מיט זייערע „קראָמען״ אויף די פּלייצעס, — פּעקלעך מיט סיצן, קרעטאָנען און פלאַ־נעלן; מיט פּאַרטיקע סחורות: העמדער, רובאַשקעס, צייגענע הויזן, שיך און פּויערישע תכשיטי־נשים.

אָט פירט אַ פּראָווינצער ביי דער האַנט אַ בלאַס דערשראָקן יינגל מיט לאַנגע פּאהלעך. דאָס האָט ער געבראַנגט זיין זון אין אַ ישיבה אַריין, אָדער צו אַ באַקאַנטן סוחר אַלס שיק־יינגל, ווו ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ „מענטש״.

ס׳שלעפּט זיך אַ ספק־יינגל, ספק גרויסער, — אַ בחור אין אַן אויס־געוואַקסן רעקל און אין אויסגעוואַקסענע הויזן. פרעגט אים בחרם, נאָך וואָס ער איז געקומען. גייט ער אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער, און ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טון. ס׳שלייכט זיך אַרויס אַ מיידל, וואָס כאָטש אַ פּראָווינצערין, וועט זי אין „פייער נישט פאַרברענט ווערן״. זי שטעלט אַ זיכערן טריט און מעסט אָפּ דעם בחור מיט חוזק.

אָט גייט אַ מיידעלע, אָנגעטון אין אַ גראַנאַט־קליידעלע מיט אַ מאַ־טראָזן־קעלנערל. איר צעפּל איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער שלייף. אַ קינד נאָך און שוין אַליין פאַרלאָזט די היים אין דער פּראָווינץ. וואָס וועט זי דאָ טון אין דער גרויסער שטאָט? זי ווייסט שוין וואָס: בייטאָג וועט זי אַרבעטן ביי ביכער, אין אַ בוכהאַנדלונג, אָדער ביבליאָטעק און ביינאַכט וועט זי זיך לערנען. זי איז האָפערדיק, כאָטש דערשראָקן; זי האָט אַ ציל.

זי ווייסט, אַז ס׳וועט איר אויסקומען זיך שטאַרק צו מאַטערן, נישט האָבן ווו צו וווינען און גאַנץ אָפּט נישט עסן צו דער זעט. אָבער קיין עצה איז נישטאָ. אין דער היים האָט זי נישט געקאָנט בלייבן. דער טאַטע איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט חוץ איר נאָך אַכט קינדערלעך — די גרעסטע טייל יינגערע פון איר.

אין שטאָט, אין שטאָט, קיין וואַרשע. דער ערשטער עטאַפּ, באַניפראַטן. דער ערשטער עטאַפּ, דער „זאַיאַזד״.

פול דער הויף מיט פורן, פול מיט מענטשן, פּאַסאַזשירן, פורמאַנעס קליינשטעטלדיקע בעל־עגלות, פול מיט מעקלערס.

***

— יונגערמאַן, איר דאַרפט מסתמא אַ דירה? — רופט אַ יידענע — איך האָב פאַר אייך אַן אייגענע היים.

דער יונגערמאַן דאַרף זיכער אַ דירה, ער מוז דאָך האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, אָבער ער דערשרעקט זיך פאַר דעם וואָרט „דירה״. ער טאַפּט אין טאַש דעם איינציקן פינפער זלאָט, וואָס ער האָט קוים אָנגעזאַמלט, ווי קאָן ער חלומען וועגן אַ דירה?

די יידענע, וואָס לייגט פאַר די „דירה״, לייענט די מחשבות פונעם יונגנמאַן. זי קען זיי, די געקומענע, נישט פון היינט. איר פרנסה באַשטייט פון אָפּגעבן „דירות״: אַ ווינקל אין איר איינציקן חדר, אויפן בוידעם, אַ בעטל און אַמאָל אַפילו אַ טייל פון בעטל, צו אַזעלכע יונגעלייט. זי ווייסט, אַז ער זוכט נישט קיין דירה, אָבער ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי אַ דירה. זי מיינט אַ „פּאָמיעשטשעניע״, אַ „קאָנט״, אַ פאָר שטרויען אויף דער פּאָדלאָגע. אַ הונט דאַרף דאָך אויך האָבן אַ ווינקל — איז זי שוין מער באַזאָרגט פון דעם יונגנמאַנס „דאָליע״, ווי פון איר אייגענער פרנסה. זי שלעפּט דעם יונגנמאַן נאָך זיך און מוסרט אים: „די וועלט גייט דאָך נישט אונטער, אַ חרפּה, אַ יונגערמאַן זאָל זיין אַזוי פאַרזאָרגט״. דער יונגערמאַן שלעפּט זיך נאָך איר אַ ביסל אויפגעהייטערט. ער וועט שוין בלייבן אַ וואַרשעווער.

— פריילין, איך האָב פאַר אייך אַ שטעלע — רופט אַן צערעמאָניעס, אַ יידענע, מיט אַ טוך פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ — איך האָב פאַר אייך אַ

גאָלדענע שטעלע אין אַ רייך הויז. אויף מיר געזאָגט אָן אייער שאָדן, ווי גוט ס׳וועט אייך דאָרט זיין.

דאָס מיידל קווענקלט זיך — זי וויל ווערן אַ שניידערין.

— וואָס האָלטסטו זיך אַזוי אין גרויסן — גייט שוין די מעקלערין איבער אויף „דו״ — מיינסט טאַקע, אַז שטענדיק וועט דיר אונטערקומען אַזאַ גליק? ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. מ׳וויל איר טון אַ טובה, פאַרזאָרגן זי ווי אַן אייגן קינד, און „דאָס״ האַלט זיך נאָך אין גרויסן. די מעקלערין דערקענט אין דעם מיידל, אַז זי האָט נישט קיין ברירה און וועט מוזן גיין מיט איר. זי מאַכט זיך אַוועקשאַרן, אַ באַליידיקטע. דאָס מיידל שטייט אַ רגע און קלערט; באַלד לאָזט זי זיך לויפן נאָך דער ייִדענע ס׳טוט איר שוין באַנג, פאַרוואָס זי האָט אָפּגעזאָגט, זי קאָן זי נאָך פאַרלירן פונעם אויג און ווו וועט זי דאָ גיין אין דער גרויסער שטאָט? זי געפינט זי אויס, לאָזט זיך מיט איר אין שטאָט און איז שוין באַזאָרגט מיט אַ שטעלע ביי רייכע מענטשן, וואָס „אָן זייער שאָדן״...

צוויי חסידים האַלטן זיך אונטער די הענט, זענען ממשיך אַ סוגיא, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אין בויד צו פאַרענדיקן. מ׳שטאַרכעט זיי אין די זייטן, אָבער זיי פילן עס נישט.

די שפּיליטערן און סוחרימלעך צעלויפן זיך; זיי ווילן זיך אַריינכאַפּן אין אַ שול, אָפּדאַווענען און זיך לאָזן איבער די געשעפטן האַנדלען. אַ טאַטע גייט מיט אַ ייִנגל אין אַ ווינקל, לערנט אים דרך־ארץ, ווי זיך צו האַלטן ביים סוחר, ביי וועמען ער וויל אים „אָנשטעלן״. ייִדענעס מיט מיחושן זוכן „היגע״ ווייבער, „אויסצוגיסן דאָס ביטערע האַרץ״ און זיך מישב זיין וועגן אַ „ספּעציאַליסט״. פורמאַנעס שפּאַנען אויס די פערד, שטעלן זיי מיט די מאָרדעס צו דער בויד און שיטן זיי אָן האָבער צום פרעסן. משרתים פון זאַיאַזד גייען אַרום מיט צעטלען, איינקאַסירן „פּאָס־טאָיאָווע״, פאַר איינשטיין אין זאַיאַזד.

פון אַ קוימען איבער אַ הייזל ביים טויער שלענגלט זיך אַ רויך. דאָרט איז אַ קאַוויאַרניע. אַז מען עפנט אויף די טיר, גיט אַ שלאָג אין פּנים אַ געדיכטע פאַרע צוזאַמען מיטן ריח פון אַ פריש־געקאָכטער זופּ, וואָס רייצט דעם אַפּעטיט. ביי די טישלעך זענען אויסגעזעצט געסט: בעל־עגלהס, סוחרימלעך, שפּיליטערן. מען זופּט אַ „גריץ״ און מען פאַרבייסט

מיט פרישע, קנאַקעדיקע זעמל. די בעלי־עגלות מאַכן אַ כוסה. אַרום די געסט פּאַרעט זיך די באַלעבאָסטע, אַ פריילעכע, מיטליעריקע און מיטל־ווּוקסיקע פרוי. איר העלפן אַרויס עטלעכע יונגע טעכטער, לאַכנדיקע און פיין־אָנגעטאָענע מיידלעך. ביי די טישלעך זיצן יונגע מענטשן: פּראָווינ־צער מיידלעך און יינגלעך מיט שעמעוודיק־אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דאָס זע־נען חתן־כלה, אָדער סתם יונגעלייט, וואָס האָבן זיך באַשטעלט קיין וואַרשע אַ ביסל צו פאַרברענגען, און ווייסן נישט פון וואָס אָנצוהייבן. זיי זיצן האַלב־פאַרשעמט און דערוואַרעמט פון די רעיונות און צוזאָגן אויף אַ ביסל גרויסשטאָטישן תענוג. ס'זיצן אויך יינגלעך און מיידלעך, געקומענע פון פאַרשידענע שטעטלעך אויף אַ „זעעכץ". דאָ „בייסט מען איבער" און פון דאַנען וועט מען אַוועק אויף די ברייטע און אַ ביסל שטילערע גאַסן: דלוגע, מיאָדאָווע, זיך דורכצושמועסן. פון הינטן וועלן נאָכגיין די טאַטעס מיט די מאַמעס, אַכטונג געבן אויף יעדער באַוועגונג פון די געשדכנטע יונגעלייט און טראַכטן צי ס'וועט „ווערן" אָדער נישט.

ביי אַ טישל זיצט אַ יונג מיידל צווישן עלטערע פרויען; זי איז געקומען מיט דער מאַמען איינקויפן ביי ראובעלע ראַטענבערג די „וויפּראַ־ווע", דעם חתונה־אויסשטייער, און ווי ס'איז געוואָרן אָפּגערעדט ביי די תנאים, איז אויך מיטגעקומען דעם חתנס מאַמע. זי איז געפאָרן קאָנטראָלירן, צי מען קויפט אַלץ כמדובר, ווי ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן.

ביי אַ צווייט טישל זיצט אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַכער באָרד־שפּראָ־צונג. צוזאַמען מיט אים זיצן עטלעכע עלטערע חסידים. דאָס זענען זיי געקומען איינקויפן אַ שטריימל פאַרן חתן. זיי האָבן זיך נישט וואָס צו איילן און זיצן זיך דערווייל געמיטלעך. זיי דערציילן זיך מעשיות וועגן רבין און גיבן זיך איבער תורות, ביז אַ בעל־עגלה ביי אַ שכנותדיק טישל, אַ ביסל בגלופין פון אויסגעטרונקענעם בראָנפן, הויבט אָן רעדן ניבול־פה. די חסידים פּרוּוון רעדן העכער, ס'זאָלן צו זיי נישט דערגיין די בעל־עגלהשע ווערטער. ווען עס העלפט נישט, פאַרלאָזן זיי די קאָויאַרניע.

פון גאַס הייבן אָן אָנקומען „יינגלעך" מיט פּעקלעך, אָפּגעשיקטע סחורות פון די געשעפטן, וואָס די סוחרים און שפּיליטערן האָבן איינ־געקויפט. די „קאָוויאַרניטשקע" פאַרוואַנדלט זיך אין אַן עקספּעדיטאָר, זי נעמט אָן די פּעקלעך, לייגט זיי פונאַנדער באַזונדער פאַר יעדן סוחר אויף

זייך פּלאַץ. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך די סוחרים און שפּיליטערן און זעען נאָך, ווער עס האָט נאָך נישט „געליוורט“.

אין אָוונט ווערט אַ טאַראַראַם. מען פּאַקט פּעקלעך, מען גרייט זיך צום פאָרן. בעלי־עגלות רייסן אַרויס פון די פערדלעך די זעקלעך האָבער, שפּאַנען די פורן, לאָדענען די סחורה און יאָגן אונטער די פּאַסאַזשירן.

אין די פורן פּאַקן זיך צוריק די פּראָווינצער פּאַסאַזשירן: סוחרים, פאַרהאָרעוועטע, פאַרחושכטע פון אַרומלויפן עטלעכע טעג, נישט דערעסן־דיק און נישט רוענדיק. ס׳קומען כלה־מיידלעך, פאַררויטלטע, צופרידענע — זיי זענען געפעלן געוואָרן. ס׳קומען מיידלעך, פאַרעלטערטע, פאַרחושכטע — ווייטער גאָרנישט געוואָרן. מחותנתטעס ווינטשן זיך — זיי האָבן איינ־געקויפט כל־טוב און אַ מתנה פאַרן חתן. מחותנתטעס ברוגזן זיך — ס׳גע־פעלט זיי נישט דער אויסשטייער.

ס׳פאָרט אַ חתן מיט אַ שטריימל אונטערן אָרעם, ער איז זייער צו־פרידן. אַ יידענע שלעפּט זיך מיט אַ סך פלעשלעך רפואות — פאַרשריבענע דורך אַ דאָקטאָר; און איינע פון זיי איז אַ צולאָג פון אַ גוטן פריינט, אַ טייערע רפואה, וואָס איז גוט צו אַלע ווייטיקן, „סאַלאָווייטשיקס אַ רע־צעפּט“.

מען פּאַקט זיך אין דעם אַזוי אויך אָנגעפּאַקטן וואָגן. אַלע פּאַסאַזשירן פאָרן אַהיים צופרידענע, וואָס עס האָט זיך שוין געענדיקט. פאַרמאַטערט זיך אין די עטלעכע טעג, וואָס זיי זענען געווען אין וואַרשע, קאָנען זיי נישט פאַרשטיין, ווי ווינען דאָס מענטשן דאָס גאַנצע לעבן אין אַזאַ שטאָט, ווו מען מוז זיך אַזוי „מוטשען“. זיי וואָלטן עס נישט אויסגעהאַלטן. זיי דאַנקען און לויבן דעם בורא, וואָס ער האָט באַשאַפן רויִקע און קליינע שטעטלעך, ווו עס לעבט זיך אַזוי שטיל, אָן דעם גרויסשטאָטישן הו־האַ.

— ברוך שפּטרני — רופן אויס די עלטערע יידענעס, ווען דער וואָגן רירט פון אָרט. אומצופרידן זענען דאָ די יונגע: אין וואַרשע, האָבן זיי געהערט — איז דאָ אַזוי פיל צו זען און זיי האָבן גאָרנישט באַוויזן צו באַזוכן. מ׳איז נאָר געלאָפן איבער די געשעפטן. נאָך דער חתונה — זאָגן זיי זיך צו — וועלן זיי עקסטראַ אַהערקומען.

משה זאַנשיין

**
*

ערב יום־טוב האָט אין „זאַיאַזד" זיך באַוויזן אַן אַנדערער עולם. די פורן האָבן דעמאָלט קיין פּאַסאַזשירן פון פּראָווינץ נישט געבראַכט. ווער וועט דאָס אַוועקפאָרן ערב יום־טוב פון דער היים? די בוידן זענען אָנגעקומען ליידיקע צוריקצופירן געסט פון וואַרשע. זיי זענען געקומען נאָך פּאַסאַזשירן, וואָס זענען מיט אַ צייט צוריק געפאָרן קיין וואַרשע און דאָ פאַרבליבן, זיך „איינגעאָרדנט": אָפּגעדונגען אַ האַלב בעטל אין אַ בוידעם־שטיבל, אָדער קעלער אויף מילע, וואָלינסקע און ניסקע, אָפּגע־זוכט זיך אַ „פּראַצאָווניע", געאַרבעט שניידעריי ביי „יענעם" און געוועזן מער אַרבעטסלאָז ווי באַשעפטיקט. אָפּגעהונגערט אַ גאַנץ יאָר, האָט מען דאָך אַוועקגעלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַהיימצופאָרן ווי אַ „מענטש". זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, ווי די שדכנים וועלן קוקן אויף חידוש. אַלע וועלן באַוווּנדערן ווי שנעל ער האָט זיך אין שטאָט „דעראַביעט". די אײַ־בערגעבליבענע אין שטעטל וועלן מקנא זיין. די מיידלעך אין גאַס וועלן זיך רויטלען, ווען ער וועט דורכגייענדיק, זיך פאַרנייגן. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געחלומט וועגן דעם יום־טוב אין דער היים, וואָס וועט אים אָפּצאָלן פאַר דעם הינטישן לעבן, וואָס ער פירט אין דער גרויסער שטאָט.

געטרייסט האָט זיך דאָס מיידל — די „דינסטמויד" אינעם גבירישן הויז: ס׳וועט נאָר קומען יום־טוב און מ׳וועט זי באַפרייען אויף עטלעכע טעג, וועט זי זיך „אויסטראַיען" אין נייעם הוט און פּאַלטאָ, וואָס זי האָט געקויפט אויף וואָלוועקע פאַר די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, וועט אַהיימקומען אין שטעטל, אַרויס אין גאַס שפּאַצירן און וועט קיינעם נישט דערציילן, אַז זי איז אַ דינסט. אַלע וועלן איר נאָכקוקן און באַוווּנדערן די „וואַרשעווער דאַמע".

ס׳פּאָרט אַהיים דאָס מיידעלע מיט די צעפּעלעך, וואָס איז שוין באַלד אַ גאַנצע „מאַדמואַזעל" געוואָרן. ס׳איז איר געלונגען. זי אַרבעט טאַקע אין אַ בוכהאַנדלונג און לערנט זיך בוכהאַלטעריע. זי פּאָרט מיט גאַנצע פּלע־נער: נאָך יום־טוב וועט נאָך אַ שוועסטער פאָרן קיין וואַרשע, נאָך דעם אַ צווייטע, ביסלעכווייז וועלן זיי אַראָפּנעמען די גאַנצע משפּחה מיט דער מאַמען בראש און מ׳וועט ווערן וואַרשעווער.

יידיש־וואַרשע

מיט פריילעכע געמיטער קומען די ערב־יום־טוב־פּאַסאַזשירן אין זאַיאַזד. אַלע זענען צעשמייכלטע. מען טרעט אָפּ אין דער קאַוויאַרניע און די שמחה ווערט גרעסער: שוין היובן אָן מקויים צו ווערן זייערע חלומות. די קאַוויאַרניטשקע האָט זיי דערקענט — זי דערקענט אַלע, וואָס גייען דורך איר קאַוויאַרניע — און מאַכט זיי קאָמפּלימענטן. „ווי זי זעען אויס" — שרייט זי אויס און גיט אַ פּאַטש מיט די הענט — ס'איז דאָך אַ מחיה אויף אין צי קוקן". זי באַנוצט זיך שוין נישט מיט „דו", ווי בעת זיי זענען געקומען צופאָרן.

„זי לאַכן נישט? — וויל זיך פאַרזיכערן דער ערב־יוב־טוב־פּאַסאַזשיר, צי מ'חוזקט נישט פון אים.

—פאַרוואָס זאָל יאָך לאַכן, הלוואי קריג יאָך אַזאַ חתן פאַר מיינע טעכטער, ענטפערט די קאַוויאַרניטשקע, מער טאַקע אין ערנסט ווי אין שפּאַס.

די פּאַסאַזשירן צופרידן פון אַזעלכע קאָמפּלימענטן, פאַרבעטן זייערע מיטפאָרער צום בופעט, „פּונדעוועו" אַ קיכל, אַ גלאָז זאָדע־וואַסער מיט סאָק. אַמאָל אויך אַ מצהלע מיט וורשט און אַ גלאָז „בייעריש" ביר.

מען זאָגט זיך „פראַשען פּאַנאַ" און „פּראַשע פּאַני", מען רעדט פון געלייענטע ביכלעך, וואָס מ'האָט געבאָרגט ביי ברעסלערן אין ביבליאָטעק און מען דערציילט זיך וועגן די פּיעסעס, וואָס מ'האָט געזען אין יידישן טעאַטער.

דעם רעכטן קבלת־פּנים קריגט מען איצט, ווען עס קומען אָן די בעלי־עגלות, די זעלבע, וואָס ביים ברענגען זיי, האָבן זיי נישט מיט די פּאַסאַזשירן קיין מחזקות. — נו, קריך אַרויף מיט דיין טלומאַק און הענג אַראָפּ די פיס — האָבן זיי דעמאָלט אַ קאָמאַנדעווע געטון און געהייסן זיך באַצאָלן פאָרויס. היינט ווישן זיי אָפּ דאָס געזעס מיט די פּאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס און פאַרהיקען זיך, נישט ווויסנדיק ווי אַזוי צו רעדן מיט די געסט: מיטן אַלטן „דו", אָדער מיטן גרויסשטאָטישן „איר".

— „איר דערקענט מיר נישט?" — שאַרן זיך די פּאַסאַזשירן צו די בעלי־עגלות.

— „פאַרוואָס זאָל איך דיך נישט דערקענען, איר זענט דאָך חיים־ברוכס זונדל, נו זיצן זי, זייט־זשע מוחל".

— האַ, צלאָוועס טעכטערל — רופט אויס אַ צווייטער בעל־עגלה, קיין עין־הרע, אַ „מאַמזעל״ אויסגעוואַקסן. דאָס „מאַמזעל״ שנירט די ליפּעלעך און פרעגט זיך אויס אויף דעם בעל־עגלהס משפּחה. — „וואָס מאַכן אינעס טאָכטער?״ — באַמיט זי זיך צו רעדן דייטשמעריש.

— „נישט קיין לייט — זיפצט דער בעל־עגלה — אַז זי זיצט דאָרט אין שטעטל און האָט זיך מורא אַרויסצורירן. זי וואָלט שוין אפשר אויך געווען אַזאַ „גראַפינע״ ווי זי. מענטשן האָבן מזל — זיפצט דער בעל־עגלה — האָבן זיי לייטישע קינדער״.

די פּאַסאַזשירן שטייגן איין, זעצן זיך אויס אויף די בענק, האַלטנדיק אויף די קני פּעקלעך מיט מתנות פאַר דער משפּחה. נישט איינער פון זיי האָט אויסגעגעבן דערויף די לעצטע גראָשנס און זיצט אומרויִק, נישט וויסנדיק פון וואַנען ער וועט נעמען אויף הוצאות צוריקצופאָרן קיין וואַרשע.

**
*

האַרט פאַר דער מלחמה האָבן שוין אויפגעהערט קומען די בוידן. זיי זענען געוואָרן אַרויסגעשטויסן דורך די אויטאָבוסן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו קורסירן צווישן וואַרשע און די צענדליקער יידישע שטעטלעך אין פּוילן. פון זאַיאַזד איז פאַרשוווּנדן דער ריח פון פערד און פאַרפוילטע סעטשקע. זייער אָרט האָט פאַרנומען דער ריח פון בענזין. ס׳האָט זיך געענדערט דער אויסזען פונעם זאַיאַזד און זיין נאָמען. מ׳האָט אים שוין מער נישט גערופן „זאַיאַזד״, נאָר „אויטאָבוסן־סטאַציע״. די פּאַסאַזשירן זענען אָבער געווען די זעלבע פּראָווינצער יידן, די יידן פון די פיל קליינע פּויליש־יידישע שטעטלעך, ביי וועמען ס׳האָבן זיך פאַרדרייט די קעפּ, ווען זיי האָבן געהערט אויסרופן: וואַרשע, באָניפראַטן־גאַס!

די נאַלעווקעס

אָנגעהויבן האָבן זיך די נאַלעווקעס ביי דער דלוגע — אַט דער גאַס, וואָס האָט געשמעקט מיט גוישן געקאָכטן זויער־קרויט, פאַררייִשט אויף חזיר־פעטס. ביי דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום „פּאָווישלעדיקן" פּאָדוואַל — די ווייסל־געגנט אין וואַרשע און האָט זיך געקענט רעכענען פאַר אַ ראַנד פונעם ייִדישן צענטער. אויף דער צווייטער זייט דלוגע, ווי אַ פאַרלענגערונג פון די נאַלעווקעס, האָט זיך געפונען די ביעלאַנסקע, וואָס האָט אויך אַ גאַנץ יאָר נישט „געשמעקט" מיט קיין ייִדישקייט. אַז אַלע געשעפטן זענען דאָרט ייִדישע האָט מען דערקענט נאָר ראש־השנה און יום־כיפּור. אין די ימים־נוראים, ווען „אַ פיש אין וואַסער ציטערט אויף", האָט זיך אָפּגערופן דאָס פאַרגווייִשטע ייִדישע האַרץ.

מ׳האָט מוותּר געווען אויף די סוחרישע קאַלקולאַציעס, אויף דעם, וואָס „כראַביע איקס" מיט זיין געליבטער — די אַרטיסטין „איגרעק" וועלן טרעפנדיק דאָס געשעפט פאַרמאַכט, אַוועק בייזע און מער נישט קומען. מ׳האָט אַפילו נישט געקוקט, וואָס דאָס אַנטיסעמיטישע בלעטל „שבת־גוי" וועט צוליב דער העצע פון „סוואָי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע" (נישט צו קויפן ביי ייִדן) פאָטאָגראַפירן דאָס פאַרמאַכטע געוועלב און אונטער אַן אויפשריפט „איי ווי מאַמעלע, טאַטעלע, טשאָלנט, קוגל" עס וויזן זיינע לייענער אַלס סימן, אַז ס׳איז אַ ייִדיש געשעפט און מ׳דאַרף דאָרט נישט קויפן.

ראש־השנה, יום־כיפּור האָט ביעלאַנסקע אַוועקגעגעבן דעם ייִדישן גאָט, ווער צופוס און ווער מיט זיין אייגענעם אויטאָ איז אַוועק אויף טלאָמאַצקע אין דער „דייטשער שיל" זיך „מאָדליען".

געווען איז דאָס אָבער בלויז אין די „הייליקע טעג". אַ גאַנץ יאָר

זענען די סוחרים געווען גוייִשע (ייִדישע גויים) און די קונים גוייִשע (אמתע גויים) איז מען נאָר אַריבערגעגאַנגען דאָס שטיקל דלוגע־גאָס — די ברייט — איז מען אַרײַן אין די ייִדישע נאַלעווקעס.

דער אָנהייב פון דער נאַלעווקעס איז נאָך געווען אַ גוייִשער. אין די ערשטע הײַזער האָט זיך געפונען דער „אַרעסנאַל״ — די תפיסה, וואָס האָט זיך געצויגן פון דלוגע און אַרײַנדרייענדיק זיך אין די נאַלעווקעס, פאַרנומען אַ שטיק גאָס. גלײַך נאָך דער דאָזיקער געבײַדע איז געווען דער הויף פון דער פײַערלעשער־אָפּטײלונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן „אַרסענאַל״ און געצויגן זיך ביז דער נאָוואָליפּקי.

דאָס ביסל גוייִשקייט אין די ייִדישע נאַלעווקעס איז אָבער געווען נישט גרעסער ווי דאָס שטיקעלע נישט־פאַרשמירטע וואַנט, וואָס אַ ייִד לאָזט איבער, בויענדיק אַ גרויס רײַך הויז „זכר לחורבן״.

אַ זכר־לחורבן איז דאָס געווען — זאָלן ייִדן פון די נאַלעווקעס, פון דער דורכויס ייִדישער גאַס וואָס לעבט בלויז מיט ייִדן, אַ ייִדיש, פרום און טראַדיציאָנעל לעבן — נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען אין גלות. עס זענען דאָ גויים אויך — האָט מען זיי געוויזן, קוקט און פאַרגעסט נישט. זענען די גויים טאַקע בלויז אַ סימבאָל געווען. און ווי יעדער סימבאָל בײַ אַ געזונטן לעבעדיקן מענטש, האָט ער אַרויסגערופן בלויז אַ מינוטיקן רעפלעקס. ייִדן האָבן דורכגייענדיק זיך געווונטשן: „מ׳זאָל אויסגעלייזט ווערן פון גלות״. ס׳איז אָבער גענוג געווען, מ׳זאָל זיך אויסדרייען מיט די פּלייצעס צו דעם ביסעלע גוייִשקייט, האָט מען אין זיך שוין אַרײַנגעאָטעמט ייִדישקייט.

***

נאַלעווקעס צוויי. ס׳איז טומלדיק. צוויי ייִדישע שולן — מיטלשולן — אין איין הויז. אַ ייִנגל־שול און אַ מיידל־שול. ווער נישט מיטגעריסן מיט די הייסע בליקן פון די משהלעך, שלמהלעך און שרהלעך — און זאָל זײַן אַפילו בראָנקעס, וואָס בליצן פון די ייִדישע חנוודיקע שוואַרצע אויגן. בעת דער הפסקה: בײַ די פענצטער פון די שולן — ייִדיש יונגוואַרג, פון איין זײַט ייִנגלעך, פון דער צווייטער מיידלעך — ס׳פירט זיך אַן אומשולדיקער פלירט.

ס'איז פֿאַרשטענדלעך אַ צופֿאַל, וואָס באַלד דאָס ערשטע הויז פֿון די נאַלעווקעס באַגעגנט דיך מיט יוגנט. ס'ווערט דיר אָבער אַזוי וואַרעם, אַזוי גוט. פֿלירטעוועט, יידישע קינדער. לאַכט, פֿרייט זיך. מעגלעך, אַז אַ טייל פֿון אייך וועט מאָרגן גיין אויף פֿרעמדע דרכים, אָבער די גרעסטע טייל וועט זיין מיט אונדז. און כאָטש איר רעדט צווישן זיך פּויליש, הערט מען נישט איין מאָל דערמאָנען ביאַליקן, טשערניכאָווסקין, פּרצן, אַשן. ביים רעדן באַוועגט איר מיט אייערע הענטלעך און קערפּערלעך, אַן איבערבלייב פֿון אייערע טאַטעס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט ביי „אמר רב פּפּא".

אביסעלע ווייטער גייט ווידער אַ „פּאַרל" — צוויי ספּאָרט־קלובן, ווו יידישע יוגנט איבט די קערפּערס, אַז יידן זאָלן געזונט זיין, זאָלן האָבן גלייכע קערפּערס און געזונטע מוסקולן. קומען יידישע יינגלעך, יידישע מיידלעך, אפילו עלטערע, אַזעלכע ביי וועמען עס ווייזט זיך שוין אַ גראָע האָר אין קאָפּ. קומען אַרבעטער פֿון וואַרשטאַטן, „מענטשן" פֿון די געשעפֿטן, שילער פֿון די שולן, סטודענטן פֿון די אוניווערסיטעטן. קומען פֿאַרשידענע יידן מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם — איב־קאָסטיומען, איב־מכשירים. גייען טייל אַראָפּ אין דעם גרויסן קעלערדיקן זאַל פֿון נאַלעווקעס צוויי, ווו ס'געפֿינט זיך דער „מאָרגנשטערן". גייען טייל אַרויף אויף דעם פֿערטן שטאָק פֿון נאַלעווקעס צוויי, ווו ס'געפֿינט זיך די „מכבי".

הערט זיך דורך די אָפֿענע פֿענצטער פֿון „מאָרגעשטערן": „איינס, צוויי", טראָגט זיך פֿון „מכבי" „אחת, שתים". שאַלט דער ערשטער: „פֿריש, פֿריי", יובלט דער צווייטער: „חזק ואמץ". שטייען יידן אויף די גאַסן, הערן זיך צו, סמאַקעווען צו: „אַ געזונט אין זייערע ביינער".

איז עפּעס אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב, אָדער אַ פֿאָלקס־יום־טוב, באַווייזן זיך אין גאַס טויזנטער ספּאָרטלער אין זייער הלבשה. קומט פֿאַר אַ פֿאַרמעסט מיט „גוישע" קלובן און עס געווינען די יידישע, ווערט די נאַלעווקעס נאָך האָפֿערדיקער, נאָך רחבותדיקער. דאַרף מען שוין טאַקע צומאָל — מ'זאָל זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דעם שטיקעלע „זכר־לחורבן" — פֿאַרגעסט נישט יידן, אַז איר זענט אין גלות.

אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר טריט, שטייט מען פֿאַר דער „יידישער מלוכה" — נאַלעווקעס 2 א. דאָרטן איז דער נאַציאָנאַל־ראַט. די צענטראַל־קאָמיטעטן פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס: תרבות, קרן־קימת,

קרן־היסוד. דאָרט איז די רעדאַקציע „היום". דאָרט איז די סטודענטישע אָרגאַניזאַציע „ירדניה", די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „גדוד קרן קימת".

קומען ייִדן, גייען ייִדן — ייִדן פון וואַרשע און פּראָווינץ, ייִדן פון שטעט און שטעטלעך. ווער עס דאַרף צו די דעפּוטאַטן — ייִדישע שליחים אין פּוילישן סיים. ווער עס זוכט אַן ארץ־ישראלדיקן דעלעגאַט — אַ גע־קומענעם אין שליחות צו איינער פון די פיל ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ווער עס איילט זיך אויף אַ קאָנפערענץ אין באַרימטן צימער נו־מער 16 — דעם קאָנפערענץ־זאַל פון דעם גרויסן ציוניסטישן „רעגירונגס־לאָקאַל". ווער ס'קומט זיך באַמיִען וועגן אַ פּרעלעגענט צו דעם „קרן קימת־באַזאַר", אָדער קהילה־וואַלן אין איישישאָק, סראָצק, פּולטוסק, אָדער קאַלושין — איינעם פון די קליינטשיקע ייִדישע שטעטלעך, צעוואָרפענע איבער גאַנץ פּוילן.

עס טומלט זיך אויף נאַלעווקעס 2 אַ. אין די צימערלעך — טיילמאָל אָפּגעשלאָסענע — ווערט געמאַכט פּאָליטיק: ייִדישע פּאָליטיק אין פּוילן און אפילו מער ווי ייִדישע.

דאָ איז אַמאָל געשאַפן געוואָרן דער בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן. צווישן די פיל ייִדישע פּנימער האָבן זיך דעמאָלט דורכגע־וואָרפן אויך די פּנימער פון אוקראַינער, דייטשן, ווייסרוסן און אַנדערע פאָרשטייער פון די פיל מינדערהייטן, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן.

דאָרט האָט מען זיך געגרייט צו וואַלן: צום סיים, שטאָטראַט, קהילה. דאָרט האָט מען זיך געגרייט צו קאָנגרעסן. און ערב־וואַלן זענען דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן 24־שעהדיקע מיטינגען. ס'האָט זיך נישט פאַרמאַכט די טיר פון „צימער 16" אַ גאַנצן מעת־לעת. איין רעדנער אַראָפּ פון דער טריבונע, איז דער צווייטער אַרויף. זענען ייִדן אַרויס פון זאַל — נאָך עטלעכע רעפעראַטן, זענען אויף זייער אָרט געקומען אַנדערע. פאַר נאַ־לעווקעס 2אַ זענען געשטאַנען רייען — לאַנגע רייען ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט הערן.

פאַר דעם הויז איז געשטאַנען אַ לאַנגע קייט אויטאָס, וואָס האָבן צע־פירט די פּרעלעגענטן איבער פאַרשידענע פּונקטן פון שטאָט. פון דאָרט זענען אַרויס רעדנער — יונגע און אַלטע — טייל הייזעריק שוין ווי די וואַנט, פון פיל רעדן. מ'האָט געמאַכט פּאָליטיק.

דאָ אויף נאַלעווקעס איז מען אַריינגעפאַלן אינעם ווירוואר פונעם נאַלעווקער האַנדל, פון דער קאָמערץ, וואָס האָט געהאַט זיינע אייגענע פאַר־מען: אַזעלכע, וואָס איר קאָנט נישט געפינען אין קיין שום לערן־ביכער, וועלכע רעדן וועגן „קאַפּיטאַל און אומזאַץ״, וועגן אַרבעט־געבער און אַר־בעט־נעמער, וועגן עקאָנאָמיק און אירע געזעצן.

אפשר איז עס נישט קיין צופאַל, וואָס ביי די „טויערן פונעם יידישן האַנדל״ —ביים אָנהויב פון די קאָמערציעלע נאַלעווקעס, האָט זיך, ווי אַ מזוזה אויף דער טיר ביי אַ פרומען ייד, געפונען אַזאַ צווייג פון האַנדל, וואָס דו קענסט נישט פאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע: „פּראָפיט־אונ־טערנעמונגען״, נאָר באַסטיאָנען פון קולטור. דער אָנהויב פונעם האַנדלס־צענטער זענען געווען די צוויי פאַרלאַגן און ביכער־געשעפטן פון די באַ־קאַנטע משכילים, גיטלין און קאַזאַק.

צי האָט די „מזוזה״ געלייגט איר חותם אויף די נאַלעווקעס, אָדער די נאַלעווקעס האָט אַרויסגעהאָנגען די „מזוזה״, אַ פאַקט איז, אַז די גאַס איז געווען אַ געמיש פון „דן און זבולון״ — פון תורה און משא־ומתן.

האָבן נאָך אויף די נאַלעווקעס געקענט זיין בענק, ווו דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון יידן מיט בערד און פּיאות, וואָס זענען גע־זעסן ביי דער אַרבעט מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ. בענק, געשלאָסענע אַ גאַנצן שבת, פון פרייטיק 12 אַזייגער ביי טאָג.

אַ גערויש, אַ טומל אויף די נאַלעווקעס. ווער ס׳קויפט, ווער ס׳פאַר־קויפט, ווער ס׳טוישט. זאָקן, וועש, גאַלאַנטעריע, גאָלד, זילבער, וואַליוטע.

הייף אויף די נאַלעווקעס — גאַסן. אין די הייף ריזיקע הייזער. אין יעדן הויז הונדערטער צימערן. אין יעדן צימער פיר ווינקלען. אין יעדן ווינקל עטלעכע סוחרים. נישט געבליבן קיין צימער, זענען טרעפּ גוט. נישטאָ קיין אָרט אויף די טרעפּ, „בינדט מען זיך צו צו אַ שטיין״ און מ׳האַלט זיך ביי די נאַלעווקעס. ווייסטו נישט מיט וואָס פאַראַ נס האַלטן זיך די שטויסן סחורה, אָנגעלייגטע אויף גאָרנישט — דער אמתער „תולה ארץ על בלימה״.

פאַרשטייסטו נישט וואָס פאַראַ קונצנמאַכער איז דער סוחר, וואָס שלעפּט, ווייסט נישט פון וואַנען, בערג מיט סחורה, וואַרפט זיי אַזוי קונ־ציק, לייזט „מיליאָנען״ און פאַרוואַרפט „די וועלט״ מיט סחורה.

קומען קונים, גײען קונים. פּאַקט מען, טראָגט מען, פירט מען פּעק.
קויפט מען אַלץ, פאַרקויפט מען אַלץ. צאָלן דאַרף מען נישט. אַלץ אויפן וואָרט. „כמו", „כמעט", „אָפּן", שלושים יום".

פירט מען ביכער אויף „שלי שלך". פירט מען קאָנטעס: „ר׳ אברהם נ״י מ׳זשעלעכאָוו", „ר׳ אהרן נ״י מ׳קאָזשעניץ", און עס איז הייליק. מ׳גלויבט, מ׳צאָלט, מ׳דאַרף נישט קיין געריכט.

מ׳איז פאַריאָגט אויף נאַלעווקעס, פאַרשמייעט, אָבער קיין מנחה פאַרגעסט מען נישט. איבערלאָזנדיק דעם שטויס סחורה אויפן טיש, שפּרינגט מען אַראָפּ אין בית־המדרש פון זעלבן הויף און מ׳כאַפּט אַרײַן אַ תּפילהלע.

אין יעדן הויף איז דאָ אַ שול. יעדער ווירט האָט אין זײַן הויף געבויט אַ מקום־קדוש, כאָטש ער וואָלט פאַר דעם אָרט געקאָנט „מאַכן גאָלד".

ווערן נישט פאַרשוויגן די תּפילות אין די שולן אַ גאַנצן מעת־לעת. איז דער לעצטער קדיש נאָר וואָס אָפּגעזאָגט פון איין בעל־תּפילה, שטייט שוין אַ צווייטער ביים „ברעטל" און ס׳גייט אַ פרישער מנין. האָט ווער אַ „יאָרצייט" און פאַרשפּעטיקט דעם מנין ביי זיך, „שפּרינגט" ער צו אויף נאַלעווקעס 15 אָדער 17. ער וועט שוין זײַן חוב דעם פאַרשטאָרבענעם „אָפּצאָלן" — ער וועט נאָך באַווייזן אַ קדיש.

עס זענען שוין דאָ אויך מאָדערנע סוחרים אויף נאַלעווקעס. עס באַווייזט זיך אַ שילדל: „דאַם האַנדלאָווי" פון דער פירמע „ג", מיט גרויסע שוי־פענצטער, מיט בוכהאַלטערן, מיט גראָבע ביכער מיט „דעבעט, קרעדיט".

ס׳טרעפט זיך, עס באַנקראָטירט אַזאַ סוחר, לאַכן ייִדן און דערציילן אַנעקדאָטן וועגן אַ ייִד, וואָס האָט כל ימיו געשריבן אויף דער וואַנט זײַן „שלי שלך". ער האָט חתונה געמאַכט טעכטער און געפירט אַ שיין לעבן, ביז ער האָט צוגענומען אַ בוכהאַלטער, האָט ער... באַנקראָטירט.

ייִדן לאַכן, כאָטש נאָך דעם איינעם „מאָדערנעם" באַווייזט זיך שוין אַ צווייטער, אַ דריטער. די „דאַם האַנדלאָווי׳ס" ענדערן אָבער נישט דעם פּרצוף פון די נאַלעווקעס. אויך זיי זענען געשלאָסן שבת אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע געשעפטן. און אויך זיי מוזן צולענען די טיר, ווען אויף די נאַלעווקעס — נישט געדאַכט זאָל עס זײַן — גייט דורך אַ לוויה. צוזאַמען מיט

די סוחרים גייען די „קופּצעס" — די אייגנטימערס פון די „דאָם האַנ־דלאָווי" — אַרויס פון זייערע געשעפטן, גייען נאָך צען טריט און באַגלייטן דעם מת צו זיין אייביקער רו.

אין דעם טומל פון די נאַלעווקעס האָט זיך אַריינגעקליבן אַ יידישע רעדאַקציע. דער באַקאַנטער און פאַרשפּרייטער „מאָמענט" האָט זיין זיץ־אָרט געהאַט אויף נאַלעווקעס 38. פלעגן דורך די רוישיקע נאַלעווקעס דורכשפּאַצירן גרויסע מענטשן, ליטעראַטן, שרייבער און דיכטער. יידישע סוחרים האָבן אויפגעשיינט „נשמה־יתירהדיק", געלאָזט שטיין דעם קונה און געלאָפן נאָכקוקן: וואָ, סעגאַלאָוויטש, וואָ, וואָ, נח פּרילוצקי, הלל צייט־לין, זלמן שניאור. און עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן לעצטן אַרטיקל פון דעם דורכגעגאַנגענעם שרייבער, וועגן לעצטן ליד פונעם דיכטער, האָט זיך אַריינגעמישט דער „מענטש", וואָס עס איז אים נישט געפעלן דער „נישט־פּראָלעטאַרישער צוגאַנג" פונעם בעל־הבית. איז אַוועק אַ דיסקוסיע.

צו דער דיסקוסיע האָט אַלע מאָל געמאַכט אַ סוף דער קונה — אַ פאַרשמייעטער פּראָווינצער סוחר, אָדער שפּיליטער, וואָס איז קומענדיק קיין וואַרשע געוועזן אַזוי פאַריאָגט, אַז ער האָט אפילו נישט באַוויזן אויפ־צועסן דאָס ברויט מיט דער ציבעלע, וואָס ליגט שוין ביי אים אין טאַש צוויי טעג — געברענגט מיט זיך פון זיין שטעטעלע גאַרוואָלין אָדער פולאַוו.

פאַריאָגט איז דער פּראָווינצער געווען. חוץ די צענדליקער געשעפטן, וואָס ער האָט באַזוכט אויף די נאַלעווקעס, האָט ער נאָך געהאַט צו דער־ליידיקן קהלשע ענינים, געמוזט לויפן צום „פּאָסעל" אויף נאַלעווקעס, צום רעדאַקטאָר — נאַלעווקעס 38, און אַמאָל אויך אויף טלאָמאַצקע 13, איינלאַדן אַ ליטעראַט אויף אַן „אָוונט" אין שטעטל.

אויך דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט אָפּגעשטאַנען. אויף דער צוויי־טער העלפט נאַלעווקעס זענען געווען עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די בונדישע נאָדל־ און מעטאַל־פאַראיינען אויף נאַלעווקעס 34, דער פּועלי־ציוניסטישער בוי־ און טראַנספּאָרט־פאַריין אויף נאַלעווקעס 35, און די אומלעגאַל־„רויטע" טעקסטיל־„בירזשע" אויף די טראָטואַרן פון די נאַ־לעווקעס. האָט רויט זיך דאָרט אָפט באַוויזן. רויט, פון די פיל רויטע פּראַ־

לעטאַרישע פענער, וואָס האָבן געפלאַטערט ביי יעדער מאַניפעסטאַציע און אַרבעטער יום־טוב.

שטאַרק זענען די פאַראיינען געווען, אָרגאַניזירט בעסער, ווי ביי די אומות־העולם.

איז די נאַלעווקעס אָפט געווען אַן עדות פון ריזיקע מאַניפעסטאַציעס, מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. האָט די נאַלעווקעס געזען טויזנטער ייִדישע אַרבעטער שטראָמען צו זייערע פאַראיינען. האָט די נאַלעווקעס געהערט דאָס מעכטיקע געזאַנג פון גלויבן און האָפנונג, אַז דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער און אַנטשיידענער קאַמף".

*****

פרייטיק פאַרנאַכט איז אויף די נאַלעווקעס שטיל געוואָרן. די געשעפטן זענען געשלאָסן געוואָרן. די באַלעבאַטים מיט זייערע „מענטשן" זענען אַוועק אַהיים. די „שומרי שבת" האָט שוין נאָכקאָנטראָלירט די הייף און אַהיימגעיאָגט דעם לעצטן פאַרשפעטיקטן סוחר. האָט די גאַס אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן.

צו „תחית המתים" איז זי אויפגעשטאַנען פרייטיק פאַרנאַכט, נאָכן טראַדיציאָנעלן פרייטיק־צו־נאַכטיקן טיש.

די גאַס פלעגט ווערן פול מיט ייִדן, וואָס האָבן זיך געאיילט צו כאַפּן רוחניות. פרומע ייִדן זענען געגאַנגען הערן דעם מטיף אין שול „סיני" — נאַלעווקעס 2, אָדער דעם מגיד אין „חברה ש״ס" — נאַלעווקעס 37. נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדן זענען געגאַנגען הערן אַ ציוניסטישן רעדנער אויף נאַלעווקעס 2א'. אַרבעטער האָבן געשטראָמט צו הערן פּאָליטיק אין „מאָרגנשטערן", אָדער אין אַנדערע פאַראיינען.

האָט די העברעיִשע יוגנט געאיילט זיך אין „הפינה העברית" אויף פּשעיאַזד, לעבן די נאַלעווקעס. און גייענדיק האָט זיך „אונטערגעבאָמקעט" אַ ניגון אַזוי זיך — נישט ווילנדיק — סתם פון רחבות וועגן.

*****

„על אלה אני בוכיה". שטייט אַן אייזערנער סלופּ — דאָרט ווו עס איז נאַלעווקעס 2 געווען — אַן איבערבלייב פון דעם גרויסן „סימאָנס פּאַסאַזש".

שטייט ער — דער סלופּ — און פון ביידע זייטן שטאַרצן אַרויס צוויי אייזערנע פליגל ווי אויסגעשפּרייטע הענט. זעט ער אויס — דער סלופּ — ווי ער וואָלט זיך געבויגן אַ וויינענדיקער איבער די חרובע נאַלעווקעס.

שטייען נישט ווייט פון אים עטלעכע ביימער, אָפּגעסמאַליעטע — אַ זכר פונעם קראַשינסקי־גאָרטן.

דאָס זענען די איינציקע עדות פונעם לעבן און אומקום פון די יידישע נאַלעווקעס. ווען דו דרייסט זיך אויס צו זיי מיט דער פּלייצע זעסטו, אַז די „גוישע וואַנט" — די וואַנט פונעם „אַרסענאַל" — איז געבליבן גאַנץ.

זי איז געבליבן אַ זכר־לחורבן.

שוין נישט אַלס „סימבאָלישער זכר", נאָר אַ ריכטיקער זכר — צום חורבן נאַלעווקעס.

גענשע־גאַס

גענשע־גאַס איז געווען דאָס האַרץ פון מאַנופאַקטור־האַנדל. זי האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די אויסאַרבעטונג פון אַלע פּוילישע אינדוסטריע־צענטערן און פונאַנדערגעטראָגן זי אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון פּוילן און פון שכנותדיקע לענדער. קיין וווינונגען זענען אויף דער האַנדלס־טייל פון גענשע נישט געווען. יעדעס געוועלב, צימער און קעלער איז געווען אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, אָנגעשטאָפּט פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט מיט שניט־סחורות. אַפילו אין די הייזער, אונטער די טרעפּ פון איין שטאָק צום צווייטן האָט מען געהאַנדלט מיט מאַנופאַקטור. פלעגט אַלעמאָל אויף גענשע גאַס זיין אַ געררודער פון סוחרים און הענדלער, מעקלערס און קאָמיסיאָנערן, פאַבריקאַנטן און האַנטווערקער, פורמאַנעס און טרעגערס.

אויף גענשע האָט מען אָנגעטראָפן ייִדן מכל המינים: גבירים, וואָס מאַכן מסחר און קבצנים וואָס דרייען זיך ביים מסחר. ייִדן שטאָטישע און שטעטלדיקע פון גרויס־פּוילן, פון קליין־פּוילן און ליטוואַקעס מכל המינים — פון ביאַליסטאָקער „ליטוואַקעס" ביז ווילנער, באַראַנאָוויטשער און גראָדנער. יעדער מיט זיין אויסשפּראַך, מיט זיין דיאַלעקט און מיט זיינע העויות. האָט די גאַס אויסגעזען, ווי אַן אויסשטעלונג פון אַלערליי ייִדן.

אַרום די ייִדן, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן פּוילן, האָבן זיך געפּאָרעט די סוחרים און אָנגעשטעלטע פון גענשע־גאַס און האָבן זיך באַמיט צו רעדן מיט יעדן אויף זיין שפּראַך און דיאַלעקט. האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלער גענשער ייִדיש, אַ שפּראַך פון חצי ייִדיש, פּאָלאָווינע רוסיש, פאַרבראָקט מיט פּויליש און מיט ווערטער, וואָס נאָר אַ גענשער סוחר און אָנגעשטעלטער האָבן זיי פאַרשטאַנען.

— זאָלסט אים גוט באַהאַנדלען — האָט אַ סוחר אַ זאָג געטון צו זיין אָנגעשטעלטן, ווען ס'האָט זיך באַוויזן אַ פּראָווינצער סוחר, וועמען ער האָט אָפּגעשטעקט אַ ברייטן שלום־עליכם. — זאָלסט אים רעכענען „ער־דעהאַ"־פּרייזן, ערשטער סאָרט.

— איר זאָלט געדענקען — האָט דערנאָך דער פּראָווינצער דער־מאָנט כסדר דעם משרת — אייער בעל־הבית איז מיין בעסטער גוטער פריינט און איר זאָלט מיר רעכענען די אמתע „ערדעהאַ"־פּרייזן.

ער האָט נישט געוווּסט, אַז „ערדעהאַ" זענען ראשי־תיבות ר. ד. ה., וואָס הייסט: „רייס די הויט".

נישט אין רייסן די הויט איז געגאַנגען דעם סוחר פון גענשע־גאַס. ער האָט זיך דווקא געלאָזט באַגניגענען מיט די קלענסטע רווחים און קיי־נער האָט מיט אים נישט געקאָנט קאָנקורירן. געגאַנגען איז אים נאָר אינעם וויץ. אויף גענשע־גאַס האָט מען ליב געהאַט פרייליכקייט און גאַנץ אָפט האָט מען נישט געקאָנט אונטערשיידן וואָס דער סוחר איז אויסן, דעם מסחר אָדער די לעבעדיקייט אַרום אים.

מסחרן האָט מען געקאָנט אויף גענשע־גאַס כמעט אַ קיילעכיקן מעת־לעת. זיבן אַזייגער אָונט האָט מען געמוזט שליסן די קראָמען, ווייל די פּאָליציי האָט געצוווּנגען. האָט מען לפּנים פאַרמאַכט די טירן צו דער שעה, און אַז אַ קונה איז געקומען שפּעטער, און אַפילו גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער נאָר געדאַרפט אָנקלאַפּן און אַריינשרייען „עפנט אַ משלנו". באַלד האָט זיך געעפנט אַ טירל און ער האָט געקאָנט קויפן וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט. ס'פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז אַ „זעקס" — אַ פּאָליציאַנט — האָט זיך אויסגעלערנט דעם „סעזאַמי, עפן זיך", האָט ער אַריינגעשריגן „משלנו" און מען האָט פאַר אים געעפנט די טיר. דער פּאָליציאַנט איז אַריין אין געשעפט, געבייזערט זיך, וואָס מען ברעכט דאָס געזעץ. אַרויסגענומען פון טאַש אַ נאָטיץ־ביכל און גענומען עפּעס שרייבן. און געענדיקט האָט זיך דאָס שטענדיק דערמיט, אַז ער וועט אַריינקומען מאָרגן בייטאָג. טיילמאָל פלעגט מען אים דערמאָנען, אַז ער איז ערשט נעכטן געווען אין געשעפט און ער פלעגט אַ פאַרשעמטער זיך פאַר־ענטפערן, אַז ער האָט פאַרגעסן.

שבת האָט די גענשע־גאַס געענדערט איר פּנים. די הכנות צום שבת

האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך פּרייטיק. דעמאָלט זענען שוין קיין פּראָווינצער סוחרים נישט געקומען, האָבן זיך אַ לאָז געטון איינצל־קונים, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם פרייען טאָג אין די הורטאָווניעס, אויף צו כאַפּן מציאות. צו די דאָזיקע קונים האָט זיך דער בעל־הבית נישט אַריינגעמישט, און אויך נישט דער עלטערער משרת. זיי פלעגן זיך שוין סתם אַרומדרייען און צום פּסוק זענען צוגעלאָזט געוואָרן די „יינגלעך" — יונגע משרתים וואָס האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זייער בריהשקייט. די יונגע חברה האָבן באַוויזן, אַז זיי שטייען נישט אָפּ פון די דערוואַקסענע און לצעוועין נישט ערגער פון זיי.

— קריך אַרויף אויף דער שטול — פלעגן זיי באַפעלן אַ פויער, וואָס איז געקומען קויפן סחורה אויף אַ פּאָר הויזן. — מ'דאַרף דיר אויסמעסטן צו וויסן וויפל סחורה דו דאַרפסט האָבן. דער פויער איז אַרויף אויף דער שטול און עטלעכע יינגלעך האָבן אים אויסגעמאָסטן מיט הילצערנע מעטערס — די לענג און די ברייט. אַ צווייטן קונה פלעגט באַדינען אַ „טויבער" משרת, און ביז זיי זענען דורכגעקומען וועגן פּרייז פון דער סחורה, איז דער קונה שוין געווען הייזעריק ווי די וואַנט. ערשט ביים אַוועקגיין פלעגט ער זיך דערוויסן, אַז ער האָט בחינם געשריגן, ווייל דער משרת הערט נישט ערגער פון אים.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען די געשעפטן געשלאָסן געוואָרן און די באַוועגונג אויף דער גאַס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. ווען נישט דער טראַמוויי, וואָס האָט דורכגעשניטן די גאַס, וואָלט מען זיך געקאָנט אַוועקלייגן אין דער מיט פון וועג און נישט געשטערט ווערן פון קיינעם. אפילו די גויים וואָס פלעגן קויפן אויף גענשע־גאַס האָבן געפילט דעם ערב־שבת. זיי האָבן זיך אַזוי געאײַלט, ווי זיי וואָלטן געמוזט לויפן צו קבלת־שבת.

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג איז די גאַס געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. מען האָט כמעט נישט געזען קיין דורכגייער. דער טראַמוויי האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַציע אויף אַ סעקונדע און באַלד ווייטער געלאָפן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט וואָס ער פאָרט אום שבת.

אַ ספּעציעלן אויסזען האָט די גענשע־גאַס געהאַט זונטיק. די געשעפטן האָט מען נישט געטאָרט עפענען צוליבן מלוכהשן רו־טאָג, אָבער שווער איז געווען פאַר אַ סוחר צו רוען דריי טעג, האָט ער זונטיק גע־

לאָזט הענגען די שלעסער אויף די פראָנט־טירן און איז אַריין אין געשעפט דורך אַ הינטערשטן אַריינגאַנג פון הויף.

זונטיק האָט זיך דער מסחר נישט אָנגעהויבן באַלד אין דער פרי, ווי אין אַנדערע טעג, אָבער די סוחרים און משרתים האָבן זיך שוין פון פרימאָרגן אָן געפונען אין גאַס. זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אַנדערע סוחרים פון דער גענשע און געכאַפּט אַ שמועס. די טראָטואַרן זענען פול געווען מיט שפּאַצירנדיקע, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן נייעסן פון עולם המסחר, דיסקוטירט איבער איטשעלעס פּרייטיקדיקע „פּאָליטישע וואָך", דערציילט זיך מעשיות, געשעענישן און אַנעקדאָטן. דאָס געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער גאַנצער גאַס. אַלע האָבן זיך געפילט ווי איין משפחה און אַריבערגערעדט צו זיך פון איין טראָטואַר צום צווייטן אויפן הויכן קול.

אַז ס'איז געשען עפּעס מיט אַ סוחר פון גענשע־גאַס, ער איז פאַראָרעמט געוואָרן, אָדער עס האָט זיך געטראָפן אַן אַנדער אומגליק — האָבן גענשער ייִדן נישט געלאָזט פאַלן קיין חבר. עטלעכע סוחרים זענען אַרויס אין גאַס אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן און דורכגייענדיק דעם טראָטואַר צונויפגענומען אַ געהעריקן סכום. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט, געגעבן מיט אַן אָפענער האַנט און מ'האָט דעם געפאַלענעם צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

אין די פאַרמיטאָג־שעהן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פּראָווינצער קונים. די סוחרים זענען מיט זיי פאַרשוווּנדן אין די געשעפטן. די ייִנגלעך זענען געבליבן אין דרויסן, זיי האָבן פאַרלייגט די שלעסער אויף די טירן און געשטעלט זיך אויף דער וואַך. ווען אויף דער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט, האָבן די ייִנגלעך אויפגעהויבן אַן אַליאַרם, זיי האָבן גערופן „חושך" און דאָס איז פאַר די סוחרים אינעווייניק אין די געשעפטן געווען אַ צייכן אויסצולעשן די לאָמפּן און נישט צו קלאַפּן אין די טירן.

דער „חושך"־אויסגעשריי איז שוין פיל פּאָליציאַנטן אויך געווען באַקאַנט און זיי פלעגן זיך אויפגערעגטע לאָזן אין געיעג נאָך די שרייערס. די ייִנגלעך זענען שטענדיק געווען פלינקער און פלעגן זיך אַרויסדרייען פון די נאָכיאָגערס הענט. געווען אויך פּאָליציאַנטן, וואָס פלעגן אַריינקומענדיק אין די הייף, זיך נישט יאָגן נאָך דער חברה. זיי האָבן נאָר געבעטן די ייִנגלעך איבערצוגעבן די באַלעבאַטים, אַז זיי זענען דאָ דעם

היינטיקן זונטיק געווען „חושך" און נישט געטשעפּעט זיך צו קיינעם.

אַרומדרייענדיק זיך אין די זונטיקדיקע טעג אויף די גענשער הייף, פלעגן די ייִנגלעך אָפּטון לצנישע שפּיצלעך:

ווען ס'איז אין פילהאַרמאָניע געווען אַ גוטער פרימאָרגן־קאָנצערט, וועלכן זיי האָבן געוואָלט הערן, האָט זיך צונויפגענומען אַ גאַנצע חברה און האָבן אַ הילך געטון „חושך": נישט קלאַפּן ביז מיר וועלן מעלדן, אַז מען קאָן שוין עפענען. אָפּגעזאָגט דעם פּסוק, זענען זיי אַוועק אויפן קאָנצערט. די באַלעבאַטים און קונים, מיינענדיק אַז פּאָליציי איז דאָ אין הויף, זענען געזעסן שטיל אין די פאַרמאַכטע פינצטערע געשעפטן און מורא געהאַט זיך צו רירן. ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער קאָנצערט, זענען די ייִנגלעך צוריקגעקומען און גלייך אַ הילך געטון: מ'קאָן שוין עפענען, און האָבן אַרויסגעלאָזט די פאַרחושכטע אַרעסטאַנטן.

אַמאָל אין אַ זונטיקדיקן טאָג פלעגט זיך צו אַ פּראָווינצער ייִדן, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, אונטערשאַרן אַ ייִנגל און אַ זאָג טון: פעטער, קוקט זיך נישט אום און ציט. דער פּראָווינצער, מיינענדיק, אַז ס'גייט נאָך אַ פּאָליציאַנט, און ער קאָן אים נאָך פרעגן ווו ער האָט זונטיק געקויפט די סחורה, איז אַריין אין אַ טויער און געצויגן אין איין אָטעם ביזן פינפטן שטאָק. ווען דער ייִד איז נאָך אַ האַלבער שעה צוריק אַרויס פון הויז, האָבן די חברה צוגעגרייט פאַר אים אַ פרישן שפּיצל: לעבן הויז איז אויף דער ערד געלעגן אַ געלט־בייטעלע. דער פּראָווינצער האָט אַ קוק געטון צי קיינער זעט נישט און געוואָרפן זיך אויף דער מציאה. אין דער זעלבער מינוט האָט אַ ייִנגל, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ דערנעבנדיק הויז, געגעבן אַ צי ביי אַ שטריקל, צו וועלכן דאָס בייטעלע איז געווען צוגעבונדן און די מציאה האָט גענומען לויפן. ערשט דעמאָלט האָט זיך דער ייִד געכאַפּט, אַז ער איז די גאַנצע צייט געווען אַ קרבן פון דער ווייסער חברה, און האָט געצויגן אויף אַן אמת.

**
*

די זונטיקן זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. די זעלבע שפּילעוודיקע ייִנגלעך פלעגן זיך צונויפקומען אין די הייף בשעת ס'איז געווען „חושך" און אויסהערן רעפעראַטן

וועגן נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם און קאָמוניזם. פ׳זענען געפירט געוואָרן דיסקוסיעס מחמת די אָנגעשטעלטע פון געבשע גאַס זענען געווען אָנגע־שלאָסן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאַרטייען, וואָס האָבן גע־הערשט אויף דער ייִדישער גאַס. אַן 1טן מאַי פלעגט די גאַס זיין באַזעצט דורך פּאָליציי און דאָך זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס פון אַלע דער־לויבטע און נישט־דערלויבטע אַרבעטער־אָרגאַניזאציעס.

***

ביים עק געבשע ווו ס׳פלעגט אַמאָל דורכשניידן די זאמענהאָף־גאַס, שטייט אַ דענקמאָל, אַוועקגעשטעלט צום אָנדענק די געפאַלענע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ. צופוסנס פונעם דענקמאָל ברענט אַ ליכט — אַ נר־תמיד. דאָס פלעמעלע פונעם ליכטל איז דאָס איינציקע לעבעדיקע אינעם טויטן אַרום. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס דערמאָנט, אַז אַמאָל איז דאָ אַ לעבן געווען.

פראַנציסקאַנער־גאַס

פראַנצישקאַנער־גאַס איז געווען די גאַס פון לעדער. כמעט אַלע שיך, שטיוול און פאַנטאָפל פון גאַנץ פוילן זענען געמאַכט געוואָרן פון לעדער, וואָס מ׳האָט געקויפט אויף דער דאָזיקער גאַס.

די עלעגאַנטע יאַשטשורקע־לעטשלעך אויף די פיסלעך פון די קאַבאַרעט־טענצערינס זענען אַמאָל, אַלס פעלן־לעדער וויכע און האַרטע, איינגעשטאַנען ביים סוחר הערש־בער אין לעדער־סקלאַד אויף פראַנצישקאַנער. די פויערישע „שטיוואַלעס" פון עפּעס אַ יאַנעק פון דאָרף כאַינאָווקע צי באַגדאַנאָווקע האָבן זיך אַמאָל געוואַלגערט אין די קעלערן פון די פראַנצישקאַנער לעדער־סוחרים. דאָס רייכע פויליש־פּריצישע זונדל, דער סטודענט און „ראָזוואָי"־העלד (אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע), האָט צו להכעיס זיין פאַרביסענעם קאַמף פאַר „סוואָי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע" (נישט צו קויפן ביי ייִדן) געטראָגן אויף זיינע פיס שיך אויסגעאַרבעטע פון די לעדער פון פראַנצישקאַנער סוחרים. פראַנצישקאַנער גאַס איז געווען דער אָפּנעמער פון אַלע פוילישע גאַרבערייען און האָט זי צוגעשטעלט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון גאַנץ פוילן.

אָנגעהויבן האָט זיך די גאַס ביי די נאַלעווקעס, ווו זי האָט נאָך געאָטעמט מיט „רוחניותדיקע" סחורות און גאַלאַנטעריע, מיט סוחרים, באַבערדלטע און באַפּאותטע, וואָס זייער נאָמען האָט מען אַרויסגעזאָגט אין אָנהויב מיט „רב". די ערשטע געשעפטן זענען געווען „בית מסחר ספרים של האחים... ווו אין די פענצטער זענען געווען אויסגעשטעלט: קו הישרס, צאינה וראינהס, טלית־קטנס, מיט בינטלעך ציצית, גמרות גע־דרוקטע ביי האחים והאלמנה ראָם און שמרס מעשה־ביכלעך אין בראָשור־

פּאָרם. דאָרט זענען נאָך געווען געשעפטן פון „תכשיטי־נשים", וועש, זאָקן, גאַלאַנטעריע און פּאַרפום, ווו יידן מיט לאַנגע בערד האָבן פאַרקויפט און געקויפט ווייבערישע וועש־טיילן, נישט וויסנדיק צומאָל צו וואָס זיי נוצן.

דאָ האָט נאָך נישט געהייסן פראַנצישקאַנער, נאָר „ראָג נאַלעווקעס און פראַנצישקאַנער", מיט אַ דרוק אויף „ראָג נאַלעווקעס". ס'הייסט, אַז די סוחרים זענען נישט קיין פראַנצישקאַנער, נאָר נאַלעווקער.

די „נאַלעווקער" האָבן גאָרנישט צו די „פראַנצישקאַנער". לעדער איז אַ מסחר גלייך מיט אַלע מסחרים. מ'קאָן אויך קויפן עולם הבא און עולה הזה. האַנדלען, פאַרדינען, חתונה מאַכן קינדער און טון מצוות און מעשים טובים. יידן „מפונקים" וועלן זיך אָבער נישט פאַרנעמען מיט דעם „גראָבן" לעדער־מסחר. ווי זאָגט די גמרא: די וועלט דאַרף סיי גאַרבעריי, סיי בשמים, אָבער ווויל איז דעם וואָס פאַרנעמט זיך מיט בשמים און נישט מיט גאַרבעריי. קיין „נאַלעווקער" וועט נישט רעדן שלעכטס אויף זיין שכן פון פראַנצישקאַנער. וואָס זאָל ער זאָגן, אַז אַ ייד אַ בעל־צדקה איז ער, „אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט". ס'וועט קיין ייד פאַר זיינס אַ גראָשן נישט שטאַרבן, נאָר דער עצם־מסחר איז אַ פאַרגרעבטער. קודם־כל — דער ריח, וואָס הערט זיך פון דעם לעדער און וואָס יעדער סוחר זאַפּט אים איין און טראָגט אים מיט זיך אַפילו ווען ער טוט זיך איבער די בגדי־שבת און קומט צו מענטשן.

באַזונדערס האָט דאָס אויסגעמישט זיין תמיד מיט טרעגערס און פורמאַנעס און דאָס טראָגן די גראָבע שווערע לעדערס אַראָפּ און אַרויף אויף די פורן און וועגענער געמאַכט פונעם לעדער־הענדלער האַלב אַ סוחר, האַלב אַ טרעגער. ס'זענען געווען לעדער סוחרים, יידן חסידים, וואָס זענען אויף די יום־טובים געפאָרן צום רבין אָנגעטון אין זיידענע זשופּיצעס און שטריימלעך, געגעבן פדיונות און „געזעסן ביים טיש", גע־כאַפּט מיט התמדה שיריים און דעם רבינס תורה, אָבער פון צייט צו צייט איז געווען אַ מכשול: נישט ווילנדיק האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט אָדער באַנוצט, זייענדיק מיט טרע־גערס און פורמאַנעס. ער פלעגט צוזאָגן אויסצוהיטן זיך, נישט צו רעדן קיין גראָבע רייד אַפילו מיט די יונגען. אָבער איז עס דען מעגלעך?

אַט דערמאָנט ער זיך וואָס מען דערציילט וועגן דעם „אַלטן", זכרונו לברכה, דעם זיידן פונעם היינטיקן רבין נ"י:

ערב יום־כפור, ס'איז שוין מנחה־צייט, אַלע חסידים זענען זיך שוין צונויפגעפאָרן. דער רבי האָט שוין אָפּגענומען ביי אַלע שלום עליכם, זיצט ער ביים פענצטער און קוקט אַביסל אַרויס. אין דעם קומט אַן אַ פאַרשפּעטיקטע פור מיט חסידים. די יידן זענען צעשראָקענע, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרשפּעטיקן געבן דעם רבין „שלום". מען דאַרף נאָך פאַר דעם גיין אין מקוה. דער פורמאַן לאָזט זיי אָבער נישט אַוועק: ווייל זיי איילן זיך, וויל ער דאָס אויסנוצן און פאָדערט אַ הויכן פּרייז פאַר דער „יאַזדע".

די חסידים, אַרעמעלייט, בעטן זיך ביי אים: ס'זענען זייערע לעצטע גראָשנס, השם־יתברך וועט אים ממלא זיין. אָבער עס העלפט נישט. אין דעם גיט „דער אַלטער" זכרונו לברכה אַ לויף אַרויס און נעמט רעדן מיט דעם פורמאַן דבורים, וואָס אוזן לא שמעה — דאָס אויער האָט נאָך אַזעלכעס נישט געהערט. די חסידים זענען נבהל ונשתומם: ס'טייטש? דער רבי זאָל אַזוי רעדן? אָבער מען האָט מורא צו פרעגן.

מוצאי יום־כפור האָט זיך אַ חסיד איינגעשטעלט און געפרעגט: — היתכן, רבי? — און „ער" ז"ל האָט אים דערויף געענטפערט: — אַז איר וועט רעדן מיט אַ גרעק טערקיש, אָדער מיט אַן ענגלענדער רוסיש וועט ער דען שולדיק זיין, וואָס ער ענטפערט נישט? ער פאַרשטייט נישט, וואָס איר ווילט פון אים. איר האָט דעם פורמאַן דערציילט וועגן מקוה, שלום־עליכם, קדושת־היום — האָט ער אייך נישט פאַרשטאַנען. אָבער, אַז איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין אויף זיין לשון, איז ער טאַקע גלייך מרוצה געוואָרן און האָט אייך אָפּגעלאָזט.

**
*

די גרעסטע טייל סוחרים זענען געווען האַלב־טרעגער, האַלב־סוחרים. געווע‍זענע משרתים, וואָס האָבן זיך „דאַראָביעט" — זיי זענען רייך געוואָרן, אַרבעטנדיק ביי „יענעם" און טראָגנדיק די פעלן־לעדער.

די לעדער־סוחרים זענען ס'רוב געווען פאַרגרעבטע יידן. זיי האָבן זיך אָבער באַמיט „אויסצופיינערן": געשטיצט געזעלשאַפטן, צדקה־

חברות, גמילת־חסדים־קאַסעס, רבילעך, „אייניקלעך״, „אָפּגעקומענע״, נשרפים און סתם אָרעמעלייט. זיי האָבן זיך באַמיט בילדן די קינדער, געשיקט זיי אין די „שקאָלעס״ און אוניווערזיטעטן, זיי זאָלן ווערן דאָק־טוירים, אינזשינירן, אַדוואָקאַטן. זענען אויף פראַנצישקאַנער גאַס גע־ווען צוויי וועלטן: טאַטעס און מאַמעס לעדער־סוחרים, פעסטע ייִדן מיט ברייטע פּלייצעס און שווערע טריט, וואָס האָבן זיך באַמיט אַריינצוקומען אין דער בעסערער געזעלשאַפט; קינדער — שילער, סטודענטן אָדער נאַר־וואָס געענדיקטע, וואָס האָבן געדינט ווי אַ בריק צו דער „בעסערער״ געזעלשאַפט. טאַטע־מאַמע האָבן מיט די קינדער פאַרבונדן אַלע חלומות: מען וועט זיך משדך זיין מיט מיוחסדיקע משפחות און מ׳וועט זיך אַליין אויך איינקויפן אין יחוס.

***

אין די הייף פון פראַנצישקאַנער זענען געווען אַלטע הייזער מיט לאַבירינטן און קאָרידאָרן, שטיבלעך, בוידעמער און קעלערס. דאָרט האָבן געוווינט בעלי־מלאכות — ייִדן אָרעמעלייט מיט גרויס משפחות, מיט פיל קינדער. דאָרט האָט מען אויסגעאַרבעט לעדער־גאַלאַנטעריע. טויזנטער און טויזנטער בייטעלעך זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן. טויזנ־טער און טויזנטער פּאַסעקלעך און שעלקעס, טשעמאָדאַנעס און פּאָרטפּעלן.

האָבן טויזנטער ייִדישע קינדער, אויסגעבלייכטע מיט איינגעפּאַ־לענע בריסטלעך, גענייט און געקלאַפּט די „פּוילישע״ גאַלאַנטעריע־אויס־אַרבעטונגען און אַריינגעזויגן אין זיך דעם געשטאַנק פון פייכטע קע־לערס און געגאַרבטע לעדערס.

***

אין די אָוונטן איז די פראַנצישקאַנער גאַס אָפּגעשטאָרבן. ס׳האָבן זיך פאַרמאַכט די קראָמען, פאַרלאָשן די ליכטער אין די שוי־פענצטער און ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט די באַוועגונג.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן האָט די גאַס צוריק אויפגעלעבט. אויף פראַנצישקאַנער זענען געווען חתונה־זאַלן. דאָרט האָבן ייִדן צונויפגע־פּאָרט זייערע ראוי־לחופּהדיקע זין און טעכטער און פאַרקנסט זיי כדת

משה וישראל. פלעגט זיך הערן אין די שפּעטע נאַכט־שעהן אַ „קול חתן וקול כלה״־געזאַנג, ווען מ׳האָט געפירט דעם חתן צו דער חופּה, באַגלייט פון צענדליקער יונגעלייט, מיט געפלאָכטענע ליכטלעך אין די הענט. האָט זיך געהערט אַ ריטמישער טיק־טאַק פון צענדליקער פערד־קאָפּיטעס, וואָס האָבן אויף דראָזשקעס געפירט די חתונה־געסט צום זאַל. האָט זיך געהערט אַ „האַפּקע״־מאַרש, אויסגעשפּילט פאַר אַ חשובן גאַסט פון די כלי־זמרים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט ביים טויער פונעם זאַל. פלעגט זיך הערן דאָס כליפּען פונעם פידעלע, בעת מען האָט חתן־כלה אונטער דער חופּה געפירט און דאָס קול פונעם בדחן, וואָס האָט דערמאָנט די הייליקייט פון דעם מאָמענט.

טיילמאָל פלעגט די פראַנציסקאַנער אָנגעפּראָפּט ווערן מיט ייִדן־חסידים, וואָס האָבן געוואַרט, אָנגעטוענע אין די זיידענע זשופּעצעס און שטריימלעך אויף דער גאַס. אַ ליל־שימורים ביי זיי היינט. ווי קאָן מען דען אַהיימגיין שלאָפן? היינט איז אַ חתונה ביי ר׳ חיים אלימלך. ער האָט זיך משדך געווען מיטן רב ברוך בצלאל. אויף דער חתונה זענען געקומען: „ער זאָל לעבן״ פון גער, דער סטריקעווער נ״י, דער ראַדזימינער, וואָ־לאָמינער, חוץ אַנדערע רבנים און לומדים מפורסמים. מ׳האָט זיי אַלע געזען ווען זיי זענען אָנגעקומען. אַזוי פיל „גוטע ייִדן״, קיין עין־הרע, מיט איין מאָל, ווער קען גיין שלאָפן אין אַזאַ נאַכט?

שטייען ייִדן אין גאַס, דערציילן זיך שטיל רבישע תורות און מופ־תים און ווערטן: ס׳וועט זיך ענדיקן די חתונה, ס׳וועט אָנהויבן צו בלאָען אויף טאָג, וועט מען נאָך אַמאָל האָבן די זכיה זען די גדולי הדור.

**
*

ווען פון פראַנציסקאַנער איז פאַרשווונדן די לעצטע דראָזשקע מיט די חתונה־געסט, האָט זיך געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון שווערע רעדער איבער דעם שטיינערדיקן ברוק. מען האָט געפירט אַ וואָגן לעדער צום סוחר חיים־בער פון פראַנציסקאַנער.

אין די הויף האָט זיך שוין געהערט דאָס קלאַפּן פון די ניי־מאַ־שינען. דאָס האָבן בעלי־מלאכות פון פראַנציסקאַנער גענייט בייטעלעך, פּאַסעקלעך און שעלקעס — די פּוילישע גאַלאַנטעריע־אויסאַרבעטונג,

דזשיקע־זאַמענהאָף־גאַס

אָנגעהויבן האָט זיך די גאַס ביי נאָוואָליפּקי, קעגנאיבער דעם הויף, ווו עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון יידיש־פוילישן „נאַש פּשע־גלאָנד“ און איינע פון די עלטסטע און באַקאַנטסטע יידישע ביבליאָטעקן — די ביבליאָטעק פון ברעסלערן.

דזשיקע־זאַמענהאָף איז אַמאָל געווען איין גאַס און גערופן זיך בלויז דזשיקע. די גאַס האָט זיך געענדיקט העט ווייטביים אַמאָליקן שטעטעלע און די לעצט וואַרשעווער פאָרשטאָט — פּאָוואָנזעק. זי איז דערגאַנגען ביזן גרויסן קאַטוילישן צמענטאַזש, ווו ס׳האָבן זיך געפונען קריצערייען פון גוישע מצבות, צלמים און פלעכטערייען פון גוישע קרענץ. פלעגט אַהין פאַרבלאָנדזשען אַ יידיש יינגעלע און נישט ווילנדיק אַ קוק גע־טון אויף די גרויסע אייזערנע און שטיינערנע צלמים — פלעגט ער זיך שטאַרק דערשרעקן פאַר דער גרויסער עבירה, וואָס ער האָט אָפּגעטון און פאַר תשובה אויסגעריסן זיך עטלעכע האָר פון דער פּאה, אָדער אַ שטאַרקן ביס געטון זיך אין פינגער פון האַנט. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער אין איין אָטעם געלאָפן צוריק פונעם טמא־אָרט און אַז ער איז אַזוי נישט קוקנדיק אַרויפגעפאַלן אויף וועמען און געקריגן געשטורכעט אין די זייטן, — האָט ער עס אָנגענומען באהבה: ער האָט עס כשר פאַר־דינט.

אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה האָט מען די דזשיקע צעטיילט אויף צוויי גאַסן: ביים נאָמען דזשיקע איז געבליבן די צווייטע העלפט, די, וואָס האָט זיך געצויגן פון סטאַווקע ביז פּאָוואָנזעק; די ערשטע העלפט האָט באַקומען דעם נאָמען זאַמענהאָף — נאָך דעם דערפינדער פון דער עספּעראָנטאָ־שפּראַך, וועלכער האָט געוווינט אויף אָט דער גאַס.

ייִדן האָבן זי נאָך פריִער געהאַט צעטיילט אויף צוויי העלפטן — כאָטש אָפיציעל איז זי געווען איינע — אויף אַ ייִדישער העלפט און אויף אַ גוישער. ייִדן האָבן נאָר שפּאַצירט ביז צו דעם אָרט, ווו זי איז שפּעטער געוואָרן פונאַנדערגעטיילט. צום גוישן סוף פון דער גאַס זענען זיי 'קיינמאָל נישט געגאַנגען.

די זאַמענהאָפאַ גאַס האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל מיט די נאַלעווקעס און איז געווען איר נאָענטסטע שכנה.

ביידע שכנותדיקע גאַסן האָבן געהאַט טייל בשותפותדיקע הייף מיט דורכגענג פון איין גאַס צו דער צווייטער. זענען די דאָזיקע דורכגענג געווען קאַנאַלן, דורך וועלכע עס זענען געפלאָסן שטראָמען מענטשן פון נאַלעווקער סוחרים וועלכע זענען געוואָרן איינוווינער פון זאַמענהאָפאַ.

אויף דער זאַמענהאָפאַ האָבן געוווינט סוחרים פון די ריזיקע ייִדישע האַנדלס־גאַסן: נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער און גענשע. קיין האַנדלס־גאַס איז די זאַמענהאָפאַ נישט געווען. אויף „עקספּאָרט" פאַר דער פּראָווינץ האָט זי גאָרנישט פאַרמאָגט, אָבער דאָך איז זי געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן. ווו האָט אַ צוגערייזטער, פאַריאָגטער פּראָווינצער סוחר אָדער שפּיליטער געקאָנט אָפּעסן אַ מיטאָג אַזוי ביליק, געשמאַק און צו דער זעט, ווי ביי כאַסקעלבערגן, בורשטינען, אָדער אין די צענדליקער „היימישע מיטאָגן", וואָס זענען געווען פול אין יעדן הויף פון דער זאַמענהאָפאַ־גאַס? ער האָט זיי נישט געדאַרפט זוכן. קודם־כל האָט זיך אים אַ וואָרף געטון אין די אויגן די אויסגעשטאָפּטע הון מיט די גרויסע פאָרציעס לעבערלעך, וואָס זענען אַלס רעקלאַמע געווען אויסגעשטעלט ביי כאַס־קעלבערגן אין שויפענצטער און גערופן אים מיטן צוזאָג „זאַט און געשמאַק". חוץ די דאָזיקע רעקלאַמעס האָבן צענדליקער ייִנגלעך געשטעקט אין האַנט אַרייַן צעטעלעך, ווו ס'איז געווען אויפגעגעבן דער אַדרעס פון די „היימישע מיטאָגן", ווו ער באַקומט פאַר איין זלאָטע: „די אמתע פאָרציע „לעבעדיקע פיש", דעם „ריכטיקן פיינעם טעלער יויך מיט לאָקשן און צוקער־באָבעס", דאָס „גוטע געשטאָפּטע און ברוין־אויסגעפּרעגלטע האַלב־געגנדזל" מיט אַ מעגעלע, קאָמפּאָט, ברויט „וויפל איר ווילט" און „זאָדע־וואַסער אומזאָנסט".

האָטעלן און מעבלירטע צימערן זענען אויך געווען אויף זאַמענ־

האָפּאַ. ווילסטו — איז אַליין אַ צימער „זאַבער און ציכטיק מיט גוטע באַהאַנדלונג״, ווילסטו — איז בשותפות „פיר אַן האַלבן פּרייז״. קאָנסטו נישט באַצאָלן פאַר אַ גאַנץ בעט, איז אַפּילו אַ בשותפותדיק בעט דאָ פאַר אַ פּאָר גראָשן.

און ווו האָסטו נאָך אַזעלכע מציאות, ווי אויף זאַמענהאָפאַ? „אַז דו צאָלסט איין פינף גראָשן פאַר איין גלאָז זאָדע־וואַסער — מעגסטו טרינקען, וויפל דו קענסט״. די טראָטואַרן פון זאַמענהאָפאַ זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן — נישט אַדורכצוגיין; איז מען געגאַנגען אויך אין מיטן גאַס. דער טראַמוויי, וואָס איז דורכגעפאָרן, האָט זיך געמוזט שניידן דורך אַ געדיכטער מענטשן־מאַסע. הונדערטער געשעפטן פון פאַרשידענע בראַנזשעס זענען געווען אויף דער גאַס, אָבער בלויז פאַרן קאָנסומענט: שפּייז, קאָנפעקציע, קיך־געשיר, עלעקטרישע לאָמפּן — אַלץ דעטייל פאַרן היימישן געברויך. אין „ספּעציעלע סעזאָנען״ זענען פאַרשוונדן די פאַרשידענע בראַנזשעס און אַלע געוועלבער האָבן באַקומען איין אויסזען: פאַר חמשה עשר בשבט האָבן זיך כמעט אין אַלע שויפענצטער באַוויזן קיישעלעך מיט ארץ־ישראל־פּירות, פיין באַפּוצטע מיט זיידענע בענדער און מיט אויפשריפטן: „חמשה עשר״. די גאַנצע גאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַקאַליי־קראָם. יעדן האָבן געקויפט פּירות און אַהיימגעטראָגן צו ווייב און קינדער אויף אַ „שהחיינו״.

פאַר פּורים איז געווען דער סעזאָן פון טאָרטן און די גאַנצע גאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנדיטעריי. אין די געשעפטן האָבן זיך געשטופּט יונגעלייט — געוואָלט אָנקומען וואָס שנעלער. זיי האָבן מורא געהאַט, מ׳זאָל זיי נישט אויסכאַפּן דעם שענסטן טאָרט, וואָס זיי האָבן געוואָלט שיקן צו די כלות „שלח מנות״.

אויף די ענגע טראָטואַרן פון זאַמענהאָפאַ האָבן זיך געשטויסן גאַסןהענדלער מיט וועגעלעך פּרוכטן, קוישן בייגל, באַלאָנען סאָדע־וואַסער און קעסטלעך צוקערלעך. גייענדיק אויף דער גאַס פלעגט מען זיך אָפּהאַקן די זייטן.

ערב ראש־השנה און ערב יום־כפּור אָדער מוצאי יום־כיפּור און הושענה־רבה איז די גאַס פול געווען מיט דראָזשקעס, וואָס האָבן געפירט יידן צו קרובים זיך ווינטשן „אַ גוט קוויטל״.

אין די פאַרנאַכטן פון אַלע טעג איז די גאַס געווען אָקופּירט דורך אַ יונגן עולם. „לייטישע" יונגעלייט און פריילינס האָבן זיך געלאָזט צו ביעלאַנסקע צי אין די פוילישע טעאַטערן פון „יענע גאַסן". אַרבעטער האָבן געשטראָמט אין די פּאַראַיינען און אין די ביבליאָטעקן מיט ביכ־לעך אונטער די אָרעמס.

צווישן געדיכטן עולם פלעגט זיך פון צייט צו צייט דורכשטופּן אַ רייטער־פּאָליציאַנט, זיין פערד איז גאַנץ אָפט געווען באַקלעפּט מיט פאַרבאָטענע אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס קעגן דער רעגירונג. דאָס האָט אים חברה פון אַ לינקער פּאַרטיי אויסדעקאָרירט אין דער ענגשאַפט און געמאַכט אים פאַר זייערס אַן אַגיטאַטאָר. די ענגשאַפט פלעגט אויך אָפט אויסגענוצט ווערן אויפצוהענגען רויטע פענדלעך אויף די טראַמוויי־דראָטן און אויף די טראַמווייען, וואָס האָבן דערנאָך — ביז מ'האָט עס באַמערקט — געפירט זיי איבער די גוישע, אַריסטאָקראַטישע גאַסן.

ביי זאַמענהאָפאַ האָבן זיך פונאַנדערגעצווייגט די גאַסן: מילע, וואָ־לינסקע, ניסקע — גאַסן פון ייִדישע פּראָלעטאַריער און אָרעמקייט, וואָס האָבן געקוקט אויף זאַמענהאָפאַ, ווי אויף דעם ייִדישן בורזשוי, מיט וועלכן מען דאַרף פירן דעם „קלאַסן־קאַמף". פלעגט מען דעם ערשטן מאַי, ווען די פּראָלעטאַרישע צוגן זענען פאַרביי די זאַמענהאָפאַ, הערן אויסגע־שרייען:

— „נידער מיט די בורזשויען!"

די בייזע יאָרן האָבן אויסגעגליכט די ייִדישע בורזשויען מיט די פּראָלעטאַריער, פאַרברידערט זיי צום קאַמף מיטן געמיינזאַמען שונא און פאַרברידערט צום בשותפותדיקן אומקום...

סמאָטשע־גאַס

סמאָטשע־גאַס האָט לאַנגע יאָרן נישט געהאַט קיין טראַמוויי. ווען מ׳האָט שוין יאָ פאַרלייגט שינעס און עס האָט זיך אויף זיי באַוויזן דער „זעראָ״ — דער טראַמוויי, וואָס איז געפאָרן אַרום און נישט דורכגעלאָזט כמעט קיין איין גאַס — איז עס געווען נאָר אויפן אָנהויב פון סמאָטשע, וואָס איז געלעגן צווישן נאָוואָליפּיע און גענשע. געשען איז עס נישט ווייל די גאַס האָט זיך נישט גענויטיקט אין קיין טראַמוויי, נישט ווייל די דאָר־טיקע איינוווינער האָבן געקאָנט פאָרן אויף „גומקעס״ — דראָזשקעס אויף גומענע רעדער. אַ סמאָטשער איינוווינער האָט כמעט אַ גאַנץ לעבן דורכ־געלעבט און מיט קיין דראָזשקע נישט געפאָרן. דער איינציקער דראָזשקע־פאָרער איז געווען יאָסעלע בענקאַרט, אַ „וואַרעט״ פון אַ הויז אויף סמאָ־טשע. יעדן טאָג פלעגט פאַר זיין טויער צופאָרן אַ קאָטש מיט גומענע רע־דער. ביים טויער האָט זיך באַוויזן דער גראָבער, פעסטער, כאָטש שוין אַביסל עלטערער, יאָסעלע מיט זיין יונג ווייבל, מיט וועלכער — ווי די גאַס האָט געזאָגט — ער האָט צומאָל נישט „כאַסעלע״ געהאַט. ער פלעגט אַביסל וואַרטן, עס זאָל זיך צונויפנעמען אַ גענוג גרויסער עולם גאַפּעס, וואָס זאָל קוקן און פּלאַצן פאַר קנאה, דערנאָך אַריינגעשטיגן אין דער דראָזשקע, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַררויכערט אַ גראָבן ציגאַר און אַ געשריי געטון צום קוטשער: „יאַזדאַ! און צוגעגעבן נאָך העכער: „אין די לאַזשענקעס פאָר!״

די גאַפּעס פלעגן נאָכקוקן דעם אָפּפאָרנדיקן יאָסעלען און אים ווינטשן: ער זאָל נישט דערלעבן צוריקצוקומען. די קליינע יאַטלעך האָבן פון גרויס

איבעראַשונג נישט באַמערקט, ווי די פולע נעזלעך גייען זיי איבער און האָבן נאָכטועעדיק די גרויסע, אים געוווּנטשן: „ער זאָל נישט דאדעבן צריט צו טימען".

יאָסעלע איז געפאָרן מיט אַ דראָזשקע נישט אַזוי צוליב פאַרגעניגן, ווי צו רייצן זיינע שונאים, די שכנים פון סמאָטשע.

ביי יאָסעלען אין הויז זענען געווען קעלערס. איז אין זיי נישט געלעגן קיין קוילן, קאַרטאָפל, קרויט — צוגעגרייטע אויף ווינטער. עס זענען דאָרט נישט געלעגן די נישט־נויטיקע חפצים, וואָס אַ באַלעבאָסטע וואַרפט אַראָפּ זענען זיי געווען פאַרהאַנגען מיט שמאַטעס. אין די אָוונטן פלעגן זיך פון די קעלערס אַרויסלאָזן מיידלעך מיט צוגעשמירטע פנימער. זיי פלעגן זיך דרייען אויף די טראָטואַרן, איינרוימען די מענער: „זיסינקער" און פאַר־בעטן זיי צו זיך. עס האָבן נישט געהאָלפן די שתדלנותן ביי דער פּאָליציי מ'זאָל דערווייטערן די טומאה, עס האָבן נישט געהאָלפן די קוילן שניי, מיט וועלכע די חדר־ייִנגלעך פלעגן אַ גאַנצן ווינטער מכבד זיין די מיידלעך.

יאָסעלע איז שטאַרקער געווען.

איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן יאָסעלע בענקאַרט, דעם אייגנטימער פון די קעלערס אויף סמאָטשע, מיט די איינוווינער פון דער גאַס.

***

סמאָטשע האָט נישט געהאַט קיין טראַמוויי, אַזוי ווי עס האָבן נישט געהאַט די שכנותדיקע גאַסן: נאַוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי, דזשעלנע, פּאַווע, מילע און אַנדערע. צוויי חסרונות האָבן די גאַסן געהאַט, צוליב וועלכע דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט געוואָרפן אויף זיי אַן אומחן: האַרע־פּאַשניקעס האָבן דאָרט געוווינט און דערצו ייִדישע.

סמאָטשע־גאַס האָט קיין מיוחסים נישט געהאַט. געווען אַ צייט, ווען „בעסערע" מענטשן האָבן די גאַס אין גאַנצן אויסגעמיטן און נישט געוואָלט דאָרט וווינען. געשען איז דאָס נישט צוליב איר שולד. דאָס האָט זי געליטן צוליב אַ ריי שכנותדיקע גאַסן, ווי אָסטראָווסקע, סטאַווקע, וואָס האָבן געשמט מיט א שלעכטן נאָמען. סמאָטשע־גאַס איז געווען עמכדיק.

סמאָטשע האָט געהאָרעוועט: ווער ביי שניידעריי, ווער ביי שוסטעריי, ווער אַלס טרעגער — אלע האָבן געאַרבעט און כשר פאַרדינט זייער ברויט. פאַריאָגט איז סמאָטשע געווען, פאַרשמאַיעט. אַ גאַנצע וואָך אין די פאַרשמירטע אַרבעטס־בגדים, האָט זי זיך שבת און יום־טוב אויסגעפּוצט אין „עסיק און האָניק".

ביי וועמען האָט מען געקאָנט זען אַזעלכע רויטע שיך מיט אַזאַ פּיל־פאַרביקן קראַוואַט אויפן קאַנאַרעק־געלן העמד, ווי ביי מיילעכן פון סמאָטשע?

שבת איז די גאַס געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע, וואָס זענען געווען אָנגעטון אין שענסטן און אין בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. געגאַנגען איז מען משפּחהווייז: דער טאַטע פון פאָרנט, נאָך אים די מאַמע מיט די קינדערלעך. אָפּגעהיטן האָט געדאַרפט ווערן אַ קינד, עס זאָל זיך נישט אויסדריקן „מענטשלעך", ווי עס דאַרף צו זיין.

— אַ פּאַיאַ זוכט דיך — האָט זיך דער טאַטע געבייזערט. „דאָכערעץ זאַלסטו האָבן, ווייל יאַך צעטראַסקע דיר דיר פּיסקעס". זענען די קינדערלעך נאָכגעגאַנגען „סטאַטעטשנע".

אין די שבתדיקע פרימאָרגנס האָבן זיך אויף די טראָטואַרן באַוויזן יונגוואַרג, מענער געזונטע, ברייטפּלייציקע — די גרויסע, שטאַרקע הענט האָבן זיי געהאַלטן אין די הויזן־קעשענעס. זיי האָבן זיך קודם געלאָזט צום פריזירער „אָפּשאָבן" די באָרד. די יונגען זענען אממערסטן געווען געקליידט אין גראַנאַטענע אַנציגער, אין מאַטשעיוווקעס מיט פאַררייסענע דאַשקעס און אין רויטע שיך אָדער שטיוול אויף די פיס. העמדער האָבן זיי געטראָגן שטייף־געפּרעסטע ווי די ברעטער, אָן קעלנער, אָן קראַוואַטן. פאָרנט פון העמד פלעגט אַרויסשטאַרצן אַ פאָדערשטע ספּינקע מיט אַ רונדיקן קעפּל. גייענדיק האָבן זיי געקנאַקט באַניקערן און געשפּיגן די שאָלן מיט פאַנטאַזיע — מיט אַ קנאַק ביז אין מיטן וועג.

אַרויסגייענדיק פון פריזירער האָט מען זיך נאָך אָפּגעשטעלט מיט אַ קאָלעגע, געוויזן זיך די נייע שטיוול און אַנציגער. ביז אויפן טראָטואַר האָבן זיך באַוויזן מיידלעך מיט שטייפע צעפּעלעך, וואָס האָבן זאַלבעצווייט געטראָגן פון בעקער גרויסע טעפּ מיט טשאָלנט.

נאָכן עסן האָט זיך אַלטוואַרג צוגעלעגט. מיטליעריקע זענען אַרויס

שפּאַצירן אָדער אויסגעזעצט זיך אויפן הויף. איינער פון די שכנים האָט אַרויסגעבּרענגט אַן „עקספּרעס" (אַ ייִדישע עמך־צייטונג, וואָס איז דער־שינען אין וואַרשע) געלייענט אויפן קול וועגן דער אומשולדיקער סאַ־בינע, וואָס איז „פּאַפּיִאָט" געוואָרן פון מאַקס מיט די בלאָנדע וואָנצעלעך. דער עולם האָט זיך צוגעהערט און העפטיק רעאַגירט. ווער עס האָט גע־ווישט אַ טרער און ווער ס'האָט אַן אויפגעקאָכטער געשריגן:

— מאַ מאַמע זאָל אַזוי לעבן ווי יאַך מאַך פון אים דאָס — ווייזנדיק דערביי ווי ער צערייסט אים אויף ברעקעלעך.

יונגוואַרג איז אַוועק אויף ראַנדקעס. שעמעוודיק, ווי אַ ישיבה־בחור מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַראָפּגעהאָנגענע הענט, פּלעגט א גרויסער, ברייטבייניקער יונג זיך טרעפן מיט זיין אויסדערוויילטער. קיין סך צו רעדן מיט זיך האָבן זיי נישט געהאַט, נישט געלערנט אין קיין שקאָלעס, נישט געלייענט, איז מען אַוועק צו מלכהן אויף ליאַדעס, קאָלט ביר מיט אַרבעס. דערנאָך איז מען געגאַנגען אין ייִדישן „טרעיאַטער", וואָס האָט זיך געפונען אויף סמאָטשע. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן זיך די ציגער אויפגעבונדן, מ'האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס געזעענע אויף דער בי־נע, רחמנות געהאַט אויף דער אָרעמער כאַסיע, די יתומה, וואָס מ'האָט געזען אין טעאַטער, בייז געווען אויף די בורזשויען — איר משפּחה, וואָס פייניקט זי. גערעדט מיט גאַנצע פון דער בינע געהערטע זאצן און גרייט געווען אָנצושלאָגן דעם אַרטיסט, דעם יונג, וואָס האָט זי, כאַסיען, אומ־גליקלעך געמאַכט.

***

אויף סמאָטשע און אומגעגנט איז אויפגעקומען אַ גרויסע נעץ ייִדישע שולן. האָבן די סמאָטשער טאַטעס און מאַמעס געפירט אַהין זייערע קינ־דערלעך ווי אמאָל אין חדר אַריין, האָבן זיי פרום געקוועטשט מיט די אויגן:

— יאַך בין פינצטאַ — האָט אַ מאַמע געזאָגט — זאָל מאַן קינד זאַך לאַרנען.

אַ נייע אינטעליגענץ איז אויפגעשטאַנען. אַ ייִדישע פאָלקס־אינטעלי־גענץ איז אויסגעוואַקסן פון די קינדערלעך פון סמאָטשע, איז זיי די סמאָ־טשע־גאַס נאָענט געווען; זענען די שניידערס, שוסטערס און טרעגערס

נישט געווען פֿאַר זיי קיין „פּינצטערע מאַסע״, נאָר פלייש פון זייער פליישׁ, בלוט פון זייער בלוט. זענען זיי אפילו די מיידלעך פון „יאָסעלע בענקאַרט״ נישט פרעמד געווען — פאַרשטאַנען וואָס עס האָט זיי געטריבן צו דער פּרנסה. זענען זיי געוואָרן קעמפּערס פאר אַ שענערן און בעסערן מאָרגן. און סמאָטשע האָט זיי ליב געהאט און איז מיט זיי געגאַנגען. ביסלעכווייז זענען פון סמאָטשע פאַרשווונדן „די סאבינעס מיט די שיינע מאקסן״ און אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן גראָב־בענדיקע „געקליבענע ווערק״. האָבן זיך געלאָזט הערן די נעמען פון מענדעלען, שלום־עליכם, פּרץ שניאור, אַש, פּינסקי און אַנד. האָט זיך אַריינגעקליבן מאַרקס, באָראָכאָוו און אַ וויסנשאַפטלעך בוך האָט דאָ זיין אָרט געפונען.

איז די סמאָטשע־גאַס געוואָרן אַ רעזערוואַר פון יידישן פאָלקס־מענטש.

***

סמאָטשע־גאַס האָט ווייטער נישט קיין טראַמווי. סמאָטשע־גאַס דאַרף שוין נישט קיין טראַמווי. נישטאָ מער קיין סמאָטשע, נישטאָ דער עמך, נישטאָ דער פאָלקס־מענטש פון דער האָרעפּאשנער סמאָטשע־גאַס.

שמאַלץ מילע

שמאַלץ מילע איז געווען א טייל פון אַ גאַס אין וואַרשע, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם האַרצן פון ייִדישן לומדיש־אַריסטאָקראַטישן האַנדלס־צענטער נאַלעווקעס, ביז צו דער עמכדיקער סמאָטשע.

מילע האָט געהייסן די גאַנצע גאַס, אָבער ייִדן האָבן זי איינגעטיילט אין צוויי טיילן: נייע מילע און שמאַלץ מילע.

שווער צו זאָגן, פאַרוואָס פונקט די שמאָלינקע גאַס, דער אָפּשניט צווישן נאַלעווקעס און זאַמענהאָפאַ, האָט זוכה געווען צו ווערן אַ ספּע־ציפישער צענטער אין וואַרשע. מיט אַ ספּעציפישן „שמאַלץ־מילע־לעבן" און מיט אַן אייגנאַרטיקן שמאַלץ־מילע־האַנדל, אַן אַלע־טאָגיקן, שבת־יום־טובדיקן און חתונה־בריתדיקן האַנדל. אַ האַנדל פאַר אַלע, פאַר רייַ־כע, פאַר בעל הבתישע און פאַר אָרעמע. זיי אַ בריה און באַרעכן ווי אַזוי קאַלקולירט שמאַלץ מילע אירע סחורות, אַז אַן אויסגעהונגערטער שלעפּער מיט אַ „מאָגן אָן אַ דנאָ" זאָל זיך דאָ אָנזעטיקן פאַר גראָשנס, נישט סתם שטילן דעם הונגער מיט אַ שטיק ברויט, נאָר טאַקע מיט מטעמים.

אָט שטייט אַ ייִדענע מיט אַ „קאָנדיטעריי" אין די הענט — אַ בלעך מיט פאַרשידענע טאָרט־קיכנס.

— וואַבאָ — רופט זי — אַזעלכע כמאַליעס (שטיקער).

יעדעס שטיק איז לכל הפּחות פינף מאָל גרעסער ווי אין קאָנדיטער־ריי און קאָסט פיל ביליקער ווי דאָרט. פאַרפּוצט זענען די קוכנס — ממש פייגל אין די לופטן. ווילט איר, האָט איר שלמה המלכס פּאַלאַץ מיטן טראָן געצירט, מיט גאָלד און גינגאָלד. ווילט איר — דודס פידעלע

און פליִענדיקע מלאכים. ווילט איר, האָט איר... און וואָס האָט איר נישט?

מען דערקענט, אַז דער מייסטער האָט גענוג געהאָרעוועט סיי איבער דעם פּלאַן, וואָס דערגרייכט ממש צו פאַנטאַזיע, סיי ביים אויספירן דעם פּלאַן און אויספּאָרעמען זיינע מייסטער־שטיק.

— וואַבאַ — הילכט ווייטער די ייִדענע — פינף גראָשן אַ כמאַל.

אָרעמע ייִדן און ייִדענעס קויפן די מטעמים. די כמאַלעס וואַנדערן אין די קיישלעך אַריין, און קינדער פון ניסקע, סמאָטשע, אָסטראָווסקע מיט גרויסע ענגלישע בייכער און קרומע פיסלעך, ווען זיך קוויקן מיט דער מציאה פון שמאָלע מילע־גאַס. די שוואַרצע אייגעלעך, וועלכע מען זעט קוים אַרויס פון דעם מיט קרעם באַשמירטן בלאַסן פּנימל, ווען שיינען פון גליק.

— „וואַבאַ, לאַכט אויף שבת!" — רופט אַ צווייטע ייִדענע — לאַכט, וואַבאַ, לאַכט.

נישט אַדורכצוגיין די גאַס. חוץ אין די געוועלבלעך, צו וועלכע מען מוז אָפט אַראָפּקריכן פון עטלעכע טרעפּלעך אין אַ קעלער, פירט זיך דער האַנדל אין מיטן גאַס. ס'שטייען אָנגעשטעלט אין די טויערן, אויף די טראָטואַרן און אין מיטן וועג טישלעך מיט פאַרשידענע סחורות, קיישלעך פאַרשידענע, פעסלעך הערינג, פעסלעך אייל און פעסלעך באַפּט. אויך שטייגן מיט עופות. ס'הויפן זיך בינטלעך שטרוי צום פאַרקויפן. פישערקעס זיצן ביי באַליעס פיש פון כל־המינים: גרויסע קאַרפּן און לעשטשן פּאַר ברייטע „מאַדאַמען" מיט „בריליאַנטן" אויף די פינגער. קליינע פישעלעך — הונדערט אויף אַ פונט — פאַר אָרעמע לייט לכבוד שבת — וואַבאַ, לכבוד שבת!

— „מאַדאַמעשי, אַ פעטן אינדעקן!"

— „ייִדענע, אַ גוט שטיקל קאַפּ־פליישו!"

— ביליק, פון אַ באַנקראָטו!

מ'רייסט זיך אַרויס די קונים פון די הענט, מ'קריגט זיך מיט די קאָנקורענטן און מען איז גרייט זיך אויפצוועסן פאַר אַביסל פדיון.

פּלוצים ווערט אחדות אויף דער גאַס: אַ מאַדאַם האָט אַרונטערגע־לאָזט אַ פיש אין קוישל אַריין און די פאַרקויפערין האָט עס באַמערקט. קיין פּאָליציאַנט רופט ניט די שמאָלע מילע. זי אָנערקענט נישט קיין „קנעפּל",

נאָר די שטראָף ווערט אויסגעמאָסטן אויפן אָרט, דורך די פּאַרקויפערס אַליין. מיט דעם געגנבעטן פיש פּאַטשט מען דעם גנב איבערן פּנים וויפל ס'גייט נאָר אַריין. נישט בלויז דער געליטענער סילוקט. אַלע סוחרים פון גאַס העלפן צו און וויסע חברה באַגלייטן די מאַדאַם מיט „מוזיק“ ביז צום סוף שמאַלע מילע.

נאָך הײמלעכער איז אויף שמאַלע מילע פאַר אַ יום־טוב, ווען די גאַס האַנדלט מיט „סעזאָנאָווע“ סחורות: מצות און חרוסת אויף פסח, גרינס אויף שבועות, הושענות אויף הושענה־רבה, פענער אויף שמחת־תורה.

דער סעזאָן שטעלט זיך זייער פרי, נאָך פריִער ווי „שלושים יום קודם החג“. און חנוכה הויבט זיך שוין אָן דער סעזאָן פון פורים־אַרטיקלען.

— וואַבאַ, האַקטץ דעם כלב, המן“ — ליאַרעמט אַ ייִד, דעמאָנסטרירנדיק די גרעגערס און המן־קלאַפּערס, וואָס ער טראָגט צום פאַרקויפן. — האַקץ, בראַקץ, טראַמאַסקעץ, לאָזט עם נישט אָפּשטיין קאַ תחית המתים!

אַ ייִד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד, פאַרקויפט מאַסקעס פון פורים־שפּילערס. ער מעסט אָן אויף זיך יעדעס מאָל אַן אַנדער מאַסקע, און ווערט פאַרוואַנדלט דאָ אין אַ קאַץ, אין אַ הונט, אַ פערד. די וויסע חברה, וועלכע רינגלען אים אַרום, באַגלייטן אים מיט אַ האַווקען, מיאַוקען, הירזשען, צוגעפּאַסט צו דער מאַסקע, וואָס דער ייִד האָט אָנגעטאָן.

דער האַנדל, כאָטש אָפּט אָן אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט, ווערט דורך קיינעם נישט געשטערט. דער פּאָליציאַנט, וואָס דאַרף אַכטונג געבן אויף דער גאַס, ווערט „אָפּגעחורשט“ און ער באַווייזט זיך דאָ זעלטן. קומט אַמאָל אַ הויכער „זעקס“, אַ העכערער פּאָליצײ־פונקציאָנאַר, איז די גאַס מודיע דעם פּאָליציאַנט, יענער קומט צו לויפן און נעמט מיט אַ שטרענגער מינע יאָגן די הענדלער.

אַמאָל באַווייזט זיך אַ „ספּעקציע“ — אינספּעקציע פון דאָקטוירים און פּאָליצײ צו פאַרשן די ריינקייט. זי קומט אומגעריכט און דאָס ערשטע געוועלב, ווו זי כאַפּט זיך אַריין, קומט אָפּ מיט אַ שטראָף פאַרן נישט־סאַניטאַרן צושטאַנד. אַ צווייטע קראָם וועט זי מער נישט זען. די קרעמערס האָבן שוין באַוויזן צו פאַרקלעפּן די טירן פון זייערע „וואַרן־הייזער“ און

אויפצוהענגען מעלדונגען, צוליב וואָס די קראָם איז געשלאָסן. ביי איינעם איז די סיבה: „ספּאָוואָדו רעמאָנטו" — ער רעמאָנטירט און האַנדלט איצט נישט. ביים צווייטן — „וואָבעץ כאָראָבי זשאָני" — דאָס ווייב איז אים קראַנק. ביי אַ דריטן אויף דער קראָם באַווייזט זיך אַ גרויסע אויפשריפט: „דאָ ווינאַיענטשאַ" — ס'איז הייסט עס גאַרנישט קיין קראָם, נאָר אַ ליידיק געוועלב צום פאַרדינגען און אַזוי ווי עס געפינט זיך נישט קיין אַמאַטאָר אויף דער קראָם, איז זי געשלאָסן.

איז אָבער די קאָמיסיע נאָר אַוועק און אַריינגעדרייט זיך אין די נאַלעווקעס אָדער זאַמענהאָפאַ, פאַרשווינדן די „ספּאָוואָדו'ס", עס עפענען זיך די געוועלבער און דער האַנדל גייט ווייטער. קיין גרויסע פאַרדינסטן גיט נישט דער מסחר פון מילע־גאַס, פון האַנדלען אין די טאָג־שעהן איז נישטאָ קיין פּרנסה. פאַרמאַכן זיך נישט די קראָמען פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אין מיטן דער נאַכט הערן זיך דאָרט קולות פון סוחרים: „הייסע בייגל", קאָכעדיקע קישקעלאַך, אַיאַ־מאַצעלאַך..."

***

שמאָלע מילע איז נישט בלויז אַ האַנדלט־גאַס. מיט מסחר האָט זיך פאַרנומען נאָר דער פּראָצענט פון די הייזער, אָבער נישט די הייף. שמאָלע מילע האָט געהאַט גרויסע הייף. אין יעדן הויף זענען געווען פיר־שטאָקיקע געביידעס און אין יעדער געביידע צענדליקער דירות און דירהלעך — אַמערסטן איין־צימערדיקע. אין די דאָזיקע דירות האָבן געוווינט שוסטערס, שניידערס, טאַפּעצירערס, רימערס און אַממערסטן — וואַליזקעמאַכערס. די פּראָדוקציע פון מילע האָט אָנגעשפּאַרט אין גאַנץ פּוילן און האָט אַרויסגערופן האַס ביי די פּוילישע סוחרים און האַנטווערקער, וואָס האָבן נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט דער „זשידאָווסקער פאַרכאַפּעריש־קייט".

די „פאַרכאַפּערס" פלעגן אַרבעטן אין סעזאָן אַ קיילעכדיקן מעת־לעת, אָבער וועגן אָפּשפּאָרן אויף דירה־געלט האָבן זיי נישט געקאָנט חלומען. איז דער אָנהויב פון יעדן חודש געווען פאַר די איינוווינער פון שמאָלע מילע אַ יום־הדין. נישט איינער פלעגט נאָכן „אַכטן" איבערוואַנדערן פון שטיבל אין הויף אַרויס מיט זיין גאַנץ האָב און גוטס — דאָס

ביסל אָרעמע בעטגעוואַנט און צעבראָכענע כלים. ייִדן „בני רחמנים" פלעגן נישט לאָזן אַ שכן לאַנג ליגן אונטערן פרייען הימל. די מענער האָבן אי־בערגעלאָזט די עסקים, אָנגעטון די שבתדיקע קאַפּאָטעס, די ווייבער — די שבתדיקע יופּקעס, נאָך פון די כלה־צייטן — און האָבן „איינגעלייגט וועלטן" ביז ס'האָט זיך געלאָזט צונויפנעמען די פּאָר גילדן. מ'האָט גע־סילוקט דעם חוב פאַרן דירה־געלט און דער אַרויסגעוואָרפענער איז צוריק אַריין אין זיין דירה. די מילע האָט זיך אָפט אַרויסגעלאָזט אין גאַס זאַמ־לען אַ נדן, אַן אויסשטייער, אָדער אויף חתונה־הוצאות פאַר אַן אָרעם מיידל.

פרייטיק פאַרנאַכט, פאַרן ליכט־צינדן האָבן ייִדענעס צונויפגענומען די עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע מטבעות פון דער גאַנצער וואָך און אַריינגע־וואָרפן אין פּושקעס פון קרן־קימת, ר' מאיר בעל נס און צדקה גדולה, שעפּטשענדיק ביי יעדן מאָל אַריינוואַרפן: לשם מצווה. שבת פלעגן הענד־לער און בעלי־מלאכות — די מענער פון מילע, אויסגעהאָרעוועטע פון אַ גאַנצער וואָך נעמען גרויסע קוישן, אַרומגיין איבער די הייף פון וואַרשע און רופנדיק מיט אַ ספּעציעלן ניגון „גוט שבת, ייִדעלעך", צונויפזאַמלען שפּייז פאַר אָרעמע, שוואַכע און קראַנקע.

ענג איז געווען אין די דירות פון מילע. חוץ דער משפּחה, וואָס איז אַממערסטן געווען פון אַכט־צען מענטשן, האָבן נאָך גאַנץ אָפט אין איינצל־נעם חדר געווינט סובלאָקאַטאָרן — איינגעדונגענע פּראָווינצער יונגעלייט. זיי האָבן נישט געהאַט אין שטעטל ביי וואָס די הענט צו „פּאַרטשעפּען", זענען זיי געקומען אין דער גרויסער שטאָט. דאָ האָבן זיי אָבער אויך נישט באַקומען קיין אַרבעט און הונגעריקע פלעגן זיי גאַנצע טעג זיצן אין קראַ־שינסקיס גאָרטן און דיסקוטירן וועגן דער צוקונפט פון ייִדישן פאָלק. טייל האָבן אָנגעוויזן ארץ־ישראל, אַנדערע — מאָסקווע. זענען טייל אַוועק אין „החלוץ", אַנדערע — פאַרוואַרפן רויטע פענדלעך אויף די טראַמוויי־דראָטן.

אַלטע וואַלאָווקע

„אַלטע וואַלאָווקע" איז געווען אַ שמאָל געסל, וואָס האָט זיך געצויגן פון שוויענטאָיערסקע ביז דער פראַנציסקאַנער־גאַס. געהייסן האָט זי וואַ־לאָווע־גאַס. „אַלטע" האָט מען זי גערופן, כדי זי נישט אויסצומישן מיטן נייעם באַזאַר, אין דער געגנט פון סטאַווקע, וואָס האָט אויך געהייסן וואַ־לאָווקע.

געהאַנדלט האָט מען אויף דער אַלטער וואַלאָווקע מיט פאַרשידענע מלבושים: פון אַ זיידענער זשופּעצע פאַר אַ ייִד אַ חסיד ביז אַ געהאַקטער קאַפּאָטע פאַר אַ מתנגד, פון אַן אַרבעטס־אַנצוג פאַר אַ הוטע־אַרבעטער אָדער שאָפער ביז אַ פראַק „אַ לאַ פּאַריז". האָסטו געוואָלט אַ היסטאָרישן קאָסטיום, האָט מען אים אויך געקאָנט באַקומען אויף דער וואַלאָווקע. אין די פענצטער זענען פאַר רעקלאַמע געווען אויסגעשטעלט פיגורן, געקליידטע אין די פאַרשידנסטע מלבושים פון פאַרשידנאַרטיקסטן זשאַנער, סטיל און עפּאָכע. די פיגורן האָבן געשראָקן מיט זייער וואַקס־געלבלעכן אויסזען. זיי האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, וועלכע מ׳האָט נאָר־וואָס אַרויסגעצויגן פונעם קבר, אָבער מיט זייער הלבשה, וואָס האָט דערמאָנט מתושלחס צייטן, האָבן זיי געצויגן, „געלאָקט".

כמעט נישט יונגער ווי די קליידער איז געווען דער שטויב אויף די שויבן, וואָס איז קיינמאָל נישט אָפּגעווישט געוואָרן און מ׳האָט געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען דאָס אויג צו דערזען, וואָס אין דעם שויב־פענצטער טוט זיך.

נישט געווען וואָס מקנא צו זיין אַ מענטש, וואָס איז אַריינגעפאַלן אויף דער וואַלאָווקע. ביי יעדן געשעפט זענען געשטאַנען אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען קונים. האָבן זיי „געבערענגט" די קונים.

עס האָט נישט געהאָלפֿן אייער פֿאַרזיכערן, אַז איר זענט נאָר אַ צו־פֿעליקער דורכגייער. מיט גוואַלד האָט מען אייך געשלעפּט אין איינעם פֿון די קראָמען. אייגנטלעך האָט מען פֿון אייך גאָרנישט געוואָלט. מ׳דאַרף נישט איר זאָלט קויפֿן.

— „קרענקן זאָל איך" — האָט פֿאַרזיכערט דער פֿאַרקויפֿער — צי איך וויל איר זאָלט קויפֿן. בלויז אַ קוק טון זאָלט איר, איר זאָלט נאָר זאָגן מבינות, צי ס׳איז נאָך ערגעץ דאָ אַזאַ שיין קאַפּאָטקעלע פֿאַר אייך, אָן אַנצעגל פֿאַר אייער ייִנגעלע אָדער אַ קליידל פֿאַר אייער פֿרוי?

פֿאַמיליאַר האָט מען צו אייך גערעדט, גערופֿן אייך „פֿעטער". האָב איך זיך טאַקע קליינערהייט געוווּנדערט, ווי אַלע דאָ רופֿן דעם טאַטן מיינעם פֿעטער. כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך האָב אַזאַ גרויסע משפּחה.

— פֿעטער, צו מיר — האָט איינער געריסן ביי אַ האַנט, — פֿעטער, צו מיר — האָט דער צווייטער געשלעפּט ביי דער פּאָלע.

אַליין האָט מען נישט געקאָנט דעצידירן וווּהין צו גיין, נאָר וועמען פֿון די פֿאַרקויפֿערס עס איז געלונגען אַרויסצורייסן דעם קונה, מיט דעם איז ער געגאַנגען.

אין די געשעפֿטן איז געווען האַלב־טונקל. אַז מ׳האָט זיך צוגעוווינט צו דער ליכט, האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ קונה — אַ ייִד, אַ פּוילישן פּויער אָדער אַ סטודענט, וואָס האָט געמאָסטן אַ פּאָר תּחתונים, אָדער אַ מאַרינאַרקע. אַרום דעם קונה האָבן זיך געפּאָרעט עטלעכע פֿאַרקויפֿערס, וואָס האָבן פֿאַרזיכערט, אַז ס׳ליגט אויף אים ווי „אָנגעגאָסן". ליתר בטחון האָט מען נאָך דעם קונה דערלאַנגט אַ שפּיגעלע, פֿון וואָס די פֿאַרב איז פֿון אים שוין לאַנג אַראָפּ און מ׳האָט דערין גאָרנישט געזען.

— ווו איז דער שלעפּער, וואָס איז דאָ געווען? — האָט זיך טיילמאָל דערהערט אַ געשריי אויף פּויליש, בעת אַ פּויער האָט געמאָסטן אַ רעקל. — ווו איז ער, דער לאַטעק, דער גאָרנישט?

— שאַ! — האָט אים דער צווייטער געענטפֿערט מאַכנדיק דעם אָנ־שטעל, אַז ער רוימט אים איין אַ סוד, — דאָ שטייט ער דאָך, ער וועט זיך דאָך באַליידיקן.

— גיי שוין — האָט געענטפערט דער ערשטער, — האָסט אַ טעות, ס'איז נישט דער, דער איז דאָך אַ פּריץ!

דער פויער האָט אַ צופרידענער געשמייכלט אונטער די וואָנצעס, וואָס ער האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז מ'האַלט אים פאַר אַ פּריץ, און שוין נישט געוואָלט אַרויס פונעם רעקל.

אַמאָל פלעגט מען אויך אַריינלייגן אין קעשענע אַ פּאָר גראָשן, ביים מעסטן האָט מען דעם פויער געהייסן אַריינשטעקן די האַנט, זען צי עס קוועלט אים נישט. דער פויער פלעגט אָנטאַפּן געלט און בשום אופן שוין נישט וועלן קיין צווייטן מלבוש. ער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, מ'זאָל אים, חלילה, נישט פאַרטוישן דעם געמאָסטענעם מלבוש און געהייסן שנעל איינפּאַקן.

די מאָס האָט שטענדיק געשטימט. איז עס געווען ברייטלעך, האָט דער פאַרקויפער איינגעצויגן פון הינטן מיט דער האַנט. קורץ — האָט ער אַ ציִ געטון אַראָפּ, געהייסן זיך אַראָפּבייגן, מ'זאָל זען ביז וואַנען עס דער־גרייכט האָט עס זיך אייך שוין אויסגעוויזן אַ ביסעלע צו לאַנג.

איז מען געגאַנגען אויף וואַלאָווקע האָט מען געמוזט אָוועקוואַרפן דעם בלייפעדער און די אַריטמעטיק־קענטעניש. בשום אופן וואָלסטו נישט אויסגערעכנט ווי אַזוי פאַרקויפט דער סוחר אַזוי ביליק. קענסט געננוי דעם פּרייז פון אַ מעטער סחורה, כּפלסט אים אויף דער צאָל שטאָף, וואָס איז נייטיק פאַר דיין מלבוש, ווילסט נאָך צורעכענען עפּעס פאַר מלאכה, און עס שטימט נישט. עס שלאָגט צומאָל נישט אויס פאַרן מאַטעריאַל. דער סוחר פאַרזיכערט דיך, אַז ער דערלייגט צו יעדן מלבוש. און ווען דו פרעגסט אים נאָך וואָס ער האַנדלט, שטעלט ער אויס אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן: — „ס'טייטש, מען מוז דאָך לעבן!“— פילסטו זיך, אַרויסגייענדיק מיטן געקויפטן מלבוש, ווי מ'וואָלט דיך אָפּגענאַרט. ווייסט נישט מיט וואָס, עס איז ביליק און דאָך...

ער האָט נישט אָפּגענאַרט.

אין אַ הויף פון דער וואַלאָווקע, אין איין צימערל — אין אַ קעלער צי אַ בוידעם־שטיבל — האָט געוווינט אָט אַזאַ סוחר מיט דער משפחה. אין צימערל זענען געשטאַנען בעטן און מאַשינען. אויף די בעטן זענען געזעסן זיינע בני־בית און גענייט, געאַרבעט פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט.

יעדעס פּיצעלע סחורה האָט ער אָפּגעהיטן, יעדעס פּיצעלע אויסגענוצט. עסן? — דער מאָגן איז נישט פון גלאָז, מ׳זעט נישט, וואָס מ׳האָט אַריינ־געלייגט. איז געגוג געווען „אַבי וואָס״.

איז די וואַלאָווקע געווען אַ קאָנקורענט פאַרן פּוילישן סוחר, יענער האָט געוואָלט גוט פאַרדינען און ווערן רייך. האָט ער געהעצט קעגן ייִדן און גערופן „סוואָי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע״. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן און די וואַלאָווקע פלעגט זיין דער באַקליידער פון דער גאַנצער אָרעמקייט, סיי פון דער ייִדישער און סיי פון דער פּוילישער.

יידישע מסחרים

„אַן עס און אַ טרינק"

— אַן עס און אַ טרינק, אַ גראָשן אַ כמאַל!

גרויסע אַרבוזן מיט האַרטע, גרינע שאָלן, מיט רויט און באָרדאָ־סאַמעט־פלייש אין דער מיט, אַדורכגעהאָפטן מיט שוואַרצע פינטעלעך־קערנדלעך, האָבן זיך געשלעפּט טויזנטער קילאָמעטערס פון קאַווקאַזער פעלדער ביז צו די וואַרשעווער מערק.

פּרוכטן־סוחרים, אימפּאָרטערן פון פּזשעכאָדניע־גאַס, האָבן זיי געבּרענגט אין די טויזנטער טאָנען, פאַרקויפט זיי אין די הונדערטער פודן צו די מערק־סוחרים. איינציקע אַרבוזן זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון יידישע הענדלערס, וואָס זענען פון פרימאָרגן ביז אָוונט אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער יידישע הייף, מיט דער פרי אין איין האַנט און מיט אַ מעסער אין דער צווייטער. שניידנדיק פּענעצן, האָבן זיי גערופן מיט אַ ספּעציעלן חן פונעם זינגענדיקן וואַרשעווער יידיש:

— „אַן עס און אַ טרינק, אַ גראָשן אַ כמאַל!"

פאַרחושכטע יידישע קינדערלעך, אויסגעטריקנטע און אויסגעבלייכטע פון די הייסע, דעמפּיקע, ענגע הייף און קליינטשיקע קעלער־ און בוידעם־שטיבלעך, האָבן געבעטן ביי די מאַמעס אַ פּאָר גראָשן, אַראָפּגעלאָזט זיך צו די סוחרים, געקויפט אַ „כמאל" און איינגעגעסן זיך דערין מיט די ציינדלעך, פּיסקלעך און נעזלעך...

משה זאָנשיין

שיבעשאָווער אוגערקעס

— אַ גאַנצער שאָק, וואַבאָ, פּאַ פּופּצן גראָשן, שיבעשאָווער, שיבע־שאָווער!

פּיל גלגולים האָבן דורכגעמאַכט די אוגערקעס, ביז זיי האָבן דער־גרייכט צו די אָרעמע הייף פון מילע, ניסקע און סמאָטשע. צוערשט איז געקומען דער טאַטע און דערציילט, אַז אין „יענע גאַסן" האָט ער אַליין געזען אַרויסשטיין אין אַ שויב־פענצטער אַ זיסע אוגערקע. וויפל אַ שטיי־גער אַזאַ אוגערקע קאָסט קאָן ער נישט וויסן, ס׳איז נישט אַרויסגעשטעלט קיין פּרייז. דערפון דרינגט די מאַמע, און דער טאַטע איז אויך מסכים, אַז ס׳קאָסט אַ פּאַרמעגן.

— וואָס די רייכע מיט די פאַרשטאָפּטע העלדזער קאָנען זיך אַלץ פאַרגינען!

דערנאָך האָט מען שוין געזען אַן אוגערקע אין דער גרויסער „אָוואָ־צאַרניע" (פרוכטן־געשעפט) אויף דער ייִדישער גאַס. די קינדערלעך האָבן צוגעקוועטשט די נעזלעך צום פענצטער און געצויגן דעם ריח דורכן גלאָז.

שפּעטער האָט שוין די מאַמע מיטגעברענגט פונעם באַזאַר אַ קליין אוגערקעלע און איינגעטיילט יעדן קינד אַ פענעצל.

צום סוף, ווען ס׳איז געקומען דער אוגערקע־סעזאָן, זענען שוין אַרומ־געפאָרן איבער די הייף האַנט־וועגעלעך, געשלעפּט דורך די הענדלערס, וואָס האָבן געוואָרפן צו קויפן אַ גאַנצן שאָק פאַר פּופּצן גראָשן.

צום אוגערקע־סעזאָן האָבן שוין די טאַטעס, די בעלי־מלאכות, נישט געהאַט קיין אַרבעט און די קינדערלעך האָבן שוין קיין שטיקל פלייש נישט געזען. אַ מאָל איז קיין מיטאָג אויך נישט געווען און די מאַמע האָט אָנשטאָט נאָך אַ שטיקעלע ברויט, דערלאַנגט דעם קינד אַן אוגערקע. זענען אָרעמע קינדערלעך אַרומגעגאַנגען מיט גרויסע אָנגעבלאָזענע בייכעלעך פון די שיבעשאָווער אוגערקעס און סוחרים זענען געגאַנגען און סוחרים זענען געקומען. איין וועגעלע איז אַרויס פון הויף און אַ צווייטס איז אַריין. אַ גאַנצן טאָג האָט געקלונגען דער רוף פון די פאַרקויפער:

— וואַבאָ, וואַבאָ, פּופּצן גראָשן אַ שאָק, שיבעשאָווע, שיבעשאָווע, פּופּצן גראָשן אַ שאָק!

אין געוועלב קאָסט עס

— אין געוועלב קאָסט עס פינף זלאָטעס, באַ מיאָ קאָסט עס נישט קיין פינף, ביי מיאָ קאָסט עס נישט קיין פּיאָ, קאַ דראַ, קאַ צווי, ביי מיאָ קריגט איר עס פאַר אַ זלאָט. וועיאָ ס׳קויפט באַ מיאָ איינס פאַר אַ זלאָט, קריגט בחינם אַ צווייטס, קריגט בחינם אַ דריטס, קריגט בחינם אַ פערטס!

ביי די דורכגאַנגס־טויערן פון די וואַרשעווער ייִדישע האַנדלס־גאַסן זענען געשטאַנען „סוחרים" מיט זייערע „קראָמען", אויסגעלייגטע אויפן טראָטואַר: קראַוואַטן, שאַליקלעך, זאָקן, סקאַרפּעטן און אַנדערע סחורות, אָפּגעבליאַקעוועטע, פאַרעלטערטע און אַרויסגעגאַנגענע פון דער מאָדע.

אין געוועלב האָט מען שוין די סחורות נישט געקאָנט פאַרקויפן, זענען זיי אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין גאַס און פאַרקויפט געוואָרן אַלס מציאות דורך ראַמשן־הענדלער.

אין געוועלב קאָסט עס...

איינער פון די שותּפים איז געווען אַ פאַרקויפער, די איבעריקע — אַ פיר, פינף מאַן האָבן געשפּילט די ראָלע פון קונים. זיי האָבן געמאַכט אַ גראַטשקע, געקליבן, געצאָלט, גערירט די סחורה און געבעטן נאָך.

דורכגייער האָבן געזען, ווי מ׳כאַפּט מציאות, האָבן זיי אויך איינגעהאַנדלט אַ ביסל סחורה.

אָפּגענאַרט אין פּרייז האָבן זיי זיך נישט. די סחורות זענען געווען פיל ביליקער ווי אין געשעפט. זיי זענען נאָר געווען פאַרזאָגער פון אַ מאָדע, וואָס וועט ווידער אויפקומען אין דרייסיק יאָר אַרום, אַקוראַט צום פופציקיעריקן יובל פון דער צייט, ווען די זעלבע סחורה איז געווען „דער לעצטער מאָדע־געשריי".

שמאַטע־הענדלער

— האַנדי, האַנדי! אַלטוואַרג קויף יאַך, אַלטע שיך, אַלטע קליידער! האַנדי! האַנדי! סטאַזשיזני קופּויע, שמאַטי, לאַכי!

האַנדי. טאָג־טעגלעכע מוזיק אויף די וואַרשעווער הייף. פון פרימאָרגן אָן האָבן זיך געטראָגן די קולות פון די הענדלער. די ווערטער ביי אַלע די זעלבע. איין נוסח האָבן אַלע הענדלער געהאַט. געענדערט האָט זיך נאָר

די שטים. אַ מאָל איז דאָס געווען אַ הייזעריק כראָפּנדיקע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַלדז מיט אַ כאָרכל.

מ'האָט נישט געדאַרפט אַראָפּקוקן פון פענצטער, כדי צו וויסן, אַז דער הענדלער איז אַ זקן, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט רויק „פאַרברענגען" אין אַ מושב־זקנים. פון פרימאָרגן אָן האָט דער זקן געשלעפּט די שווערע, מידע פיס, געקראָכן פון הויף צו הויף, פאַרריסן דעם קאָפּ מיטן בערדל, אָן אויסגעצופּטס פון דאגות, צו די הויכע שטאָקן און בעטנדיק אויסגע־קרעכצט: האַנדי, האַנדי!

אפשר וואָלט ער געגאַנגען אין אַ מושב־זקנים, אָדער אָן דעם זעקל אויף די פּלייצעס געלאָזט זיך פון טיר צו טיר, אָנגעקלאַפּט און געבעטלט אַ פּאָר גראָשן, אָדער אַ שטיקל ברויט. יעדער ייִד וואָלט אים דאָס געגעבן און ער וואָלט לייכטער, שנעלער צונויפגעזאַמלט אויף דער חיונה. אָבער ווען עס פאַלט אים איין אַזאַ געדאַנק, יאָגט ער אים אַוועק, שאָקלט זיך אָפּ פון אים, ווי פון אַ בייזן חלום און באַמיט זיך צו פאַרשרייען דעם זלידנעם געדאַנק, כאָרכלענדיק שטאַרקער און רופנדיק העכער:

— האַנדי, האַנדי!

אַמאָל איז דער „האַנדי" אַ בייזער, אַ קוויטשעדיקער פון אַ ווייבל, אָן אלמנה מיט פינף קינדער. בייז איז זי פון צרות: ווען ז'האָט חתונה געהאַט, האָט זי נישט געוווּסט, אַז דער מאַן איז אַ שווינדזיכטיקער; ווען ער האָט זי איבערגעלאָזט מיט פינף „ווערעם", די קינדערלעך, וואָס זענען געררוקט איינס פון צווייטן קוים מיט אַ יאָר און אָן די קלענסטע מעגלעכ־קייטן צום לעבן, האָט זי געמוזט אויספאַרקויפן איר ביסל „האָב און גוטס" און האַנדלענדיק מיט אייגנס איז זי געוואָרן אַ סוחרטע. איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט די קליינע קינדערלעך, „אויסגעטון דאָס שעם־מיצל", פאַרגעסן אַז זי איז אַ טאָכטער פון אלי־חנא ע"ה און געהאַנדלט מיט שמאַטעס.

איז זי בייז. בייז אויפן מאַן, וואָס האָט זי אָפּגענאַרט; בייז אויפן טאַטן, וואָס האָט זי אַזוי יונג פאַרקנסט, בייז אויף דער גאַנצער וועלט. רופט זי קוויטשענדיק שנעל און בייז:

— „האַנדי, האַנדי, שמאַטי קופּויע, לאַכי קופּויע"!

מיט דעם פאַך האָבן זיך פאַרנומען אויך יונגע מענטשן. זיי האָבן

אַפילו געמאַכט שותפותן פון געזונטע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געקאָנט לויפן איבער די שטאָקן, קלאַפּן פון טיר צו טיר און פאַרלייגן זייער: האַנדי, האַנדי — אַלטוואַרג קויף יאַדן!״ זיי זענען געווען אַ קאָנקורענץ פאַר די אַלטע לייט און שוואַכע פרויען. נישט דערלאָזט זיי צום מסחר. אַ ספּעציעלע טאַקטיק איז געווען ביי די הענדלער. צוערשט האָט זיך גע־לאָזט אויף די שטיגן איינער, וואָס זיין עובדא איז געווען צו מאַכן „פּלאַ־טשיק״ דעם פאַרקויפער. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער „סחורה״, וואָס מען וויל אים פאַרקויפן און געפסקנט, אַז ס׳איז גאָרנישט ווערט. דאָס זעלבע האָט געטון דער צווייטער. דער דריטער איז שוין גרייט געווען פאַר רחמנות צו געבן אַ זלאָט. נאָך אַ ביסל דינגען זיך, איז ער אַ ביסל מרוצה געוואָרן עפּעס צו דערלייגן און צו נעמען דעם „פּגר״, וואָס לוינט זיך נישט אַפילו אָראָפּצושלעפּן פון די טרעפּ.

אַנדערע „סוחרים״ זענען געפאַלן אויף המצאות, האָבן איינגעאָרדנט טויש־געשעפטן, רופנדיק: — פאַיאַנס פאַר שמאַטעס! אָדער אַנדערע טויש־סחורות.

אין אָוונט האָט מען די איינגעהאַנדלטע סחורות אַוועקגעפירט אויפן גרויסן מאַרק, וואָס האָט זיך גערופן „נייע וואָלאָווקע״, אויסגעסאָרטירט עס און פאַרקויפט צו די הורטאָווניקעס, וואָס האָבן עס טראַנספּאָרטירט אין דער פאַבריק־שטאָט — לאָדזש.

ווען אין וואַרשע האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם, פלעגן זיך טייל פּאָליאַקן מאַכן אַ „שפּיל״. זיי האָבן אַרויפגערופן אַ הענדלער כלומרשט אים צו פאַרקויפן עפּעס און אַרויסגעלאָזט אים פון שטוב אַ צעממיתטן. די הענדלערס האָבן שוין אין די גוישע גאַסן געמוזט זיין פאָרזיכטיק און גיין צו עטלעכע מאַן צוזאַמען. דער סאָלאָ־געזאַנג פון האַנדי האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ כאָראַלן געזאַנג פון „האַנדי, האַנדי — אַלטוואַרג קויף יאַדן!״.

סאָדע־וואַסער

„אל תסתכל בקנקן אלא מה שיש בו״ — צוזאַמען מיט אַ גרויסן וואַ־סער־באַלאָן שיינט אַראָפּ אַ געמאָלענע אויפשריפט אויף אַ שילד איבער אַ געוועלבל פון סאָדע־וואַסער. לעבן דער שילד הענגט אַ צווייטע, וואָס טייטשט איבער געענוי אויף יידיש:

„זוכט איר די שיינע פּאַנאָראַמע, די שיין־אויסגעפּוצטע לאָקאַלן מיט די שיינע זשיראַנדאָלן און דיוואַנען אויף דער פּאָדלאָגע, זאָלט איר היער הערײנקאָממען, ווייל איר וועט דאָס היער ניט בעקאָממען, זוכט איר די שיינע מוזיק פון די טייערע ראַדיאָס, זאָלט איר הייר נישט הערײנקאָממען. זוכט איר אָבער דאָס אמת־גוטע גלעזעלע דאָפּל־גאַזירטע זאָדע־וואַסער מיטן גוטן סאָק אויף אונטערצולענען אייער האַרץ, קאָמט הערײן און איר וועט קיין חרטה ניט האבען".

די העברעישע שילד פון „אל תסתכל" און זיין יידישער באַלייכטער זענען אַמאָל דאָרט נישט געהאנגען. ס'איז דאָרט נאָר געווען אַ געוועלבל מיט צוויי באַלאָנען וואַסער און אַ בוטלע סאָק. דעם סאָק האָט מען צעגאָסן אין עטלעכע פלעשלעך, צוגעגעבן פאַרשידענע קאָלירן און ס'איז געוואָרן „מאַלינאָווע", „ציטרינאָווע", „פּאָמעראַנטשאָווע", „ווישניאָווע" און אַנדערע געשמאַקן. קיין גליקן האָט אָבער דער סוחר נישט געמאַכט, אָבער געצויגן זיין חיונה. ס'איז אונטערגעוואַקסן אַ טאָכטער, האָט ער איר געדונגען אַ געוועלבל, געגעבן איין נדן איין באַלאָן פון זיינע צוויי, עטלעכע פלעשער „מאַלינאָווע"" און „ציטרינאָווע" און ס'איז אויפגעשטאַנען אַ צווייטער „סוחר" פון סאָדע־וואַסער.

זענען צווישן גרויסע געשעפטן פון מאַנופאַקטור, זיידענע וועש אָדער לעדער געווען אַרײנגעקוועטשט קליינטשיקע געוועלבלעך מיט סאָדע־וואַסער. דאָרט האָבן געהאַנדלט „קליינטשיקע סוחרימלעך" אָן גרויסע פּרע־טענזיעס און האָבן געלאָשן דעם דורשט פון זייערע שכנים — די גרויסע סוחרים, מיט „אַ קאָלטס און אַ גוטס".

קיין קנאה צווישן די שכנים איז נישט געווען. די וואַסער־סוחרים האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע השגות און האָבן וועגן גרויסע געשעפטן נישט געחלומט. די גרויסע סוחרים האָבן אַוודאי נישט געהאַט קיין סיבה זיי מקנא צו זיין. ביז... גראַבסקיס „עגלה" (עקזעקוציע־פור, וואָס האָט צו־גענומען סעקוועסטרירטע סחורות פאַר פאַרלעגענע שטייערן) האָט אויסגעליידיקט פון די יידישע געשעפטן די מאַנופאַקטור־סחורות, די זיי־דענע וועש און לעדער. זענען גרויסע סוחרים געבליבן שטיין מיט גרויסע, ליידיקע ווענט און נישט געהאַט מיט וואָס צו האַנדלען. האָבן טייל צוויפּ־

גענומען דאָס לעצטע און אַוועק קיין ארץ־ישׂראל מיט דער דריטער עליה און אַ טייל האָט גענומען האַנדלען מיט סאָדע־וואַסער.

זיי האָבן אויסגענוצט די ארץ־ישׂראל־קאָניונקטור, אויסגעמאָלט די געשעפטן מיט ארץ־ישׂראל־פּייזאַזשן: קבר רחל, פּאַלמעס און צוויי־הויקער־דיקע קעמלען, אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסע שילד: „תל־אביב״ און אונטער אַ בילד, ווו ייִדן זיצן אונטער פּאַלמעס און עסן אייז־קרעם, אויפגעשריבן אויף העברעיִש: „גלידה וגזוז מארץ־ישׂראל״ — אייזקרעם און סאָדע־וואַסער פון ארץ־ישׂראל.

ייִדן זענען געקומען אין די ארץ־ישׂראלדיקע געוועלבער, געזעצט זיך אונטער ארץ־ישׂראלדיקע פּאַלמעס, געגעסן ארץ־ישׂראלדיקע „ליאָדעס״ און געטרונקען ארץ־ישׂראלדיקן גזוז.

זעענדיק אַז זיי מאַכן גוטע געשעפטן, האָבן אַנדערע סוחרים פון לייי־דיקע קראָמען זיך מתקנא געווען, פאַרקויפט דאָס לעצטע ביסל סחורה און אויך פאַרלייגט אַן „ארץ־ישׂראלדיק געשעפט״.

זענען פול געוואָרן גאַנצע גאַסן מיט „גלידה מארץ־ישׂראל וגזוז מארץ־ישׂראל״ און ווען ס׳האָבן נישט געסטאַיעט קיין קונים פאַר אַלע סוחרים, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ.

ארץ־ישׂראלדיקע סוחרים האָבן אַריינגעשטעלט אין זייערע געשעפטן אַמעריקאַנער פּאַטעפאָנען מיט אַמעריקאַנער פּלאַטן, פאַרלייגט ראַדיאָ־הילכערס און פאַרהילכט די גאַסן מיט אַמעריקאַנער רומבאַ־טומל. עסט ייִדן ארץ־ישׂראל־ליאָדעס און זייט זיך מחיה מיט אַמעריקאַנער מוזיק.

צווישן די גרויסע „גלידה־רומבאַ״־געשעפטן איז געשטאַנען אַ דער־שראָקנס, דאָס קליינע סוחרל פון סאָדע־וואַסער און כדי צו ציִען אַ קונה, האָט ער אויף זיין קליין געוועלבעלע אַרויסגעהאנגען דעם שילד „אל תסתכל בקנקן״ און „זוך נישט די פּאַנאָראַמע״. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ פון שילדן, וואָס האָבן צוגעזאָגט הרים וגבעות.

שרייט אַ שילד אין גראַמען:

ייִד, סאָק ווי וויין, וואַסער ווי ביר, קריגט מען נאָר ביי מיר!

זאָגט צו אַ צווייטע שילד:

„פאַר פינף גראָשן טרינקט איר וויפל איר ווילט״.

טענהט זיך אויס אַ דריטע:

„זאָג, האָסטו שוין אַמאָל געטרונקען אַזאַ וואַסער? וועסטו זאָגן יאָ, האָסטו, במחילה, פאַרגעסן דעם פּסוק: מדבר שקר תרחק. וועסטו זאָגן ניין, ביסטו אַן אמת־זאָגער און קריגסט אַ פּרעמיע — אַ צווייט גלאָז גראַטיס“.

הייסע בייגל

הייסע קאָכעדיקע בייגל, הייסע קאָכעדיקע בייגל!

איינגעגעסן האָט זיך די מעלאָדיע, די אויסגעזונגען־אויסגעוויינטע פון ווייבערישע און קינדערישע שטימען. איינגעגעסן זיך אין אַלע שעהן פון טאָג, אָוונט און נאַכט אין משך פון אַלע וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

הייסע בייגל, געפלאָכטענע בייגל. אַ יידישע פּרנסה געווען. אַ יידישער בעקער האָט זיי געבאַקן אין אַ געהיימער בעקעריי — אין אַ דריטן אָדער פערטן הויף פון אַ יידיש הויז אויף סמאַטשע, מילע אָדער ניסקע. געהיטן זיי פאַר אַן „עין הרע“, ס׳זאָל, חלילה, נישט אַריינקומען קיין פּאָליציאַנט און פאַרחתמענען די בעקעריי פאַר באַקן אָן אַ פּאַטענט און אין „נישט סאַניטאַרע“ באַדינגונגען.

ביים אויוון איז געשטאַנען דער „קאַפּיטאַליסט“ דער בעקער, מיט אַן אויסגעבלייכט פּנים פון שווינדזוכט, ער האָט געררוקט די בייגל אין אויוון, געהוסט און אויסגעשפּיגן שטיקער לונגען. ביים מולטער האָט זיין ווייב, אַן אויסגעבלייכטע פון נישט־דערשלאָפענע נעכט, געקנעטן די „מייּ־רע“ און די קינדער האָבן דערלאַנגט צום אויוון.

די קונים־בייגלהענדלער, יידישע פרויען און קליינע קינדער, האָבן זיך ווי שאָטנס אין דער נאַכט אַריינגעשלייערט מיט די קוישן און מיט אַ פּינפער זלאָט, אַן אויסגעבאָרגטן אין גמילת־חסדים־קאַסע, אין דער האַנט.

זיי האָבן אַריינגעשטופּט דעם „סטרוזש“ אַ פּינפער־גראָשן ער זאָל זיי אַריינלאָזן אין הויף און האָבן זיך אַראָפּגעשאַרט אין קעלער, צום בעקער.

אַרויף האָבן זיי געשלעפּט די קוישן בייגל, פון וועלכע ס׳האָט גע־שלאָגן אַ פּאַרע, און אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, צעזונגען זיך:

— „הייסע, קאָכעדיקע בייגל“.

רייכערע הענדלער האָבן נאָך אויסער דעם געהאַט אַ קעסעלע, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געבריט „הייסע קישקאַלאַך“.

אָנגעשטרענגט זענען שטענדיק געשטאַנען די סוחרים מיט אויסגע־שפּיצטע אויגן. זיי האָבן געמוזט אַכטונג געבן אויף די צענדליקער קאָנ־קורענטן, די אַנדערע בייגל־הענדלער, וואָס זענען פול געווען ביי יעדן טויער, געמוזט נאָך מער אַכטונג געבן אויף אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט גע־לויערט אויף די פֿאַרברעכער, וועלכע שלייכן זיך אַרום אין די נעכט — ווען אָרנטלעכע מענטשן שלאָפֿן. זיי האָבן געמוזט שטענדיק קוקן, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אומגעריכט און פֿאַרכאַפּן איינעם מיט דער סחורה.

גאַנץ אָפֿט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאַנצע מחנה פּאָליציאַנטן, אָפּ־געשלאָסן די גאַס און אויפגעכאַפּט אַלע הענדלער. די בייגל האָבן אויפֿ־געגעסן די פּאָליציאַנטן פֿון קאָמיסאַריאַט און די הענדלער, צעשלאָגענע, איינגעזעצט אויף עטלעכע טעג מיט אַן אָנזאָג, „אַז צום צווייטן מאָל וועט זיין ערגער“.

אנשטאט דער מאַמע, וואָס איז שוין מער מאָל געווען פֿאַרהאַלטן, האָט זי געשיקט אַ קינד און ס׳פּלעגט אָפּפירן גאַנצע נעכט ביים פֿאַרקויפֿן די בייגל.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ווען צעהוליעטע געסט פּלעגן זיך אומ־קערן פֿון די נאַכט־לאָקאַלן, האָבן זיי נישט איין מאָל געטראָפֿן אַ דורכגע־פֿרוירן קינד מיט געשוואָלענע אויגן פֿון קעלט און געוויין. ס׳האָט מורא אַהיימצוגיין. אַ פּאָליציאַנט האָט צוגענומען די בייגל, איינגעהאַנדלטע פֿאַר די לעצטע גראָשנס.

„גוט־שבת ייִדעלעך“

— „גוט שבת, ייִדעלעך, גוט שבת! די חברה מחזיקי־חולים איז דאָ! געץ אַראָפּ, ברענגץ אַראָפּ, וואַרפֿץ אַראָפּ: חלות, ברויט, פֿיש, פֿלייש, צוקער. שנעלער, שנעלער, ייִדעלעך! נישטאָ קאַ צאַט! מ׳דאַרף גיין אין אַנדערע הייף. ווער ס׳קען נישט אַראָפּברענגען, וועל׳מיר אַרויפֿגיין. געץ, געץ, ייִדעלעך, די קראַנקע וואַרטן! גיכער, גיכער, ייִדעלעך, האַלטץ נישט אויף. געץ אַראָפּ: פּוטער, שמאַלץ, אייער, פּאָמעראַנצן, עפּל. די קראַנקע דאַרפֿן עפּעס גוטס אין מויל אַריין, זיי דאַרפֿן זיך אונטערלענען די הערצער!“.

מוזיק. שבת־מוזיק אין די ייִדישע הייף פֿון ייִדישן וואַרשע — אויסגעשפּילט דורך האָרעפּאַשנע ייִדן, אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעבלייכטע, פֿאַרדאגהטע ייִדן. פֿאַרחושכטע פֿון יאָגן זיך אַ גאַנצע וואָך נאָך פּרנסה, האָבן זיי שבת נישט גערוט, נישט אַוועקגעלייגט זיך אויסגלייכן דיביינער, נאָר געשלעפּט זיך מיט ריזיקע קוישן איבער די וואַרשעווער ייִדישע הייף צונויפֿנעמען פּראָדוקטן פֿאַר אָרעמע קראַנקע אין די שפּיטעלער.

צענדליקער גרויסע צדקה־חברות — חוץ הונדערטער קליינע זענען געווען אין וואַרשע: „בית־לחם“, „תומכי־עניים“ א״אַנד. טויזנטער פּעקלעך זענען יעדן ערב יום־טוב פֿאַרטיילט געוואָרן, מיט אַלע יום־טוב הצטרכותן פֿאַר אָרעמע ייִדישע משפּחות, קעסלען טיי מיט ברויט זענען אַרומגעפֿירט געוואָרן יעדן ווינטער איבער די וואַרשעווער ייִדישע אָרעמע גאַסן. יעדער ייִד אין וואַרשע האָט געמוזט האָבן אַ שייכות מיט בית־לחם, תומכי־עניים און אַנדערע צדקה־חברות. ווער ס׳איז נישט קיין נעמער, מוז זיין אַ געבער — דאָס האָט געוווּסט יעדער וואַרשעווער ייִד. ווי די גרעסטע טראַגעדיע האָט עס איבערגעלעבט אַ יורד, ווען מ׳האָט זיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין אים

און אויסגעמיטן זיין שטוב ביים צונויפנעמען מעות־חטים אויף פסח אָדער אויף אַנדערע הצטרכותן פאַר אַרעמעלייט. ער האָט דערפון מער געליטן, ווי פון דעם, וואָס ער אַליין האָט נישט געהאַט פאַר זיך אויף יום־טוב.

צענדליקער גרויסע צדקה־חברות, חוץ הונדערטער קליינע זענען גע־ווען טעטיק אין וואַרשע צו העלפן נויטבאַדערפטיקע. ס׳זענען אויך געווען לאָקאַלע „חברלעך" אויף יעדער גאַס אָדער הויף: פאַר הכנסת־כלה, גמילת־חסדים, תלמוד־תורה. קיין שום חברה איז אָבער נישט געווען אַזוי באַקאַנט און באַליבט אין וואַרשע, ווי די „גוט שבת, יידעלעך".

נישט פאַרצושטעלן זיך אַ יידישן הויף, וואָס זאָל ווערן דורכגעלאָזט דורך די „גוט שבת יידעלעך". אַ פאַרשטערטער שבת וואָלט דאָס געווען. ס׳וואָלטן נישט געהאַט קיין שבתדיקן טעם די געפילטע פיש, די שבת־חלות, דער שבתדיקער טשאָלנט מיטן לאָקשן־קוגל און אָנגעפילטע מעגעלעך. ס׳וואָלט, להבדיל, נישט געהאַט קיין טעם דער „יום זה מכובד", געזונגען פון ר׳ איטשע־מאיר, דעם וואַרשעווער גביר און גערער חסיד, פון דעם דרדקי־מלמד אָדער פון יאָסל טרעגער.

נישט געווען היינט אין הויף די „גוט שבת, יידעלעך", — פאַרשטערט איז דער שבת ביים גביר, וואָס כאָטש ער האָט גענוג חלות — ס׳זאָל נאָך בלייבן אויף נאָך שבת אויפצופרעגלען — האָט ער דאָך איין חלה, לכת־חילה, צוגעגרייט און באַהאַלטן ספּעציעל פאַר די „גוט שבת, יידעלעך". פאַרשעמט איז דער שבת ביים אָרעמען מלמד, וואָס זיין ווייב האָט קנע־טנדיק די טייגלעך אויף חלות אָפּגעציילט אַ חלה צו יעדער סעודה, זי האָט פאַרקלענערט יעדעס איינציקע און אָפּגעשפּאָרט אַן איבעריקס פאַר די „גוט שבת, יידעלעך". טרויעריק איז ביי יאָסל טרעגער, ווען צווישן די שוואַרצע ברויטן, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיך אויף שבת — נישט געהאַט אויף קיין חלות — איז געבליבן ליגן דאָס איינציקע חלהלע, וואָס דאָס ווייב האָט אָנגעגרייט פאַר די „גוט שבת, יידעלעך".

— גוט שבת, יידעלעך, גוט שבת!

אָנגעהויבן האָט זיך דער גוט־שבת־געזאַנג גאַנץ פרי, כדי צו באַ־וויזן צונויפצונעמען ביז מיטאָג די פּראָדוקטן ביי אַלע יידן און גלייך אָפּטראָגן אין די שפּיטעלער, האָבן זיך די „גוט־שבת־יידעלעך" אַרויסגע־לאָזט איבער די הייף אין די פרימאָרגן־שעהן.

נישט ביי איין פרוי אָדער קינד פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאַט באַוויזן אָנצוטון, ווען ס'האָט זיך דערהערט דער „גוט שבת, יידעלעך"; מיט אַן אַרויפגעוואָרפענעם פּאַלטן אויף די נאַכט־וועש פלעגן די פּאַרשפּעטיקטע לויפן איבער די טרעפּ פון די פּערטע און פינפטע שטאָקן, נישט צו פאַרזאַמען, חלילה, אַראָפּצוטראָגן די מתנות פאַר די „גוט שבת, יידעלעך".

— האַלטעך נישט אויף, יידעלעך, האַלטעך נישט אויף! — פלעגן די יידן רופן און מ'האָט נישט אויפגעהאַלטן. מ'האָט זיך געאיילט.

— „וואָס מער, יידעלעך! — האָבן זיי געמאָנט און מ'האָט געגעבן וואָס מער. ס'האָבן זיך געדונגען די קינדערלעך מיט די מאַמעס, וועלכע האָבן נאָך פריִער מיט זיך אַליין שוין געהאַט זיך געדונגען. מ'האָט צו־געלייגט נאָך אַביסל, נאָך אַ שטיקל, אַוועקגעגעבן דאָס איינציקע איי, די לעצטע פאָר שטיקלעך צוקער, כאָטש מ'האָט גאַנץ אָפט נישט געהאַט פאַר דעם אייגענעם קינד.

צו דריי יידן זענען געגאַנגען די „גוט שבת, יידעלעך", מיט צוויי גרויסע, טיפע קוישן, מיט צוויי אויערן ביי יעדן קויש. „גוט שבת, יידע־לעך, גוט שבת". די קוישן ווערן פולער. די יידן בייגן זיך שוין אונטער דער משא און דער עולם טראָגט כסדר.

— גוט שבת, יידעלעך, גוט שבת!

אויב מען האָט נישט געהאַט פאַר זיך אַליין אָנצוגרייטן אויף שבת, האָט מען קודם געזאָרגט פאַר די „גוט שבת, יידעלעך". צוויי טעמים האָט מען דערביי געהאַט: אָרעמע קראַנקע זענען בילכער, און חוץ דעם: זאָל דער הויף נישט וויסן, אַז מ'האָט נישט אויף שבת.

— אַ גוטן שבת, יידעלעך, אַ גוטן שבת. מיר גייען שוין אַוועק, ווער ס'האָט נאָך נישט געגעבן, קען ברענגען אין צווייטן הויף!

***

פון שרהלען האָט מען היינט גאָרנישט אַראָפּגעגעבן. מען שמועסט אין הויף, אַז ביי איר איז נישטאָ קיין פּרנסה. מ'האָט שרהלען נישט געזען אַ גאַנצע וואָך אין יאַטקע ביים קויפן פלייש און אויך נישט אין געוועלבל. שרהלע רימט זיך אַפילו, אַז זי האָט געקויפט אַ גאַנדז און פוטער איז

באַזאַר אויף אַ גאַנצע וואָך, אָבער די שכנים גלייבן נישט. פון שרהלען האָט מען היינט גאָרנישט אַראָפּגעגעבן פאַר די „גוט שבת, יידעלעך". די ווייבער אין הויף ווינקען זיך איבער.

מ׳וואָלט שטילערהייט געדאַרפט מיט עפּעס העלפן. באַלד הערן זיך אָבער אויף די טרעפּ דראָבנע טריטעלעך. שרהלעס טעכטערל לויפט פון פינפטן שטאָק מיט אַ פּעקעלע אין די הענט. איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר טראָגט דאָס מיידעלע עפּעס פאַר די „גוט־שבת, יידעלעך". זי לויפט מיט דעם אין צווייטן הויף אַריין. נישט געהאַט קיין חלה, נישט געהאַט קיין פיש, נישט געהאַט קיין פלייש און קיין איי און געשעמט זיך פאַר די שכנים. איינגעפּאַקט טראָגט דאָס קינד פאַר די „גוט שבת, יידעלעך" אַ שטיקל ברויט. זאָלן די שכנים נישט זען, אַז זיי האָבן נישט קיין חלה אויף שבת. זי טראָגט עס אין צווייטן הויף, אָדער אין דריטן, צי אין פערטן, דאָרט וווּ מ׳קען זיי נישט.

— נאַט אייך אַ שטיקל ברויט — דערלאַנגט דאָס קינד אַ פּעקעלע.

— די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די צווייטע וואָך וועט זי געבן חלה און צוקער אויך — גיט צו דאָס מיידעלע, — אַפילו אַ פּאָמעראַנץ! היינט האָט זי נישט, אַ גוטן שבת, יידעלעך, אַ גוטן שבת!

סמאַטשער טעאַטער

נישט געווען אין וואַרשע נאָך אַ טעאַטער, ווו דאָס פּובליקום זאָל אַזוי מיטלעבן מיט די אַרטיסטן, ווי אין טעאַטער אויף סמאָטשע. ווייל איז געווען דעם אַרטיסט, וואָס עס איז אים אויסגעפאַלן אַ סימפּאַטישע ראָל. די סמאָטשע האָט אים אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגאַנג און אים גע־טראָגן אויף די הענט. וויי איז געווען צו יענעם, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ טיראַן — אַ פאַרפירער פון „דאָס אײדעלע מײדכען״. ער האָט שוין געמוזט איבערוואַרטן אין טעאַטער ביז וואַנען דאָס פּובליקום איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ס'האָט אים געדראָט צו קריגן אָנגעבראָכן די ביינער.

סמאָטשע איז נישט געגאַנגען אין טעאַטער ווײלן זיך און פאַר־ברענגען די עטלעכע שעה. סמאָטשע איז געגאַנגען אויסלעבן איר אייגן אָרעם לעבן, אויסוויינען ביי פרעמדע טראַגעדיעס איר אייגענע טראַגעדיע און פרייען זיך מיט יענעמס פרייד, ווייל אייגענע האָט געפעלט.

דער רעפּערטואַר פון טעאַטער האָט געמוזט זיין „אמתדיק״, גע־נומען פון טעגלעכן לעבן און צוגענגלעך. ער האָט געמוזט זיין ענלעך צו דעם, וואָס דער צושויער האָט אַליין איבערגעלעבט, נאָר פעסט אי־בערגעזאַלצן און איבערגעצוקערט: מיט אַ שוואַרץ־כאַראַקטער, וואָס איז שוואַרצער ווי פעך, וואָס מען מוז אין אים נעמען „ראָכע״, און מיט אַן אײדל פאַרפייניקט ווײזן, וואָס מ'האָט אויף אים געדאַרפט רחמנות האָבן און אַרויסווייזן דאָס רחמנות מיט ביטער געוויין. וואָס מער טרערן מען האָט געקענט פאַרגיסן אין טעאַטער, אַלץ מערער דערפאָלג האָט גע־האַט די פאָרשטעלונג. אַלע עוולות האָבן אָבער געמוזט פאַרריכט ווערן

נאָך אײדער דער צושױער האָט פאַרלאָזט דאָס טעאַטער. יעדע פאַרשטעל־לונג האָט זיך געמוזט גוט ענדיקן. ס׳האָט געמוזט אומגעריכט קומען אַ העלד מיט אַ גוט האַרץ, מיט אַ צאַרטן כאַראַקטער און שטאַרקע אָרעמס, װאָס האָט אַרױסגעראַטעװעט דעם קרבן. דעמאָלט האָט סמאָטשע גאַס געקענט אַהײמגײן אַ באַרויִקטע, אַ פרײלעכע מיט אַ צופרידנקײט אין האַרץ, אַז ס׳איז נאָך דאָ גערעכטיקײט אױף דער װעלט.

„אױ, אַ בראָך נאָך אים". — מיט אַזעלכע װערטער האָט דער סמאָ־טשער צושױער רעאַגירט אױפן שפּילן פון יעדן אַרטיסט. אָבער אין דער פאַרשידנקײט פונעם טאָן, אין װעלכן די קללה איז אַרױסגעזאָגט געװאָרן, האָט מען גלײך אַרױסגעפילט בײזקײט צום שלעכטן העלד — דעם שװאַרץ־כאַראַקטער, אָדער צופרידנקײט און צושטימונג מיטן גוטן און אײדעלערן, װאָס איז גרײט זיך צו אָפּפערן פאַרן שװאַכן און געפּײ־ניקטן קרבן.

דאָס סמאָטשער טעאַטער האָט זיך געפונען נאָענט פון דער גענשע, אין סאַמע מיט פון סמאָטשע־גאַס און דאָס פּובליקום איז חוץ פון די אײנװוינער פון דער גאַס, באַשטאַנען אױך פון געסט, װאָס זענען געקומען פון די אָרומיקע אָרעמע געסלעך: װאָלינסקע, ניסקע, סטאַװקע. שבת־צו־נאַכטס האָבן זיך אין טעאַטער אַרײן אױסגעקליבן גאַנצע הײף. אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג זענען די שכנים אָפּגעזעסן צוזאַמען אױפן הױף. זײ האָבן געשמועסט װעגן די הײנטיקע שװערע צײטן, מען האָט זיך דערצײלט װעגן אַמאָל, װען מ׳איז נאָך געװען חתן־כלה — די װעלט איז עפּעס גע־װען גאָר אַן אַנדערע, אַ פונט ברױט האָט געקאָסט אַ דרײער און אַ פערדל האָט מען געקראָגן פאַר פופצן קאָרבן. איז טאַקע געװען אַ לעבן. עלטערע האָבן זיך דערמאָנט װעגן „פּלען", אין װעלכן מ׳איז געהאַט אַרײנגעפאַלן בעת „פּאַניע" האָט זיך געשלאָגן מיט יאַפּאַניע; מ׳האָט זיך איבערדער־צײלט צום טױזנטסטן מאָל דעם װיץ װעגן דער מלחמה פון די צװײ קיסריים פון װעלכע אײנער האָט געטענהט: „יאַ פּאַניע" און דער צװײטער האָט געטענהט: „יאַ פּאַניע", ביז ס׳איז געקומען אַ פײגעלע, געמאַכט אַ פּינטעלע אױפן צװײטן „פּ", און אַזױ אַרום איז אײנער געבליבן פּאַניע און דער צװײטער יאַפּאַניע.

— זי װײסן, מאַניעלע, — האָט זיך אָפּגערופן אין מיטן געשפּרעך

איינער פון די שכנים — מען שפּילט היינט אין טרעיאַטער אַ גוטע שטוקע.

דאָס געשפּרעך איז אַריבער אויפן סמאָטשער טעאַטער. מ׳האָט זיך דערמאָנט, אַז מ׳איז שוין לאַנג דאָרט נישט געווען און באַשלאָסן אין אָוונט גיין צוזאַמען אין טעאַטער. דעם אָוונטברויט אין שטוב איז מען דעם שבת אָפּגעקומען מיט „שהי פּהי״, דאָס שטיקל געגדזנס, וואָס איז געווען גרייט אויף „שפּייס־צענאַכטס״ האָט מען שוין באַהאַלטן מיטצונעמען אין טעאַטער, ווי מען וועט קענען אונטערלענען זיך דאָס האַרץ בעתן שפּילן. ביים טויער פון טעאַטער זענען געשטאַנען הענדלערקעס מיט רבי־ניסלעך און מיט באַניעקערן — האָט יעדער מאַנצפּערשוין אָוועקגעשאַרט די מאַרינאַרקע און געלאָזט זיך אַריינשיטן אין די הויזן־קעשענעס אַ צוויי־דריי גלעזער באַניעקערן, אַליין צו קנאַקן און מכבד צו זיין די „וואַבאַ״. די מיינסטע צושויער זענען געווען יונגוואַרג — יינגלעך מיט מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן „מיט זיך צו גיין״, חתן־כלה מיט זייערע „פּשיאַטשעלעס״, יונגען מיט פעסטע אָפּגעברענטע פּנימער, אָנגעטון אין גראַנאַטענע נאַבראַניעס. ביי די יונגען זענען די מיילער אַלע מאָל געגאַנגען אויף שרויפן, ביי די כלות זענען זיי אָבער געווען נישט דרייסט — געביסן די נעגל און נישט געקענט דאָס מויל עפענען.

אָנגעפירט מיט דער קאָמפּאַניע האָבן די מיידלעך, זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די אמתע בריות איינצוהאַנדלען בילעטן פאַר זיך און פאַר זייערע קאַוואַליערן. צו דער קאַסע איז צו אַ פריילין, אַ מויד אַ ברען. זי האָט איינגעקויפט די בילעטן, געהנדלט זיך צום קאַסירער מעשה „מאַמזעל״ און געדונגען זיך וועגן די ערטער און וועגן פּרייז. ס׳איז איר נישט געגאַנגען אַזוי אין אויסדינגען אַ נאָענטן פּלאַץ, זי האָט געוווסט, אַז זיי וועלן סיי ווי סיי נישט זיצן אויף זייערע ערטער, אַז זיי וועלן גלייך נאָכן אויסלעשן די לאָמפּן זיך איבערזעצן. דאָס האָט זי זיך נאָר געוואָלט אויספּיינערן פאַרן חתן און זיינע פּשיאַטשעלעס, זיי זאָלן זען, אַז זי איז נישט קיין „יאָלד״ און מ׳קען זי נישט „וויטישן״.

אין טעאַטער־זאַל האָט מען זיך אַריינגעשאַרט „סטאַטעטשנע״. פון פאַרלעגנהייט און פאַרבלענדט פונעם ליכט, האָט מען אין אָנהייב נישט געזען וואָס אַרום טוט זיך. מען האָט זיך געלאָזט פירן פונעם בילעטער,

ווי אַ שעפּעלע צו דער שחיטה, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ ברעג פון דער באַנק און אָנגעהויבן צו קנאַקן באַניעקערן. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם אויסגעטשוכעט, מ׳איז זיך געוואָרן היימיש און אַריבערגעשריגן צו זיך פון איין עק זאַל איבערן צווייטן.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג. ווי לאַנג ס׳איז נאָך ווער געשטאַנען ביי דער קאַסע, אָדער מ׳האָט זיך געקענט ריכטן, אַז ס׳וועט ווער קומען, האָט מען צוגעוואַרט. ווען מען האָט אַפילו געמאָלדן, אַז ס׳הויבט זיך שוין אָן, האָט מען זיך אויך נישט געאיילט. צוערשט איז דורך אַ קלונג אָנגעזאָגט געוואָרן אַז „מען פאַנגט אָן״. דער גלאָק האָט זיך געלאָזט הערן אַ צענדליק מאָל; נאָך יעדן קלונג — אַן איבעררייס, ווי ער וואָלט געקלערט, צי ער זאָל נאָך קלינגען אָדער נישט. צוביסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן לעשן די לאָמפּן. ווען ס׳האָט זיך שוין אויסגעלאָשן די לעצטע לאָמפּ, האָט מען דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ האַמער אין אַ קופּערנעם ראַנדל און די קורטינע האָט זיך גענומען פונאַנדערשפּרייטן.

דעם קלאַפּ פונעם האַמער האָט דאָס פּובליקום פאַרשטאַנען נישט בלויז אַלס סיגנאַל, אַז די פאָרשטעלונג הייבט זיך אָן, נאָר אויך ווי אַ צייכן, אַז מ׳קען זיך שוין איבערזעצן. איבערן זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש און אַ שטופּעניש. דאָס האָט דאָס פּובליקום פאַרכאַפּט די נענטערע פּלעצער. דאָס גערויש האָט געדויערט אַ שפּאַר ביסל צייט. גאַנץ אָפט האָט אַן אַרטיסט, וואָס איז שוין לאַנג געשטאַנען אויף דער בינע ביים פונאַנדערגערוקטן פאָרהאַנג און נישט געקענט קומען צום פּסוק, געמוזט פון דער בינע־אַראָפּ באַרויקן דאָס פּובליקום.

דאָס איבערלויפן אויף די נענטערע ערטער איז נישט געווען צוליב דעם מען זאָל בעסער הערן, ווייל געהערט האָט מען איבערן גאַנצן זאַל. דער אַרטיסט האָט נישט גערעדט, נאָר געשריגן. און אויב מען האָט נישט געהערט דעם שוישפּילער אַליין, האָט מען דערפאַר גלענצנד גע־הערט דעם סופליאָר, וואָס האָט דעם אַרטיסט שטענדיק איבערגעשריגן. ס׳האָט אים אויך צוגעהאָלפן דאָס פּובליקום, וואָס האָט איבערגעחזרט אויפן קול יעדן זאַץ. איבערגעלאָפן איז מען, ווייל מען האָט געוואָלט זיין נאָענט

פונעם אָרט, ווו עס קומט אַלץ פּאָר און פּילן זיך אַזוי אַרום אַ מיטבאַ־טייליקטער.

נאָך אַזאַ צוזאָג זענען מיידלשע הערצער ווייכער געוואָרן און נישט די חתנים און פּשיאַטשעלעס האָבן פאַרבעטן די מיידלעך אויף אַ פונדע צו מיילאַכן אויף הייסע קישקעלעך מיט מושטאַרדע, זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַ שנאַפּס און קריגנדיק קוראַזש, דערקלערט זיך די מיידלעך אין ליבע. די מיידלעך האָבן אין אָנהייב נישט געוואָלט.

— יאַך האָב מורא, — האָבן זיי געזאָגט — אַז איר וועט זיין אַ שניאָקאַזש (שיכור) און שלאָגן די ברויטע, ווי דער שלעכטער מאַקס פון דער היינטיקער שטוקע.

— זאָל יאַך פאַרברענט ווערן — האָט דער יונג געענטפערט, באַ־מיִענדיק זיך צו רעדן מיט אַן איידעלן טאָן — אויב יאַך וועל אין נישט אַרומטראָגן אויף די הענט, ווי דער גוטער מאָריץ.

נאָך אַזאַ צוזאָג זענען מיידלשע הערצער ווייכער געוואָרן און נישט וויסנדיק ווי אַזוי האָבן זיך פאַרפלאָכטן די הענט פון יינגל און מיידל.

אויף סמאָטשע־גאַס איז צוגעקומען אַ ניי פּאָר חתן־כלה.

דער ייִדישער גאָרטן

אין מיטן די נאַלעווקעס, די רווישיקסטע גאַס אין האַנדלס־צענטער פון ייִדישן וואַרשע, האָט זיך געפונען דער קראַשינסקי־גאָרטן. אויף דער גאַס, ווו אַ שטיקל פּלאַץ איז געווען מיט גילדענע רענדלעך צו באַצאָלן, איז אַ גרויסער שטח געווען אָפּגעצוימט מיט אײַזערנע שטאַכיטן, צווישן וועלכע ס'האָבן אַרויסגעגרינטביימער און צווייגן, באַדעקטע מיט בלע־טער און מיט נאָדלען. די ביימער זענען נישט געווען געפּלעגט און גלייך געשניטן ווי אין גוייִשע גערטנער און זייערע בלעטער זענען נישט געווען אַזוי גרין ווי אין יענע גערטנער. קיין חסרון פאַרן ייִדישן אויג איז עס נישט געווען. די געלבלעכקייט פון די געוויקסן און דער קרענקלעכער אויסזען פון די ביימער האָט זיי געמאַכט היימישער און נענטער צום האַרצן פון ייִדישן באַזוכער.

ס'איז געווען נאָך אַ גאָרטן, אין אַ צווייטן ייִדישן צענטער, אין דער געגנט פון אײַזערנעם טויער, — דער זאַקסישער גאָרטן האָט ער געהייסן. יענער איז געווען פיל גרעסער פון קראַשינסקיס און פיל שענער פון אים, ער איז אָבער נישט געווען צוגעלאָזן צום ייִדישן האַרץ. דאָרט האָבן ייִדן זיך דורכשפּאַצירט און באַלד אַוועק.

קודם כל האָבן ייִדן נישט געקענט פאַרגעסן, אַז פאַר דער מלחמה, אין ניקאָלאַיס צייטן, פלעגן ביי זיינע טויערן שטיין רוסישע זשאַנדאַרמען און נישט אַרײַנלאָזן אַהין קיין ייִדן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און חסידישע היטלען. דער גאָרטן איז געווען „טאָלקאָ דלאַ יעווראָפּעיצאָוו" (נאָר פאַר אייראָפּעער) והשנית, זענען טייל טויערן פון זאַקסישן גאָרטן אַרויסגע־גאַנגען אין די גוייִשע גאַסן, קראָלעווסקע און פּלאַץ סאַסקי. דורך די דאָזיקע

טויערן פלעגן אין די נאָכמיטאָג־שעהן און אין די זונטיקדיקע טעג אַריינ־שפּאַצירן זעלנער און סתם שקצים מיט שיקסעס. זיי האָבן דאָרט געפליר־טעוועט, געקושט זיך בפרהסיה, און ווי דער שטייגער, אַמאָל אויך גע־חוזקט פון אַ „פייסאַטן זשיד". האָט אַ פרומער ייִד, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעזעצט אויף אַ ווייל, אַ שפּיי־געטון היגטערווייַלעכץ, אָפּגעזאָגט אין דער שטיל „שקץ תשקצנו" און פאַרלאָזט דעם גאָרטן מיט שנעלע טריט. נאָך אַ חסרון האָט געהאַט דער זאַקסישער גאָרטן: אין די ווינקלען פון די אַלייען זענען געווען אויסגעשטעלט סטאַטועס — נאַקעטע מענער און נקבות מיט אָפּגעדעקטע ברוסטן, וואָס האָבן געשטאָכן דאָס ייִדישע אויג מיט זייער הפקרות.

אַנדערש איז געווען דער קראַשינסקי־גאָרטן. דאָס הויפּט־טויער פונעם דאָזיקן גאָרטן האָט זיך געפונען אויף די נאַלעווקעס, אויף דער גאַס, וואָס אַ גוי פלעגט אויסמיידן און קומען אַהין בלויז ווען ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. דאָס צווייטע טויער איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער שוויענטאָיערסקע — אַ גאַס מיט אַ גויישן נאָמען, וואָס האָט כמעט נישט געזען קיין גוי פאַר די אויגן, און דאָס דריטע טויער איז אַרויס אויף פּלאַץ קראַשינסקי, ווו ס'האָבן געוווינט בלויז ייִדישע סוחרים. נישט ווייט פונעם גאָרטן זענען געלעגן די גאַסן: מילע, סטאַווקע און ניסקע — דער צענטער פון ייִדישע האַרעפּאַשניקעס. איז דער גאָרטן געווען אַן אייגענער, אַ ריין־ייִדישער. נישט בלויז אַ גוי האָט מען דאָרט נישט געזען, נאָר אַפילו אַ פּויליש־רעדנדיקן ייִד האָט מען געדאַרפט זוכן מיט ליכט. האָבן ייִדן דאָרט זיך געפילט פריי, ממש ארץ־ישראל.

היימיש און אייגן איז געווען אין גאָרטן. האָט אַ ייִד זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ באַנק, האָט ער באַלד געפונען מיט וועמען אַ שמועס צו כאַפּן און מיט וועמען זיך צו אַמפּערן. וועגן וואָס האָבן ייִדן אַלץ נישט גערעדט? ווילסטו מסחר, איז מסחר; ווילסטו וועגן מלחמה, איז וועגן מלחמה. מ'האָט געשמועסט וועגן רבין, וועגן פּאָליטיקער, וועגן טעלעגראַף, ראַדיאָ און אַלע שבע חכמות. האָט ווער געבראַכט אַ צייטונג, האָט מען זי געלייענט אויפן קול, זאָל דער עולם אַרום אויך עפּעס הערן.

און פאַרוואָס בלויז הערן? מ'האָט געקוקט כאַפּן אַ קוק אַריין אויך. לייענט איינער די ערשטע זייט, קוקט דער צווייטער דערווייל אין דער

אַנדערער זייט פון דער צייטונג. בייגט זיך אַ דריטער אַריבער פון אויבן, כאַפּט דער פערטער אַ בליק פון הינטן. טוט מען אַ צי אַהער די צייטונג, טוט מען זי אַ שלעפּ צוריק און עס לייענט שוין אַ גאַנצער מנין ייִדן, טייטשט מען זיך אויס דאָס אָנגעשריבענע, איז מען מוסיף אַן אייגענע סברה, מען דאַרף דאָך אַ ייִד נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין; האָט דער צווייטער אַן איפכא־מסתברא־מיינונג, האַלט דער דריטער, אַז זיי זע־נען ביידע נישט גערעכט, ווייזט אַ פערטער אויף באַשיינפּערלעך פּונקט פאַרקערט. הערט מען שוין נישט וואָס, אָבער וואָס מאַכט עס אויס, אַבי ייִדן זענען זיך מתווכח.

האַלט אַ ייִד, אַז דאָס איז אַלץ הבל, ציט ער אַרויס אַ משניות פון בוזעם און אין דער מיט פון אַרומיקן טומל צעשאָקלט ער זיך און צעזינגט זיך מיט אַ גמרא־ניגון:

יש מביאים בכורים וקורין, מביאין ולא קורין ויש שאינן מביאין — טייל ברענגען בכורים און לייענען יאָ די פּרשה ארמי אובד אבי, טייל ברענגען און לייענען נישט, און טייל ברענגען אין גאַנצן נישט. טוט עס אַ ווייע מיט ארץ־ישראל, מיט פעלדער און ווייַנגערטנער, אויף וועלכע עס האָבן געוואַקסן פּירות און מ׳האָט פון זיי געברענגט בכורים. דערמאָנען זיך ייִדן, אַז שכינת בגלותא און ס׳וואָלט שוין צייט געווען, מ׳זאָל אויסגע־לייזט ווערן. טוט אַ ייִד אַ זיפץ, וויל אַ צווייטער מ׳זאָל אים זאָגן וואָס עס וועט זיין אין ארץ־ישראל מיט די באַנען אום שבת. צי זיי וועלן שטיין, אָדער מ׳וועט נעמען אין דעם טאָג אַן אַראַבישן מאַשיניסט, ווייל — גיט צו פאַרשטיין דער ייִד — ס׳וועלן דאָך זיין אין ארץ־ישראל גוייִם אויך, ווי אַ שטייגער קאָנסולן און פאָרשטייער פון פרעמדע מלוכות, און וועסט דאָך נישט זאָגן — גיט צו דער ייִד מיט אַ גמרא־ניגון — קיין גוי און דערצו נאָך אַ דיפּלאָמאַט, אַז שבת מוז ער זיצן אין דער היים. וויל אַ צווייטער וויסן, צי מ׳וועט מקריב זיין קרבנות; טייטשט אים אויס אַ יונ־גערמאַן, אַז עס זענען שוין אַוועק די באַרבאַרישע צייטן פון ברענגען קרבנות, און אַ דריטער האַלט, אַז פאָרן שבת וועט מען טאָקע אויך און פירן די באַן וועט דווקא אַ ייִדישער מאַשיניסט. ווערן ייִדן אויפגעבראַכט אויף אַזאַ זאַך:

— ס׳טייטש?

האַלטן פּרומע, אַז שולדיק זענען די ציוניסטן, וואָס שיקן קיין ארץ־ישׂראל ייִנגלעך מיט מיידלעך אין די קבוצות. זאָגן אַנדערע, אַז...

און עס טומלט זיך און מ'הערט נישט וואָס. נאָר דער ייִד מיטן משניות קוקט זיך נישט אַרום. ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין, ציט ער ווייטער מיט אַ ניגון:

— הגר — אַ גר, מביא — ברענגט, ואינו קורא — און לייענט נישט, שאינו יכול לומר — ווייל ער קען דאָך נישט זאָגן, אשר — וואָס, נשבעת — דו האָסט געשווירן, לאבותינו — צו אונדזערע עלטערן, לתת — צו געבן, לנו — צו אונדז.

**
*

נישט נאָר דערוואַקסענע ייִדן האָבן זיך דאָרט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, נאָר אויך די ייִדישע קינדער. דער עיקר, די ייִנגלעך, וואָס פלעגן גלייך פון חדר, מיט די חומשים אין די הענט, לויפן אין קראַשינסקיס גאָרטן אַריין. זיי האָבן פאַרגעסן אין גלות און האָבן דאָ נישט קיין מורא געהאַט פאַר קיין שקצים, פאַר וועלכע זיי האָבן אַזוי געציטערט ווען זיי זענען געגאַנגען אויף גוייִשע גאַסן.

אַלץ אין גאָרטן פלעגט זיך זיי פאָרשטעלן מיט חומש־בילדער, וואָס זיי האָבן געהערט אין חדר:

דאָס בערגל לעבן טויער פון די נאַלעווקעס איז פאַר זיי נישט געווען קיין אַנדערער באַרג, ווי דער הר סיני, אויף וועלכן ייִדן האָבן מקבל געווען די תורה. דער שטיין, פון וועלכן ס'איז שטענדיק געלאָפן וואַסער האָט דערמאָנט די איינציקע עבירה פון משה רבינו. ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שטיין און איבערגעחזרט: ווען גאָט האָט געהייסן משהן רעדן צום שטיין, ער זאָל געבן וואַסער, האָט ער אים, אַנשטאָט צו רעדן, גאָר געשלאָגן. מיט באַדויער האָבן זיי געקוקט צום שטיין און נישט איינער פון זיי וואָלט זיך צו אים אַרויפגעדראַפּעט און געבעטן מחילה פאַר משהס זינד. איז ער אָבער געווען אַרומגענומען מיט שטעכיקן דראָט און מען האָט צו אים נישט געקענט צוקומען. האָבן ייִנגלעך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט גאָט זאָל שוין מוחל זיין פאַר דער זינד, האָבן זיי דערפון גרויס צער געהאַט.

אין מיטן גאָרטן איז געווען אַ סאַזשעלקע, זענען אין איר נישט אַרומגעשווומען קיין שוואַנען, ווי אין די גויישע גערטנער. פרומע ייִדישע מאַמעס פלעגן ראש השנה צו תשליך אַהינקומען אין ווייסע קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין שול בעתן דאַוונען, זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים ברעג פון וואַסער, איבערגעדרייט די טאַשן פון זייערע קליידער און אויסגעשיט אין דער סאַזשעלקע אַריין אַלע עבירות פון אַ גאַנץ יאָר. פלעגן ייִדישע קינדערלעך זיך שטאַרק היטן, נישט צוצוגיין נאָענט צום ברעג, ס׳זאָל זיך צו די זוילן פון די יום־טובדיקע שיכלעך חלילה נישט צוקלעפּן קיין פאַרוואַלגערטע עבירה, צוליב וועלכער מ׳וועט זיי אויף יענער וועלט ברענען און בראָטן.

אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיך שפּילן חדר־ייִנגלעך אין גאָרטן אין פערדלעך. האַלטנדיק אין איין האַנט אַ לייץ, האָבן זיי מיט דער צווייטער געדריקט דאָס ספר אונטערן אָרעם, וואָס זיי האָבן געטראָגן פון חדר. אין מיטן שפּילן זיך פלעגן זיי זיך דערמאָנען, אַז זיי האָבן נאָך נישט איבערגע־חזרט די פרשה חומש, וואָס זיי וועלן צומאָרגנס דאַרפן איבערזאָגן פאַרן רבין. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און אין גאָרטן האָבן זיך געלאָזט הערן קינדערשע שטימעלעך:

כי — ווען, יקרה — ס׳וועט זיך טרעפן, קן — אַ נעסטעלע, ציפּור — פון אַ פייגעלע, לפניך — פאַר דיר, שלח — אַוועקשיקן, תשלח — זאָלסטו אַוועקשיקן, את — אין, האם — די מאַמע, ואת — און אין, הבנים — די קינדערלעך, תקח — זאָלסטו נעמען, לך — צו דיר.

**
*

דעם גאָרטן פלעגט מען עפענען פאַרטאָג און גלייך פלעגן זיך באַ־וויזן באַזוכער — עלטערע ייִדן, איינוווינער פון ענגע דירות אויף אָרעמע הייף. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי זיך געדושעט, געריסן זיך די לונגען ביים הוסטן, האָבן זיי אויסגעקוקט דעם פרימאָרגן, זיי זאָלן קענען אַרויסגיין אויף דער פרישער לופט. כעלות האָבן זיי זיך אָנגעטון, גענומען דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם און אַוועק צום דאַווענען. פאַרן גיין אין שול האָבן זיי אָפּגעטרעטן אין גאָרטן, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק, אָפּגעזאָגט אַ

יום תהילים און געדאַוונט פון פאָרנט. די ברכות האָבן זיי געזאָגט אויפן הויכן קול און די שכנים פון דער באַנק האָבן זיך צוגעשאָקלט און נאָכגעזאָגט „ברוך הוא וברוך שמו", אמן. האָט איינער נאָר געענדיקט די לעצטע ברכה, האָט שוין אַ צווייטער אָנגעהויבן „ברוך אתה, מלך העולם — להבחין בין יום ובין לילה". „ברוך אתה מלך העולם שלא עשני נכרי" און ווייטער האָבן געקלונגען די ברוך הוא'ס און אמן'ס.

ביסלעכוויז האָבן זיך געטוישט די געסט אין גאָרטן: די עלטערע ייִדן זענען אַוועק אין שולן און אין שטיבלעך און אויף זייער אָרט זענען געקומען „שטרייקערס" און סעזאָן־אַרבעטער, וואָס זענען געוווינט געווען צו גיין יעדן פאַרטאָג צו דער אַרבעט. היינט האָבן זייערע וואַרשטאַטן פאַרשטרייקט אָדער דער סעזאָן האָט זיך נאָר וואָס פאַרענדיקט. זענען זיי פון רגילות פרי אויפגעשטאַנען און זענען אַוועק אין קראַשינסקי־גאָרטן. די אַרבעטערס זענען געזעסן פאַרזאָרגט און דערציילט זיך וועגן זייערע אַרבעטס־פלעצער, וועגן מייסטערס און פאַבריקאַנטן, וואָס שינדן די הויט פון פראָלעטאַריער. ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט, ווען מ'האָט געעפנט די פאַראיינס־לאָקאַלן, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און פאַרלאָזט דעם גאָרטן.

נאָך זיי זענען געקומען „איבעריקע" אַרבעטס־הענט — אַרבעטסלאָזע יונגעלייט, וואָס האָבן נאָך אין לעבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעטן און פאַרדינען. די יונגעלייט זענען געווען אָרעם געקליידט און געהאַט בלאַסע, באַוואקסענע פּנימער. זיי פלעגן שפּעט אויפשטיין פון די געלעגערס, כּדי ווייניקער שעהען אין טאָג צו הונגערן. מיטאָג־צייט האָבן זיי פאַרנומען די בענק פונעם גאָרטן און אַריינגעקוקט אין גראָבע ביכער, אויסגעבאָרגטע אין ברעסלערס ביבליאָטעק אָדער אין „לעבן". די ביכער האָבן זיי אויפגעקלערט די סיבות פון זייער אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער. אויף די גאָרטן־בענק פלעגן אויסברעכן דיסקוסיעס וועגן נאַציאָנאַלע פראַגן, וועגן סאָציאַליזם, רעוואָלוציעס. מ'פלעגט זיך שפּאַרן וועגן קלאַסן־קאַמף, וועגן טעראָר. די דיסקוסיעס פלעגן זיך טיילמאָל ענדיקן מיט געשלעגן, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט אַז צומאָרגנס זאָל מען זיך ווייטער טרעפן און אָנהייבן אַלץ אויפסניי.

אַמאָל איז אין אַזאַ קרענצל אַריינגעפאַלן אַ פרומער ייִד און געפּרוווט

געבן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ איז מן השמים. ביי די אַרבעטסלאָזע פלעגן דעמאָלט פאַרשווינדן אַלע חילוקי־דעות, און מ׳האָט אָנגעקגעשטעלט צו אָפּשטימונג, צי ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. מיט אַ רוב שטימען איז דורכגעגאַנגען אַ רעזאָלוציע, אַז קיין גאָט איז נישטאָ און דער פרומער ייִד איז אַנטלאָפן מיט אַ הויכן טפו, זאָלט איר ווערן.

צו די שטענדיקע גאָרטן־געסט האָבן געהאַט געהערט דערצי׳ערינס, וואָס האָבן דאָרט אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירט מיט קינדער־וועגעלעך. די דערציערינס זענען אַממערסטן געווען מיידלעך פון דער פּראָווינץ, וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע מיטן מיין זיך צו לערנען. זיי האָבן געחלומט וועגן שולן און אוניווערסיטעטן, וועגן ענדיקן אויף דאָקטאָרינס, דענסטיסטינס אָדער כאָטש אויף לערערינס. ס׳האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, האָבן זיי געענדיקט אַ „קורס" און געוואָרן „דערצי׳ערינס" ביי זויג־קינדער.

פאַרביטערטע האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס פון די אַרבעטסלאָזע און זענען געוואָרן באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריערינס אָדער נאַציאָנאַלע קעמפּערינס. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט און געשאַפן דריי פאַראיינען: העברעערינס האָבן זיך גערופן גננות און געשריגן צו די קינדער „הס". ייִדישיסטינס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן דערצי׳ערין און געשריען צו די קינדער אויף ייִדיש. די דריטע טייל, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר אינטעליגענטינס האָבן זיך גערופן „וויכאָוואַטשיני" און גערעדט מיט די קינדער פּויליש. צווישן זיך און מיט די אַרבעטסלאָזע האָבן זיי אַלע גערעדט ייִדיש.

אין אָוונט איז דער גאָרטן געווען באַזעצט מיט „מענטשן", אָנגעשטעלטע פון נאַלעווקעס און גענשע. נאָכן שליסן די געשעפטן זענען די אָנגעשטעלטע געקומען אין גאָרטן אַריין, שעפּן לופט און שליסן באַקאַנטשאַפט. פון רעדן אַ גאַנצן טאָג מיט די קונים זענען ביי די בחורים און מיידלעך געווען „געשליפענע צינגלעך". זיי האָבן זיך לייכט באַפריינדעט און גלייך גערעדט מיט זיך, ווי אַלטע באַקאַנטע. ווען אין דרויסן איז געווען טונקל, האָט מען אָפּגעזוכט אַ קנאַפּ־באַלויכטן ווינקל, כדי זיך צו פילן פריי פון דורכגייערס בליקן. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ יונג פרויען־קול, וואָס האָט געזונגען אַ פאַרבענקט לידל אָדער געקוואָלן פון אַ בחורס קאָמפּלימענט.

משה זאַנשײַן

***

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך געהערט דאָס הייזעריקע קול פון אַ גרעגער. דער שומר האָט דערמיט מודיע געווען, אַז ער שליסט דעם גאָרטן. פֿאָרלעך האָבן זיך פֿויל אויפגעהויבן פֿון די בענק, די בחורים האָבן גע־נומען די מיידלעך אונטער די אָרעמס און געלאָזט זיך אַרויסגיין.

די ייִדישע ווייסל

אַז מ׳איז אַדורכגעגאַנגען לענגאויס די גאַנצע פראַנצישקאַנער און אַריבער די ברייט פון די ריבאַקעס, איז מען אָנגעקומען צו די „קאַמיענגע סכאָדקעס״. דאָרטן האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צוואַנציק שטיינערנע טרעפּ — און שוין איז מען געווען ביים ברעג פון דער ווייסל.

די ווייסל האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון וואַרשע, אָבער נישט אומעטום האָט זי געהאַט דאָס אייגענע אויסזען. דער עיקר האָבן פאַרשידנאַרטיק אויסגעזען אירע ברעגעס.

אויף „יענע גאַסן״ — די אַריסטאָקראַטיש־גוישע, איז זי געווען גע־פלעגט און געפּוצט. ביי דער רייכער 3טער מאַי־גאַס איז איבער איר גע־לעגן אַ ברייטע שיינע בריק, די „פּאָניאַטאָווסקי־בריק״. אונטער דער בריק זענען געווען סטאַדיאָנס, פּלאַזשעס, קאַפעען און זומערדיקע טאַנץ־זאַלן. דאָרט האָבן יונגעלייט, מענער און פרויען זיך געשיפט אין לאָדקעס און קאַיאַקן, דאָרט האָבן זיך געצויגן אַלייען — באַקוועמע און שיינע שפּאַציר־גאָרטנס און פלאַנטן.

אויף דער בריק זענען ייִדן זעלטן געגאַנגען. אַהין זענען געקומען גויים און די „ייִדישע אינטעליגענטן״. אַפילו ביי דער קערבעדזשער בריק, וואָס האָט געפירט קיין פּראַגע — האָט די ווייסל אויסגעזען כלה׳דיק באַפּוצט. ס׳איז דאָרט טאַקע געווען שטענדיק אַ גערודער, די „וויסטולאַ״־שיפן, די סטאַטקעס, זענען אָנגעקומען און אָפּגעגאַנגען, געלאָדנט מיט מענטשן און סחורות. פורן און אויטאָס זענען צוגעפאָרן. טרעגערס זענען געגאַנגען מיט שווערע משאות, מיט פּעק און זעק, אָבער דאָך האָט דאָרט געאָטעמט מיט ברייטער ווייסל־רחבות און פעלדישער גרינקייט. אויך דאָרט

איז אויף די ברעגעס געווען פאַרפלאַנצט גרינס. אויך דאָרט האָבן זיך געצויגן לאַנגע, מיטביימער אויסגעזעצטע אַלייען און אויף די בענק, אונטער ביימער־שאָטנס, אין שמעקנדיקע ריחות פון בלומען, האָבן יונגע פאַרליבטע פּאָרלעך אויסגעשטעלט זייערע צעהיצטע פּנימער פאַרן קילן מחיהדיקן ווינטל, וואָס האָט געווייעט פון דער ווייסל.

אויף דער בריק זענען שוין יאָ געקומען ייִדן. זיי האָבן זיך דאָ געבאָדן אין די בעדלעך אויף דער פּראַגער זייט. דאָס דאָזיקע שטיקל ברעג איז שוין געווען אַ ביסל היימישער. פון דאָרט איז מען געפאָרן מיט דער קאַלייקע אויף דער „ליניע״ — אויף די דאַטשעס הינטער וואַרשע.

אין גאַנצן ייִדישלעך איז אָבער דאָרט אויך נישט געווען. טאַטעס פלעגן פון צייט צו צייט אַהינקומען זיך באָדן, מיטנעמען אַמאָל אַ קינד, אָבער ס'איז נישט געווען די „ייִדישע״ ווייסל. אַ ייִדיש קינד איז אַליין אַהין נישט געגאַנגען און אַפילו די טאַטעס זענען נישט אָפט געקומען.

די ייִדישע ווייסל האָט זיך געפונען ביים סוף פראַנצישקאַנער, ביי די ריבאַקעס. אַהין איז מען געגאַנגען אין הייסע זומערדיקע פרייטיקן אָדער אין מיטן־וואָכיקע פאַרנאַכטן נאָך הייסע אָנגעגליטע טעג. אַהין האָט מען זיך געלאָזט אַליין אָדער אין קאָמפּאַניע. ס'זענען אַהין געקומען ייִדן אין חסידישע קאַפּאָטעס מיט לאַנגע באָרד־און־פּיאות מיט אַרויסשטאַרצנדיקע טלית־קטנס, געקומען ייִדן אָנבערדלדיקע מיט רעקלעך און קאַפּעליושן. ס'האָבן זיך געבאָדן טאַטעס אַליין און טאַטעס מיט קינדער — ייִדישע ייִנגלעך מיט קיילעכיקע היטעלעך, פון הינטער וועלכע ס'האָב אַרויסגעשטאַרט פּאה'לעך. אַהין זענען געלאָפן זיך באָדן חדר־ייִנגלעך אויך אָן די טאַטעס.

קיין פלאַנטן זענען אויף יענעם ברעג נישט געווען און קיין ביימער אויך נישט. פון די טרעפּלעך — „קאַמיעננע סכאָדקעס״ — ביז צום וואַסער איז מען געזונקען אין טיפע זאַמדן. אָנגעטומען זיך פולע שיך און אָפּגעריבן די פּיאַטעס, דאָך האָט מען זיך דאָרט גוט געפילט. מען איז אין דער היים — אין דער נאָענט פון נאַלעווקעס און פראַנצישקאַנער. אין גאַנצן פריי אָבער איז מען אויך דאָ נישט געווען. ייִדן זענען דאָך אין גלות — האָט מען גייענדיק צו דער ווייסל איבערגעלעבט אַ ביסל שרעק.

קודם־כל די מורא פאַר די שקצים, מיט וועלכע ס'איז פול געווען

דאָס שטיקעלע „ריבאַקעס" ביי די טרעפּלעך. נישט איין מאָל האָבן זיי אַ חדר־יינגל אַ צי־געטון ביי די פּיאות, טיילמאָל אַפילו געשטופּט אַ שטיק חזיר אין מויל אַריין און לאַכנדיק, געשריען אויף יידיש:

— „גוי, משומד, געפרעסן טריפות".

ביי די ווייסל־ברעגעס זענען געווען די „פּיאַסקאַזשעס" — האַלב־נאַקעטע, שוואַרץ־אָפּגעברענטע שקצים, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגע־פּאָרן אויף לאָדקעס. זיי האָבן געשלעפּט דאָס גאָלדענע טייך־זאַמד פון דער ווייסל און געלאָדן עס אויף פורלעך.

פּאַרנאַכט, ווען די חדר־יינגלעך זענען פריי געוואָרן פון חדר און געלאָזט זיך צו דער ווייסל, האָבן די פּיאַסקאַזשעס שוין נישט געאַרבעט. זיי זענען געווען אויסגעלייגט אויף די ברעגן און געקושט זיך מיט דיקע שוואַרץ־הויטיקע — אָפּגעברענטע שיקסעס. אויף דעם „עם הדומה לחמור" האָבן יידן און יידישע יינגלעך געמוזט קוקן אין די זומערדיקע פּאַרנאַכטן, ווען זיי האָבן זיך פון דער פּראַנצישקאַנער גאַס אַראָפּגעלאָזט צו דער ווייסל, כדי הנאה צו האָבן פון דעם קאַלטן טייך־וואַסער.

צוקומענדיק צו דער ווייסל, זענען זיי אַריין אין די „בעדלעך", צו מקוות ענלעכע אָפּצוימונגען, פּאַרמאַכטע פון אַלע זייטן מיט הילצערנע ווענטלעך. דאָרט האָבן זיי שוין געטראָפן יידן מיט בערד און פּיאות און קאַפּלעך אויף די קעפּ. די יידן האָבן זיך דאָרט גאָר גוט געפילט. געשפּילט זיך ווי קינדער, געוויזן קונצן, געשווומען ליגנדיק, שטייענדיק און זיצנ־דיק, געשווומען אויפן בויך און אויף דער פּלייצע, געפּאַטשט מיט די הענט און געשווומען ווי הינטעלעך מיט די לאַפּקעס, נאָכגעמאַכט דאָס שווימען פון „זשאַבעס" און פון פיש, געלאָזט פון מויל שטראָמען וואַסער, געבריה'ט זיך. זיי האָבן פּאַרגעסן אָן דעם „גלות", וואָס עס האָט מיט זיך פּאַרגעשטעלט דאָס קליינטשיקע שטיקעלע ריבאַקעס צווישן דער ווייסל און פּראַנצישקאַנער.

דער סוף פּראַנצישקאַנער־גאַס, נאָענט פון די ריבאַקעס, האָט שוין געהאַט עפּעס פון גוישן אויסזען. מיט זיין שטילקייט און רויקייט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערן זיך די ריבאַקעס. יידן און יידישע יינגלעך פלעגן זיך דאָרט אָפּשטעלן, אַרונטערשטופּן הינטערן היטל די געגריי־צערטע לאַנגע פּיאות, וואָס האָבן דערגרייכט ביז דעם האַלדז.

משה זאָנשײַן

יחידים פלעגן צוװאַרטן, עס זאָלן אונטערקומען נאָך אַנדערע ייִדן, אַז מען זאָל גײן אין קאָמפּאַניע. שעמענדיק זיך אַרויסצוװײַזן די מורא, פלעגן זײ גײענדיק זיך דערצײלן װעגן „גבורות", אײגענע און פרעמדע, װי מ'האָט דאָ אַמאָל אָנגעשלאָגן די שקצים און געלערנט זײ דרך־ארץ.

דערצײלנדיק, האָט מען זיך פּאַרזיכטיק אומגעקוקט און געװען צו־פרידן, װען מ'האָט שוין דערגרײכט צו די בעדלעך, װוּ די בעלי־בתים — גראָבע, רויט־אָפּגעברענטע גויים, האָבן אַלע מכבד געװען מיט: „גוט מאָרגן משה".

ברעסלערס ביבליאָטעק

דער הויף פון נאָוואָליפּקי 5 איז אַ טונקעלער. אין הויז פון דער לינקער זייט הויף איז אין גאַנצן פינצטער און, אַז מען טרעפט שוין צו אַן אָפענער טיר פון אַ פּאַרטער־וווינונג, לאָזט מען זיך אַראָפּ אויף איין טרעפּל, ווו די פינצטערניש האָט שוין אַ „ממש" — מ'קאָן זי „אָנטאַפּן מיט די הענט".

גייענדיק איבערן קאָרידאָר, קלאַפּט מען זיך כסדר אָן אָן עפּעס באַ־וועגלעכעס, מען איז זיך משער, אַז עס איז אַ מענטש. דער אָנגעקלאַפּטער גיט נישט אַרויס קיין קול, ער וואָרנט נישט, ער בייזערט זיך נישט פאַר דער אומפאַרזיכטיקייט, געוווינט שוין דערצו.

אָנגעקלאַפּט זיך אָן איינעם און צעשיידט זיך מיט אים, קלאַפּט מען זיך שוין אָן אַ צווייטן — ס'איז אַ באַוועגונג אינעם קאָרידאָר. אויסגע־גאַנגען דעם קאָרידאָר, עפנט מען אַ טיר אין אַ צימער אַריין, וואָס איז באַלויכטן מיט גאַז־ליכט אַפילו אין מיטן טאָג.

פונעם צימער שלאָגט אַרויס אַ פּאַרע און אין די ערשטע מינוטן קאָן מען זיך נישט אָריענטירן, וואָס אינעווייניק קומט פאָר. ווען דאָס אויג געוווינט זיך אַ ביסל צו, דערזעט מען ביכער. פולע פּאָליצעס ביכער, דינע ביכער, גראָבע ביכער, אַלטע, נייע, מיט פאַרשידענע רוקנס פון לייוונט. שוואַרצע לייוונט, גרויע לייוונט, געלע, ברוינע. אויף די רוקנס ווייסע נומערן. פון איינס אָן. איין מאָל איינס, צוויי מאָל איינס, פינף מאָל. פינף מאָל צוויי, דריי, פיר, האַלטסט שוין ביי טויזנט, צוויי טויזנט און ס'גייט ווייטער.

די שטוב איז פול מיט מענטשן, מענער, פרויען, יונגע און אַלטע. אַרבעטער מיט פאַרשמירטע הענט און בגדים — גלייך פון וואַרשטאַט גע־קומען טוישן אַ בוך. מענטשן מיט אויסגעמאַטערטע פנימער, איינגעפאַלענע באַקן. מענער מיט לאַנגע האָר און זינט עטלעכע טעג נישט ראַזירטע בערד — אַרבעטסלאָזע. מענטשן מיט פנימער פון אינטעליגענטן, יונגע דאָקטוי־רים, סטודענטן און שילער. אַלטע לייט, גרויע — פון זקנה — איינגע־האָרבטע ייִדן. ייִדן מיט בערד און מיט וואַרשעווער קיילעכדיקע טוכענע „ייִדישע" היטלעך. ייִדן אָן בערד — „ליטוואַקעס" מיט קאַפּעליושן. ייִדן מיט גרינע — פון אַלטקייט אָפּגעשאָסענע — „געהאַקטע קאַפּאָטעס". בחו־רים מיט פּיאות, אַרונטערגעשאַרטע אונטער די היטלען. ייִנגלעך מיט קיי־לעכדיקע היטעלעך אויף די קעפּלעך. מיידלעך מיט צעפּלעך, מיט אַריינ־געפלאָכטענע בענדלעך. „מאַדמואַזעלס" מיט קאַפּעליושן, באַפּוצטע מיט בלומען און אין „מאָדנע" מאַנטלען. באָבעשיס אין שייטלען און קופּקעס, וואָס ווייזן אָנצייגנערדיקע יאַסלעס — אַלע מיט ביכלעך אונטער די אָרעמס.

אונטער דער לאַדע שטייען דריי מאַן, איינער אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ שיינענדיק פנים — ברעסלער איז עס.

— „פאַניע ברעסלער גיט עפּעס גוטס" — בעט זיך אַ באָבעטשקע.

— עפּעס אַזאַס... איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגן.

— נו, וואָס געפאַלן, באבעשי?

— לעבן און געזונט זיין זאָלט איר, פאַניע ברעסלער. אויסגעלייענט שוין אַלע צען טיילן. איצט גיט נאָך עפּעס, אַזאַ, אַזאַ. איר ווייסט דאָך אַליין.

ברעסלער שלעפּט פון שאַנק אַ גראָב־בייכיק בוך, באַצויגן מיט דיקער, גרויער לייוונט. — נאַט אייך, באָבעשי, דאָס וואָס איר האָט ליב. ער שטעלט זיך אַוועק מיט דער באָבעשי, דערציילט איר דעם ספּור המעשה. ביי דער באָבע גלאַנצן די אויגן. — „און די גזלנים זענען זיך טאָקע מגייר?" — פרעגט זי. אַ געזונט אויף אייך, פאַניע ברעסלער. אַ גוטן טאָג.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער אַלטער און שוין רעדט ער מיט אַ שילע־רין. — „אָגניעם אי מיעטשעם" שענקעוויטשעס האָט איר שוין געלייענט? נאַט־זשע אייך „פאַראַאָן".

— און איר, דאַכט זיך, לייענט שלום־עליכמען, צופרידן, האַ?

— און מיר גיט „די ווילדע ציִלקע" — שרייט אַ מיידל. — איר ווייסט,

פּאַניע ברעסלער, איך האָב געזען סעגאַלאָוויטשן. אַזאַ הויכער איז ער, מיט אַ ליולקע.

ס׳שאַרט זיך צו אַן אַרבעטער, ער נעמט מאַרקסן אָדער קאַוטסקין. דאָס פּנים ביי ברעסלערן ווערט ערנסטער, ער שמועסט זיך דורך מיט דעם לעזער. דערלאַנגט אים נאָך אַ גראָב בוך מיט בלעטער באַטריפטע פון ליכט־חלב.

אַזוי וואַנדערן ביכער פון שאַנק צום לעזער, פון לעזער אין שאַנק. ביכער מכל המינים: ביכער, אין וועלכע מיידלעך האָבן אַריינגעוויינט זייער ביטערן גורל. ראָמאַנען באַפלעקטע, פאַרגעלטע פון מיטלייד־טרערן. ביכער מיט בלעטער פאַרשוואַרצטע, געמישטע דורך פאַרהאַרטעוועטע, אויסגעהאָ־רעוועטע פינגער. ביכער, ווו מענטשן האָבן געזוכט תשובות אויף אַלע פראַגן, וואָס האָבן זיי געמאַטערט — דעם תכלית העולם האָבן זיי געזוכט, אָדער געוואָלט איבערמאַכן אַלץ און געמאַטערט זיך איבער דער פראַגע, ווי אַזוי?

מיט אַלע האָט ער געשמועסט, ברעסלער. אַלע זיינע לעזער האָט ער געקענט. געוווּסט, וואָס זיי לייענען, געוווּסט, וואָס זיי מאַטערט. געוווּסט אַפילו, ווער ס׳האָט היינט יאָ געגעסן און ווער נישט.

ביים שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ פרוי, אַ בלייכע מיט אַ דין נעזל און בינאָקלען — אַן אײַדעלע. אין די יונגע יאָרן מן הסתם אַ קורסיסטקע געווען. היינט איז זי ברעסלערס פרוי — די ביבליאָטעקאַרין.

זי פאַרשרייבט די קאַוציע — דעם איינגעצאָלטן חודש־אָפּצאָל, דאָס גענומענע בוך.

— איר זענט שולדיק פאַר זיבן חדשים — רוימט זי איין אַ לעזער מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט פלאַמענדיקע אויגן און רויטע שווינדזוכט־פלעקן אויפן פּנים.

— איך וועל קריגן אַרבעט, מ׳האָט מיר צוגעזאָגט, וועל איך אייך באַצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט.

דער יונגערמאַן פאַרהיקעט זיך דערביי. אויף זיין פּנים ווערן די פלעקן נאָך רויטער — ער ווייסט, ער זאָגט אַ ליגן. ער וועט קיין אַרבעט נישט קריגן און נישט קאָנען באַצאָלן.

די ביבליאָטעקאַרין רויטלט זיך אויך, ווי זי וואָלט שולדיק געווען,

וואָס דער יונגערמאַן קריגט נישט קיין אַרבעט. — נו, עס מאַכט נישט אויס, טרייסט זי אים. איר וועט באַקומען אַרבעט, וועט איר באַצאָלן.

— אַ גוטן טאָג, פּאַניע ברעסלער, שרייט שוין איבער אַלע קעפּ דער לעזער.

— וואָס האָט איר גענומען? „דער וועג פון אַנאַרכיזם״? אַז איר וועט ענדיקן דעם בוך, וועלן מיר אַביסל שמועסן.

אַרויף און אַראָפּ איבערן טיש איז געשפּרונגען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכצן מיט אַ לאַנגער נאָז און מרה־שחורהדיקע אויגן. ער האָט דער־לאַנגט די ביכער פון שאַנק.

— גיב זיי — רופט ברעסלער — אש׳ס „שטעטל״. — אַה, נומער 1007, מענדעלעס „קליאַטשע״ — 989, דינעזאָנס „יאָסעלע״ — 825.

אַלע ביכער האָט ער געקענט פון אויסנווייניק. אַלע נומערן געוווסט. פון אַן אַלט מוסר־ביכל (דאָס איז אויך געווען ביי ברעסלערן) ביז שמר׳ס אַ ראָמאַן און ביז אַ לעצטנס דערשינענעם בוך.

***

ברעסלערס ביבליאָטעק איז געווען פון די ערשטע ליי־ביבליאָטעקן אין וואַרשע. טויזנטער לעזער האָבן זיך דערצויגן אויף די ביכער, אויסגע־באָרגטע ביי ברעסלערן.

נאַכט־איין, נאַכט־אויס זענען הונדערטער מענטשן געזעסן ביז באַגינען און געשלונגען יעדעס וואָרט פון די ביכער, געשריבענע אָדער איבער־געזעצט פון יידישע שרייבער און דיכטער.

נאָך ברעסלערן זענען אַנדערע אויפגעקומען. צענדליקער אנדערע האָבן פאַרלייגט ביבליאָטעקן, זיי האָבן ברעסלערן ארויסגעשטויסן, צוגע־נומען די לעזער. ברעסלער איז געשטאָרבן און זיין ביבליאָטעק איז איי־בערגעגאַנגען צו אַנדערע, אָבער דורכגייענדיק נאַוואַליפּקי 5, האָט מען זיך נישט געקאָנט נישט אָפּשטעלן, אַריינקוקן אין הויף און שעפּטשען: „ברעסלערס ביבליאָטעק״.

מײַן הויף

מײַן הויף איז ענלעך געווען צו הונדערטער קאַסטן־הײַף אין ייִדישן אָרעמען קוואַרטאַל. פיר הויכע, גרויע מויערן האָב זיך אָנגעשפּאַרט אײנע אָן דער צווייטער און פאַרשטעלט מיט זיך דעם הימל. בלויז אַ קליין, בלוי ליילעכל, ווי אַ חופּה־קלייד, איז געהאָנגען איבער אונדזער הויף. — אַ שטיקעלע הימל, ווו ס׳האָט זיך אין די אָוונטן געזען „משה רבינו׳ס וועגעלע״, פיר רעדער און אַ דישעל „צונויפגעקלאַפּט״ פון שטערן. דאָס וועגעלע איז געשטאַנען אין דער סאַמע מיט פונעם פּיצעלע מילך־וועג, וואָס איז געלעגן איבער אונדזערע הויז־דעכער.

אין אַ האַלבן חודש האָט זיך איבער די דעכער באַוויזן אַ פולע לבנה — משה רבינוס קאָפּ: אַ קײַלעכדיקער מיט אַ פליך, מיט אַ געל, בלייך פּנים, מיט טונקל־גרויע אויגן, אַ קרומע נאָז און אַ ברייט מויל. די פרומע שכנים האָבן זיך אין אַזאַ אָוונט פאַרזאַמלט אַרום דעם אײנציקן פאַרטריקנטן בוים, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט הויף און האָבן מקדש געווען די לבנה: מתפּלל געווען, דאָס ליכט פון דער לבנה זאָל זיין ווי דאָס ליכט פון דער זון. זיי האָבן אונטערגעהאָפּסלט און געבעטן:

— אַזוי ווי איך טאַנץ קעגן דיר און קאָן דיך נישט אָנרירן, אַזוי זאָלן מיך מײַנע שונאים נישט קאָנען אָנרירן צום שלעכטן.

די קינדער פון הויף האָבן זיך אויך אויסגעשטעלט קעגן דער לבנה. זיי האָבן זי נישט מקדש געווען, זיי האָבן נאָר געקוקט משה רבינון אין פּנים אַרײַן צו זען, צי איז ער בייז, אָדער ער שמייכלט. ווינטער האָט מען אים נישט געמוזט קוקן אין פּנים אַרײַן. דעמאָלט זענען געווען אַנדערע סימנים: אַז ס׳האָט געשנייט, האָבן שוין אַלע קינדער געוווסט: משה קריגט

זיך מיטן ווייב, ער צערייסט דאָס בעטגעוואַנט און שלײַדערט די פּעדערן דורכן פענצטער. זומער־לעב איז נישט געווען קיין אַנדער עצה, ווי זיך גוט איינצוקוקן אין משהס פּנים. פלעגן זיך די קינדער אין הויף נישט איין מאָל ממיתן איבער דעם: האָט איינער געגעבן געזען, ווי משה רבינו שמייכלט, אָדער ער לאַכט גאָר מיט אַ פול מויל, האָט דער צווייטער בעסער געזען: משה רבנו וויינט. און בעת ידן זענען געשטאַנען און זיך פריינדלעך באַגריסט: „שלום־עליכם, עליכם־שלום", זענען קינדער זיך געשפּרונגען אין די אויגן, גרייט איינער דעם צווייטן צו דורסן.

די זון האָט זיך ביי אונדז אין הויף קיינמאָל נישט באַוויזן, האָט מען מיט איר קיין שום מחזקות נישט געהאַט. סיידן אין אַ ליקוי־חמה. דער גאַנצער הויף האָט אין אַזאַ טאָג אַנגעקאָפּטשעט גלעזלעך און אַוועקגע־לאָזט זיך הינטער דער שטאָט צו זען דאָס גרויסע ווונדער. אַהיים איז מען דערנאָך געגאַנגען מיט פּנימער אויסגעשמירטע אין סאַדזע און געשאַרט זיך צו דאָדעקן, דעם „סטודענט", וואָס האָט געלערנט אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע און געוווסט אויסצוטייטשן, וויאַזוי עס מאַכט זיך אַ ליקוי־חמה.

**
*

די וווינונגען פון מיין הויף האָבן זיך אָנגעהויבן פון קעלער. אַרייַנ־גייענדיק אין הויז, האָט מען אָנגעטראָפן אַ שמאָלע און נידעריקע טיר. אַז מ'האָט זי געעפנט, האָט מען באַגעגנט קעצישע פאָספאָר־אויגן, וואָס לייכטן אַרויס פון אַ געדיכטער חשכות און ס'האָט אַ שלאָג געטון מיט שאַר־פע ריחות פון שימל פון פאַראיילעצטן הערינג און פון ציבעלעס, גערייטשטע אויף שלעכטן זשעפּאַק־אייל.

פון דער טיר האָבן געפירט טרעפּ, דורך וועלכע מ'האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, מיט פייכטע ווענט און ליימיק־קלעפּיקן באָדן. אין די קעלער־צימערלעך, אויף ביידע זייטן קאָרידאָר, האָבן געלעבט בעלי־מלאכות מיט גרויסע משפּחות. די קלענערע קינדער, גראָב־בייכיקע און קרום־פיסיקע, האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געריטשט אויפן פייכטן באָדן און געשלעפּט איבערן קאָרידאָר זייערע ראַכיטישע גופימלעך. ביי קיינעם פון די שכנים איז די טיר נישט געווען פאַרמאַכט, פלעגן קליינוואַרג זיך לאָזן פון צימער צו צימער און אין יעדן, אַנטפּלעקן גוואַלדיקע ווונדער.

אין ערשטן צימער וווינט חיים שוסטער. קאָן דען זיין עפּעס בעסער׳ס, ווי זיצן און קוקן אויפן בעל־הבית, ווי ער אַרבעט? ער זיצט אויף אַ קליין בענקעלע, ביי אַ נידעריק טישעלע, אויפן שויס האַלט ער אַ שיכל, אַ לעטשל, אָדער אַ שטיוול, דאָס מויל האָט ער פול מיט קליינע נעגעלעך, פון וועלכע ער כאַפּט אַרויס איינס און אַ צווייטס און קלאַפּט זיי אַזוי פלינק אין זויל אַריין. טיק־טיק־טיק קלאַפּט צו דאָס העמערל און חיים מאַכט צו די קינדער אַזעלכע פריילעכע מינעס, אַז מען קאָן פּלאַצן פון געלעכטער. אויך שרה, די שוסטערקע, איז אַ פריילעכע און גוטע, כאָטש זי שרייט כסדר אויפן קליינוואַרג: „פרעסערס״ און יאָגט זיי מיטן בעזעם. אַז ס׳קומט אַ קונה און קויפט אויס אַ פּאָר שיך, לויפט זי גלייך אין גע־וועלבל, האַנדלט איין באַבעלעך, מעל אויף קליסקעלעך, אַ ביסל זשעפּאַק־אייל, עטלעכע ציבעלעס, און קאָכט אָפּ אַ מיטאָג, איז עס נאָר פּאַרן „קייסער צו שטעלן״. שרה טראָגט אַרום ביסלעך זופּ צו אַלע שכנים, זיי זאָלן פאַרזוכן און קאָרמעט אָן אַלע „פרעסערס״ אין גאַנצן קאָרידאָר.

אין צווייטן צימער וווינט מענדל סטאָליער, האָט ער אין שטוב אַ גאַנצן אוצר. קודם־כל האָט ער אַ זעג מיט שאַרפע ציין, שניידן זיי האָלץ, ווי ס׳וואָלט געווען ברויט. פון דער צווייטער זייט זעג איז אָנגעצויגן אַ שטריק מיט אַ העלצעלע, און אַז מ׳ציט ביי דעם דאָזיקן העלצעלע, קלאַפּט עס פּונקט, ווי ביים יידן, וואָס שרייט אין הויף: „צי פּאַראַכטן, צי פּאַלאַטען״. מענדל סטאָליער לאָזט זיך די קינדער שפּילן מיט דער זעג און קלאַפּן מיטן העלצל וויפל זיי ווילן נאָר אַליין. אויפן טיש ביים סטאָליער ליגט אַ הובעל, — טוט ער אים אַ פיר איבער אַ ברעט, נעמען לויפן דינינקע פּאַסיקלעך האָלץ־שפּליטער — הובלעוועכץ. אַז מענדל סטאָליער האָט אַרבעט קומט דער גאַנצער הויף נאָך הובלעוועכץ אין די בעטן אַריין. מען שטופּט זיי אָן אין די שעניקעס, איז אַ מחיה אויף זיי צו שלאָפן.

מענדל זינגט ביי דער אַרבעט און דערציילט שיינע מעשיות. אַלץ ווייסט ער, מענדל. ער קאָן דערציילן וועגן אַ האָן, וואָס האָט געהאַט זיבן קעפּ און האָט געקאָנט רעדן ווי אַ מענטש; וועגן אַ פיש, וואָס איז געווען אַ פאַרכישופטע בת־מלכה און וועגן אַ ציג, וואָס איז געווען אַ שד. איין זאַך קאָן נאָר מענדל, כלומרשט, נישט פאַרשטיין און קיינער פון די שכנים אין קעלער „ווייסט״ עס נישט צו פאַרענטפערן: אויף וואָס שלאָפן די

גבירים, אַז קיינער פון זיי קומט נישט צו אים נאָך קיין הובלעוועכץ? ברוך קוילן־טרעגער, וועלכן מ׳רופט אויפן הויף „ציציליסט", זאָגט, אַז די גבירים לייגן זיך אונטער די אויסגעשטאָפּטע טייסטערס מיט געלט. מענדל סטאָליער קלערט אַ ביסל און גיט צו, אַז ס׳קאָן זיין, זיי נעמען ביי די רייכע סטאָליערס דאָס הובלעוועכץ פון ניי מעבל.

מענדל סטאָליער האָט נאָך קיין ניי מעבל נישט געמאַכט. צו אים ברענגט מען „אַנטיקן": אַ טישל אויף דריי פיס, ער זאָל צומאַכן אַ פערטן, אַ בענקל אָן אַ געזעסל, צו וועלכן מען דאַרף צוקלאַפּן אַ ברעטל, אָדער אַ שענקל אָן אַ טירל. מענדל מאַכט די רעפּאַראַציעס, — זענען זיי כמעט ווי ניי. ס׳פּאַסט נאָר קיינמאָל נישט צו דער קאָליר. דאָס ווענדט זיך נישט אין אים, נאָר אין האָלץ, וואָס ער האָט גראָד. מענדל האַלט, אַז ס׳מאַכט נישט אויס פון וואָס פאַר אַ קאָליר די אַרבעט זאָל נישט זיין און זיינע קלי׳ענטן באַשטעטיקן דאָס אויך.

— זיצן אויפן בענקל קאָן מען, — זאָגט מענדל מיט אַ שאלה אין קול — איז שוין גוט. און זאָל נאָר זיין וואָס אַרויפצושטעלן אויפן טישל, ווי ס׳וועט גאָרנישט אַראָפּפאַלן, כאָטש די פיס זענען נישט געמאָליעוועט. און אַ גילדענע יויך קאָן מען דען נישט עסן אויף אַזאַ טישל? די גוטע יאָרן — זאָגט מענדל — זאָל ער האָבן, וויפל חתן־כלה־פּאָרן ס׳האָבן שוין געגעסן די גילדענע יויך ביי די טישלעך, וואָס ער האָט פאַרריכט. נו, האָבן זיי נאָך דער חתונה נישט געהאַט קיין קינדער, אָדער זיי האָבן זיך, חלילה, געגט? זיי זענען נאָר געבליבן אַזעלכע קבצנים ווי ער און זענען כסדר זיינע קלי׳ענטן.

ביי מענדל סטאָליער מאַכן די עלטערע קינדער אויך אַ לעבן. ער גיט זיי אַזויפיל בענקלעך, טישלעך און שענקלעך ווי ער האָט אין דער אַרבעט, שטעלן די חברה אויס אַ באַן און פאָרן ווו איר ווילט נאָר. אַפילו קיין אַמעריקע.

וועגן אַמעריקע ווייסן אַלע קינדער פון קעלער, ווייל אין דריטן שטיבל וווינט חייקע, די עגונה, — זאָגן די שכנים, אַז איר מאַן איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. אַז חיימל שפּילט זיך מיט רבקהלען „אין מיין און ווייב", אַנטלויפט ער אויך אַלעמאָל קיין אַמעריקע. רבקהלע בלייבט אַן עגונה און שעלט די קינדער. דאָס האָט זי זיך אויסגעלערנט פון חייקען, וואָס איז אַ

בייזע און שעלט אַלעמאָל די קינדער פון קאָרידאָר. אַז די מאַמעס קומען צו איר מיט טענות, ענטפערט זי, אַז זי מיינט נישט די קינדער, נאָר אין „געשפאַן״, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אין פערטן שטיבל איז דאָ אַ געשפאַן, אַנטלויפט עס גאָרנישט קיין אַמעריקע, נאָר יאָסל פורמאַן, וואָס וווינט דאָרט, נעמט אַלע אין דער פרי איינצושפאַנען דאָס פערדל. טיילמאָל קומט יאָסל אַהיים אין אָוונט מיט וואַקלדיקע טריט. קיצלט ער די קינדער, זיי זאָלן לאַכן און גיט זיי דאָס געשפאַן, זיי זאָלן זיך שפּילן אין פערד.

די שכנים זאָגן, אַז יאָסל איז „בגילופין״. וואָס עס הייסט אַזעלכעס — ווייסן די קינדער נישט, נאָר ווען די עלטערע זאָגן אַזוי, הערט מען דערנאָך געשרייען פון יאָסלס שטיבל. ער קריגט זיך מיט זיין מלכהן און וויל זי שלאָגן. חיים שוסטער און מענדל סטאָליער לויפן אַריין, בינדן אים די הענט און פּאַקן אים אַרונטער אונטערן טיש. יאָסל פורמאַן נעמט שנאָרכן, מלכה ציט אים אַראָפּ די שטיוול און טאַשטשעט אים אַרויף אויפן אייזערנעם בעטל.

אונטער די סופיטן פון די קעלער־שטיבלעך זענען דאָ פענצטערלעך. זעט מען דורך זיי פיס: שטייענדיקע פיס, גייענדיקע, לויפנדיקע, גאַנצע מענגעס פיס. אַז עס קומען קונצנמאַכערס, זעט מען דורך די פענצטערלעך אויך טאַנצנדיקע פיס. דעמאָלט טראָגן טאַטע־מאַמע אַרויס די קינדער אויפן הויף און זעצן זיי אַוועק זיי זאָלן זען אַלץ און נישט בלויז די פיס.

די איינוווינער פון די קעלערס דערקענען אַלע פיס. זיי ווייסן, וועלכע פיס זענען שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט, וועלכע זענען געקומען אויף מיטאָג אָדער אָוונט אַהיים און וועלכע זענען היינט מסתמא קראַנק און נישט אַרויס אין דער פרי פון שטוב.

טייל מאָל לעבן די קעלער־איינוווינער מיט מיט דעם, וואָס ס׳געשעט אויף די אויבערשטע שטאָקן און געבן זיך איבער מיט פרייד אָדער מיט האַרצווייטיק, וואָס דאָרט איז פּאַרלאָפן:

— די „דיקע פיס״ גייט שוין עטלעכע טעג מיט אַ בחור, מ׳האָט זי געזען גיין צוזאַמען מיט אַ פּאָר „מענער־שיך״. דער בחור ווייזט אויס צו זיין נישט קיין אָרעמער. מען דערקענט עס אין די פיין־געמאַכטע פּאַנטאָפל, וואָס ער טראָגט און אין די הויזן־נאַגאַוויצעס. די „געלע זאָקן״ האָט זיך

מסתמא צעקריגט מיטן חתן, מען זעט זי שוין עטלעכע טעג נישט אַרויס־גיין אין די אָונטן פון שטוב.

***

אויף די העכערע שטאָקן וווינען עטלעכע מיוחסדיקע ייִדן, וואָס מ׳רופט זיי נישט לויטן פאַך, „דער שוסטער" אָדער „דער שניידער", אַזוי ווי די, וואָס וווינען אין די קעלער־שטובן. אויפן ערשטן שטאָק וווינט הער קאָן, אַ סוחר, וואָס האַלט אַ גויישע דינסט. טאָקע ביי אים האָט געדינט „קאַזשע", וואָס האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק, ווייל דער חתן האָט זי פאַרלאָזט, און — אַ גויישע הצלחה — זי איז געבליבן לעבן. היינט קומט שוין צו איר אַן אַנדערער חתן און פונקט ווי דער ערשטער, בלייבט ער דאָרט נעכטיקן. דעם הויף פאַרדריסט, וואָס דער הער קאָן לאָזט צו אַזאַ הפקרות ביי זיך אין שטוב, אָבער ווער וועט עס אָנהייבן מיט אַ גביר און זאָגן אים אַ דעה? די ווייבער פון הויף פירן בלויז אַ חשבון, ווען „יאָסעלע פאַנדריק" — דער גויישער גאָט, וועט העלפן און די מאַדאַם וועט ווערן אַ „באַבע" צו קאַזשעס ממזרל.

אויפן צווייטן שטאָק וווינט משהלע קרופּניק, אַ לערער פון ייִדישער געשיכטע אין אַ „סובאָטניק"־שולע (אַ מלוכהשע פאָלקסשול פאַר ייִדישע קינדער, וווּ מ׳האָט שבת נישט געלערנט). משהלע קרופּניק געהערט צו די מיוחסים, ער רעדט נאָר פויליש און האַלט זיך ווייט פון די איבעריקע שכנים פון הויף.

אויף אונדזער הויף זענען געווען פיר שולעס: אַ העברעיִשע תרבות־שול, צוויי ייִדישע שולעס און אַ „פאָוושעכנע". די לעצטע — אַ בעל־יחסנטע, אַ גוייִשקע שול פאַר ייִדישע קינדער, האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק. מיט איר איז געווען אַ מחיה. זי האָט דעם הויף מיט גאָר־נישט נישט געשטערט. ס׳איז דאָרט געווען רויִק, קינדער האָבן נישט גע־שטיפט און ס׳האָט זיך נישט געהערט קיין געזאַנג און קיין קינדעריש געלעכטער. אַנדערש איז געווען אויף די העכערע שטאָקן: פאַרטאָג, ווען פיל איינוווינער פון הויף זענען נאָך געשלאָפן, האָבן זיך באַוויזן קינדערלעך — שעה׳ן פאַר דער לערן־צייט זענען זיי געקומען אין דער שולע. פון די שול־צימערן האָבן זיך געלאָזט הערן קלינגענדיקע קולעכלעך. טאַנצנדיקע,

מיט געפלאָכטענע הענטלעך אין אַ ראָד, האָבן זײ פאַרקלונגען דעם הױף מיט „משהלע, משהלע, ביסט דאָך זײער שײן, שװאַרצינקע אױגעלעך, װײ־סינקע צײן״, אָדער „שרהלע, שרהלע, ביסט דאָך זײער מיאוס, אַ ביסעלע פאַרקאָפּטשעט, אַ ביסעלע פאַרריסט״. אַמאָל איז אַ לערער אױך געקומען פריִער, געבליבן נאָך אַ ביסל צײט, האָט ער זיך אױך אַרײנגעפלאָכטן אין טאַנץ און די קינדערלעך האָבן פּאַטשנדיק מיט די הענטלעך, געזונגען: „לערער, לערער, ביסט דאָך זײער שײן, גאָלדענע הערעלעך, װײסינקע צײן״.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהױבן בײ אונדז אין הױף פון סאַמע באַגינען.

װען ס׳בלױט זיך נאָך דער הימל, שטײט שױן דער סטרוזש מיטן בעזעם און קערט דעם אַספאַלט. ער הײבט דערבײ דעם שטױב ביזן העכסטן שטאָק.

חיה־לאה, די פּזשעקופּקע פון דער פּאַציאַטע, שלעפּט זיך אױף די שטיגן מיט די צװײ געשװאָלענע פיס. זי לאָזט זיך צום באַזאַר מיט די קײשלעך־אױבסט. באַלד הערט זיך אַ גענעץ, װאָס פאַרגײט אין אַ תקיעה גדולה. דאָס הױבט זיך יאָסל לאַטוטניק, דער מענסקע־דאַמסקע כל־בו־שנײדער, אױף פון בעט און זעצט זיך אַ נישט־געװאַשענער צו דער נײ־מאַשין.

אױפן הױף באַװײזט זיך די בײגל־ייִדענע מיט צװײ קױשן „הײסע־קאָכעדיקע״, אַ װעגעלע מיט „שיבעשאָװער״ אוגערקעס און די מילך־ייִדענע מיט צװײ קאַנען „גלײך פון דער קי״. פון די אָפענע פענצטער־שטאַרן אַרױס פאַרפעדערטע פּרױען־קעפּ, װאָס רופן די פאַרקױפערס, און הענט, װאָס שאָקלען לײלעכער, קאָלדרעס, הױזן און קלײדלעך.

אין די טירן פון די שכנים נעמט קלאַפּן חימל ליגנער — דער „גאַ־זעטשאַרקעס״ פיר־יאָריקער „יונג״. די מאַמע איז אַװעק פאַרטאָג מיט אַלע זעקס עלטערע קינדער פונאַנדערטראָגן די צײטונגען. חײמלען האָט זי איבערגעלאָזט אַכטונג צו געבן אױפן האַלב־יאָריקן קינד, אָן אַ ביס עסן.

חימל שלעפּט דאָס פּיצעלע אױף די הענט. ער ברענגט עס צו די שכנים און אָנװײזנדיק אױף אים מיט אַ פינגערל, שטאַמלט ער אױס: ער װיל עסן. חימל איז אַ ליגנער. נישט בלױז דאָס קינד װיל עסן, נאָר ער, דער „יונג״ אַלײן װיל טאַקע אױך עפּעס אין מױל אַרײן. ער בעטלט מער

פאַר זיך, ווי פאַרן קליינעם. חימל איז אויך אַ באַרימער: אַלעמען דער־ציילט ער וועגן קינד, וואָס איז ביי זיי געשטאָרבן מיט אַ חודש צוריק, אַז ער האָט עס „באַשטאָרבן" (געהרגעט).

— יאָך בין שטאַרק — זאָגט חימל, ווילנדיק מ'זאָל זיך אויף אים אומקוקן. — יאָך קאָן אַראָפּטראָגן אַ שאַנק. און ווען אַ שכן כאַפּט אים אָן און הייסט אים אויספירן די מלאכה, שאַרט זיך חימל צו דער טיר און שטאַמלט אויס: „יאָך וועל קומען שפּעטער, יאָך דאַרף געבן מאָטעלען (דעם קינד) צו עסן".

הער קאָנס ראַדיאָ צעשרייט זיך. איינס, צוויי, איינס, צוויי, מיט אַ שפּרונג. זיין טאָכטער פּעלע מאַכט גימנאַסטיק, פון וואָס דער הויף לאַכט. פּעלע ווייסט, אַז מען חוזקט פון איר און טאַנצט צו־להכעיס ביים אָפענעם פענצטער.

אין איין שטוב שעלט אַ מאַמע איר קינד, וואָס וויל זיך נאָך נישט אויפהייבן. אין אַ צווייטער קושט מען אַ נחתל און מען געזעגנט עס אין שול אַריין. באַלד הערן זיך לויפן אויף די שטיגן דראָבנע פיסעלעך, פון הויף טראָגן זיך דינע קולעכלעך:

— מאַמעליו, וואַרף אַראָפּ צוויי זלאָטעס, דער לערער האָט געהייסן ברענגען. מען פאָרט אויף אַן אויספלוג. איין מאַמע וואַרפט אַראָפּ דאָס געלט מיט שמחה, ווינטשנדיק דעם קינד אַ „פאָר־געזונט". אַ צווייטע, קענטיק נעכטן גאָרנישט פאַרדינט, שרייט אַז: „באַגראָבן זאָל איך דיך צו־זאַמען מיט דיין לערער, שמדניצע איינע". סוף כל סוף וואַרפט זי אויך אַראָפּ די צוויי זלאָטעס און די קינדער צעלויפן זיך מיט פרייד.

נאָך די קינדער באַווייזן זיך דערוואַקסענע. זיי גייען צו דער אַרבעט: אין פאַבריק, אין וואַרשטאַט, ביוראָ אָדער געשעפט.

מאַקס „גאַליאַזש" — דער פריזירער־געהילף, מיט די באַקן־בערד און מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, כאַפּט אַ בליק אויפן דריטן שטאָק, וווּ ס'וווינען די צוויי שוועסטער — דער צווילינג. ער ליבט זיך אין איינער פון זיי און ס'איז אים שווער אויסצוקלויבן אין וועלכער. אַ ווייסער חברה־מאַן שרייט אַרויס פון אַ באַהעלטעניש: מאַקס לינדער. מאַקס איז אים גרייט צו דורסן, אָבער ער קאָן אים נישט געפינען. ער גיט אַ סיטשע: פּעמפּיק

איינער, איך וועל דיר שוין אויסדרייען אַ פּולקע, און ער לאָזט זיך אַ בייזער אין „ראַזורע" צו דער אַרבעט.

פון טויער שאַרט זיך אַריין אין הויף אַריין וועלוול, מלא־מאַכער. אַ ייִד, אַ בטלן, מיט אַ פאַרפּעדערט, סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ, וואָס ער טראָגט עס אַפילו אין דער וואָכן. ער גייט איצט פון שטיבל. ס'איז היינט געווען אַ יאָרצייט, האָט מען געמאַכט אַ „לחיים". ס'איז שוין שפּעט. זיינע קאָנקורענטן, אַנדערע „מלא־מאַכערס" אויפן בית־עולם, האָבן שוין זיכער אויסגעכאַפּט אַ ביסל קליענטן. דאָס ווייב קאָן זיך נישט דערוואַרטן ביז ער וועט אַרויפקומען און זי מאַכט אים דורכן פענצטער אַ „מי שברך":

— „אַז מ'זאָל שוין נאָך דיר מאַכן אָן אל מלא רחמים, טאַטע אין הימל געטרייער".

וועלוול ווייס, אַז זי איז גערעכט און ער שלעפּט זיך מיט אַ שווער געמיט אויף די פיר שטאָק שטיגן, אָפּצונעמען דעם אמתן „פסק".

אין הויף באַווייזט זיך אַ הענדלער פון אַלטוואַרג.

—„האַנדי, האַנדי" — רופט ער אויס. „סטאַזשיזני קופּויע, שמאַטי קופּויע, גאַלגאַני קופּויע", — דאָס גיט ער אין אַ צעבראָכענעם פּויליש צו וויסן, מיט וואָס ער האַנדלט: שמאַטעס קויפט ער, לאַכעס קויפט ער. יונג־וואַרג העלפט אים אונטער:

אַלטע פּאַלטנס, אַלטע קליידלעך,
אַלטע יינגלעך, אַלטע מיידלעך,
אָן אַלטע דאַרע, אָן אַלטע טיעך,
און צוויי אויסגעדרייטע שיעך.

דער הענדלער איז נאָך נישט אַרויס, קומען שוין אָן אַנדערע „געשעפט־לייט".

אַ ייִדענע גיט מילך פאַר קאַרטאָפל־שאָלן, אַ צוויטע באָט אָן פּאַיאַנס פאַר פעדערן און ביינער און אַ דריטע בעט מיט אַ ניגון, מ'זאָל איר אַראָפּוואַרפן:

אַלטע זעמל, אַלטע חלה,
אַלטע פאַרדאַרטע שטיקעלעך ברויט.

נאָך זיי קומען צוויי מיידלעך זינגעריגס. די מיידלעך זענען יונגע,

אָבער די לידער זענען נאָך פון פאַר „יענער מלחמה". זיי זינגען מיט אַ „מאָראַליש" קול:

דאָס פאַרצעטע יאָאָר איז אָנגעקומען
אוי־וויי,
דאָס פאַרצעטע יאָאָר איז אָנגעקומען
האָט מען מ׳יאָך פאַר אַ זעלנאָ גענומען
אוי־וויי,
האָט מען מ׳יאָך פאַר אַ זעלנאָ גענומען
אוי־וויי, אוי־וויי.
שוואַרצאָ פויגל, פלי געשווינד,
אוי־וויי,
שוואַרצאָ פויגל, פלי געשווינד,
זאָג מאַנע עלטערן, יאָך בין געזינד
אוי־וויי, אוי־וויי,
זאָג מאַנע עלטערן, יאָך בין געזינד
אוי־וויי, אוי־וויי.
פון מאַן טויט זאָלסטו זיי נישט זאָגן,
אוי־וויי,
פון מאַן טויט זאָלסטו זיי נישט זאָגן,
וואָל מאַנע עלטערן ווייַנען און קלאָגן
אוי־וויי, אוי־וויי
וואָל מאַנע עלטערן ווייַנען און קלאָגן
אוי־וויי, אוי־וויי.

זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין, באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן, פיין געקליידעט, מיט אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ און אַ שטעקעלע אין דער האַנט. דער יונגערמאַן איז אַרבעטסלאָז און אַ ביסעלע צערודערט. נאָך אַ פּאָררעדע, אַז ער וויל אַרבעטן „אונד קיין אַרבייט איז נישטאָ", טאַנצט ער אויס, צופּייפנדיק, אַ פּאָלקע, אַ מאַזורקע און אַ ווענגערקע.

אַ גרויסע אַטראַקציע איז דער הויכער אהרן, אַ בלינדער, וואָס שאַפט לידער אויף אַלע לעצטע פּאַסירונגען. ער דרוקט פון זיי ביכלעך, און זינגענדיק אויף די הייף באַגלייט פון אַ האַרמאָניסט, פאַרקויפט ער זיינע

שאַפונגען. דער עולם כאַפּט די ביכלעך מיט די לידער „די נייעסטע שרעק־לעכע טראַגעדיע פון אַ טאַטן, אַ קאַרגן אלמן, וואָס לאָזט אומגיין זיין איינציק קינד באָרוועס אין אַ גרויסן פראָסט״.

באַלד צעגייט ער זיך מיט אַ טרויעריקן ניגון און די צוהערערס זינגען מיט דאָס געבעט פונעם אָרעמען קינד:

— פּאַפּאַ, איך בעט דיך פּאַפּאַ,
קויף מיר שוין שיכאַלאַך, אין שולע אַראַן...

דעם טאַטנס שלעכטע האַרץ ווערט נישט גערירט, ס׳העלפט אַפילו נישט, וואָס דאָס קינד אַפּעלירט צו אים ווייטער:

„מיין חבר איז אָרעמער, אָבער באָרוועס גייט ער נישט
זיין טאַטע פאַרקויפט האָט אַ קישן פון זיין שטוב״.

ווען די צייטונגען ברענגען די ידיעה וועגן פאַריזנבערגן, וואָס האָט געהרגעט זיין פריינד גאָלדבלום, הערט זיך דעם הויכן אהרנס נייעסטע ליד און דאָס כליפּען פון ווייבער:

אַ יאָמער, אַ קלאָג, אַ געשריי,
הערנדיק ווערט מען צעטאָמט,
הערנדיק ווערט מען צעטאָמט,
אַנטדעקט אַ מאָרדעריי,
באַגראָבן אין אַ קעלער מיט זאַמד...

אַז דער הויכער אַהרן ענדיקט די לידער, נעמען זיך שיטן פון די פענצטער דראָבנע מטבעות, איינגעוויקלטע אין צייטונגס־פּאַפּיר. לאַנג נאָכן אַוועקגיין פון הויכן אַהרן, קאָן זיך דער הויף נישט באַרויקן. שכנטעס רעדן צו זיך אַריבער דורך די פענצטער. זיי טיילן זיך מיט די שווערע געמיטער, וואָס דאָס געזאַנג האָט ביי זיי איבערגעלאָזט.

— אַזאַ מאָרדעריי, — קאָנען זיי זיך נישט באַרויקן — געלאָזט אַרומ־גיין דעם וויסטן יתום אַ באָרוועסן אין די פרעסט.

ס׳זאָל קיינער נישט האָבן קיין טעות און מיינען, אַז די לידער זענען אויסגעטראַכטע, וויזן די שכנטעס אָן אויפן דריטן שטאָק, ווו ס׳וווינט חיים זינגער, וואָס דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק.

— קאָפּ און וואַנט — דערמאָנען זיי זיך — האָט ער זיך געקלאַפּט,

ווען יענץ ווייב איז אים געשטאָרבן, מ׳האָט געמיינט, אַז אָט לייגט ער זיך אַ לעבעדיקער מיט איר אין קבר, און דאָ איז נאָך נישט קיין יאָר, האָט ער שוין חתונה געהאַט מיט דער „דזשאַמדזשעלע״. הלוואי ס׳זאָל זיין אַ ליגנט, זי וועט זיכער אַרויסטרייבן די קינדער פונעם ערשטן ווייב און דעם טאַטן וועט דאָס גאָרנישט אַרן.

— אַז אַ מאַמע שטאַרבט, — קאָכן זיך די ווייבער — דאַרף זי מיט־נעמען די קינדער מיט זיך אויף יענער וועלט, ווייל קיין שום טאַטע איז נישט בעסער.

באַלד דערמאָנט מען זיך אין פאַריזנבערגן, מען באַוויינט גאָלדבלומס מאַמע, וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט אַ קינד און ס׳האָט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף, מ׳שיט קללות אויפן קאָפּ פונעם מערדער און פון זיין טאַטע־מאַמע.

פאַרנאַכט כאַפּט זיך נאָך אַריין אַ פאַרשפּעטיקטער קאַטאַריניאַזש מיט אַ ווייס מייזעלע, וואָס שלעפּט פאַר יעדן אַרויס פון אַ קעסטעלע זיין „גורל״ — פאַר פינף גראָשן.

מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל אויפן פאַרדאגהטן פּנים שאַרט זיך אונ־טער אַ פאַרזעסן מיידל, זי וואַרפט צו דעם קאַטאַריניאַזש אַ פינפער גראָשן און בעט אים, ער זאָל גוט איבערשאָקלען דאָס קעסטל און לאָזן דאָס מייזל אַרויסשלעפּן אַ קוויטל פון דער סאַמער מיט. דאָס מיידל כאַפּט אַ פאַרוויקלט פּאַפּירל, וואָס דאָס קליינע ווייסע באַשעפענישל דערלאַנגט איר, און לאָזט זיך דערמיט אין אַ ווינקל. דאָס מייזעלע קוקט איר נאָך מיט צוויי שוואַרצע, אומעטיקע אויגן, ווי ס׳וואָלט פאַרשטאַנען אירע געדאַנקען, און פישטשעט דערביי, ווי ס׳וואָלט איר אויסגעדריקט מיטגעפיל. פונעם ווינקל קומט דאָס מיידל צוריק אַ צופרידענע מיט פאַרפלאַמטע בעק און גלאַנצנדיקע אויגן — זי האָט געפאַקט דאָס אמתע גוטע קוויטל. זי שמייכלט צו זיך און חזרט איבער אין זכרון די ווערטער, וואָס זי האָט געלייענט אינעם אַרויסגעצויגענעם פּאַפּירל:

„אָט גייט ער, אָט פאָרט ער,
אָט קאָמט ער צו דיר,
דיין אָדלער דיין באַשערטער,
קלאַפּט באַלד אין דיין טיר״.

נאָך איר בוויזט זיך מאַקס גאַליאַזש. ער שפּאַצירט אַרום אין הויף און דרייט דאָס שטעקעלע צווישן די פינגער. ער קוקט זיך נישט אום אויפן קאַטאַריניאַזש, ווי ער וואָלט אים אין גאַנצן נישט געזען. ווען ס׳דאַכט זיך אים אָבער, אַז קיינער באַמערקט נישט, טוט ער שפּרונג צו צום קעסטל, וואַרפט צו אַ מטבע, און כאַפּט ביים מייזעלע דאָס ערשטע בעסטע פּאַפּירל. מאַקסן ווילט זיך באַלד איבערלייענען, וואָס עס שרייבט דאָרט, נאָר ער שעמט זיך. פון אומגעדולד נעמען ביי אים אונטערטאַנצן די באַקן־בערד און „אדם׳ס עפּעלע״, וואָס שטאַרט אַרויס פון זיין דאַרן האַלדז. מיט שנעלע טריט לאָזט ער זיך צום הויז, ער לויפט אויף די שטאָקן, איבערהיפּנדיק צו עטלעכע טרעפּ. אויפן פערטן שטאָק, רייסט ער האַסטיק אויף די טיר פון זיין וווינונג, פאַלט צו צום פענצטער און שטעלט זיך לייענען דאָס באַקומענע קוויטל. עטלעכע מאָל חזרט ער איבער דאָס געשריבענע. ס׳איז אים שווער צו פאַרשטיין די מאָדנע ווערטער:

„אַט גייט ער, אַט פאָרט ער,
אַט קאָמט ער צו דיר,
דיין אַדלער דיין באַשערטער,
קלאַפּט באַלד אין דיין טיר״.

מאַקס וויל אַראָפּלויפן צום קאַטאַריניאַזש, וואָס האָט אים אָפּגענאַרט און געגעבן אַ קוויטל, וואָס פּאַסט פאַר אַ פּרויענצימער. באַלד אָבער באַ־רעכנט ער זיך, אַז מען מיינט טאַקע איינע פון די צווילינג־שוועסטער. ס׳איז געשריבן בלשון זכר, ווייל אינעם ליד גלייכט מען זי צו אַן אָדלער. ער פאַרשטייט נאָר נישט, וואָס זי דאַרף „פאָרן״, אַז זי וווינט דאָ אין הויף.

ווי צו באַשטעטיקן דעם מייזעלעס ווערטער באַווייזן זיך די צוויי מיידלעך אויפן הויף. מאַקס וויל אַראָפּלויפן אויפן הויף, איינצוברענגען זיי די מי פון „גיין״ און פון „פאָרן״; ס׳קומען אָבער אָן צוויי קאַוואַליערן, נעמען די מיידלעך אונטער די אָרעמס און אַלע לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג פון הויף. ביי מאַקסן קאָכט אויף דאָס בלוט. ער מוז נקמה נעמען אין די מיידלעך און אינעם קאַטאַריניאַזש מיטן מייזעלע, וואָס האָבן פון אים גע־חוזקט. אין הויף שיטן זיך אַריין די ווייסע חברהניקעס און באַפאַלן די געאָרעמטע פּאָרלעך מיט אַ הילכיקן „חתן־כלה, מזל־טוב״. מאַקס קוויקט זיך מיט דער נקמה, וואָס ער האָט דערלעבט אינעם צווילינג. ער שיינט

פאַר גליק און איז גרייט מוחל צו זיין אַפילו דעם פּעמפּיק, וואָס האָט אים אין דער פרי געגרופן: — מאַקס לינדער. ער לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ — ער וועט היינט מאַכן אַ לעבן: ער וועט אַריין קעגנאיבער אין וואַרשטן־האַנדל, פאַרפונדעווען זיך געפּאַרעטע קישקעלעך אויף אָוונט־ברויט און גיין אין יידישן טעאַטער.

שפּעט ביינאַכט הערט זיך אַ פּליושקעריי פון וואַסער — דאָס זענען די איינוווינער פון הויף מכבד דורכן פענצטער די ווייסע חברהניקעס, וואָס רודערן אַרום און לאָזן נישט איינרוען. קליינוואַרג מאַכט זיך נישט וויסנ־דיק. דערוואַרעמטע פונעם שפּילן זיך אין דעמפּיקן הויף, זענען זיי זיך מחיה מיט דער קאַלטער באָד. ערשט, ווען ס׳דערהערט זיך אַ בייז רופן פון טאַטע־מאַמע, לויפן זיי אויסגעווייקטע אין די שטיבער. אַ שטיקל צייט הערט זיך דורך די אָפענע פענצטער די פּעטש פון טאַטעס און דאָס געוויין פון די קינדער — דאָס ווערט געמאַכט דער חשבון פאַר זייערע מעשים פונעם גאַנצן טאָג.

...צו ביסלעך ווערט אַלץ שטילער און איבערן „קאַסטן״ — מיין הויף, טראָגט זיך נאָר דאָס כראָפּען פון די קינדער, אויסגעמישט מיט אַ דושנעם הוסט פון אַלטע לייט.

קינדער לערנען תורה

ברוך, דער דרדקי־מלמד האָט געהאַט „אַ טריפה חדר". דאָס חדר איז נישט געווען פאַרשריבן ביים מלכות. וועגן ברוכן האָט נישט געוווּסט דער רוסישער צאַר און אימפּעראַטאָר, ניקאָליי, ווען ער איז געווען באַלע־באָס פון וואַרשע, און ווען די שטאָט איז איבערגעגאַנגען צו נייע באַלעבאַ־טים, איז דאָס חדר ווייטער געבליבן פאַרהוילן, סיי פאַר ווילהעלמען, דעם דייטשן קיסר, וואָס האָט געירשנט ניקאָלאַיען, און דערנאָך פאַרן פּוילישן פּרעזידענט. וועגן ברוכן האָט אַפילו נישט געוווּסט דער קאָמיסאַר פון פערטן פּאָליציי־צירקל, וואָס אויף זיין שטח האָט זיך געפונען דאָס טריפהנע דרדקי־חדר.

ס'האָבן יאָ געוווּסט וועגן אים אַלע יידישע איינוווינער פון פּאַווע־גאַס. כמעט די גאַנצע גאַס האָט געשיקט צו ברוכן די קליינע קינדער, ווען זיי האָבן דערגרייכט דאָס לערן־עלטער. צו ברוכן אין חדר אַריין זענען באַלד אין די פרימאָרגן־שעה'ן געלאָפן יינגעלעך פון פּאַווע, אַרויסגעריסענע פון די בעטן, מיט פולע אייגעלעך שלאָף און מיט די לעצטע ווערטער פון „מודה אני" אין די מיילעכלעך:

איך וועל טאָן
וואָס דער טאַטע הייסט,
וואָס די מאַמע הייסט,
וואָס אַלע גוטע און פרומע לייט הייסן מיך טון.
צום גוטן וועל איך טאָן,
אַ ברכה און הצלחה אויף מיין קעפּעלע
ונאָמר אמן.

אויף פּאַווע־גאַס איז נאָך נישט אין אַלע הייזער געווען עלעקטרע, אַפילו גאַז, וואָס מ׳האָט זיך מיט אים אין „יענע" גאַסן שוין לאַנג נישט באַנוצט, איז נאָך אין אַ טייל הייזער פון פּאַווע נישט געווען. אין די הויכע נומערן פון פּאַווע־גאַס, לעבן דער אָקאָפּאָווע, איז נאָך נאַפט געווען אַ יחסן און אַ נאַפט־לאָמפּ איז געווען אַ מאָס פאַר עשירות. ביי ר׳ שלמהן, דעם אייגנטימער פון דעם כשרן וואָרשטן־האַנדל איז געווען אַ „גאַנצע בליצ־לאָמפּ", אַ ירושה פון זיין טאַטן, דעם געוועזענעם תבואה־סוחר. אַרויפ־געקומען ביינאַכט פון געשעפט, פלעגט ר׳ שלמה אָנצינדן דעם „בליץ", האָט עס פאַרשיינט די גאַס.

ביי זעליקן, דעם צעלניק־סוחר איז געווען אַ האַלבער בליץ. אַ „האַלבער" האָט אויך געהערט צו די מיוחסים. אַזוי ווי דער „גאַנצער בליץ", איז ער געהאָנגען אין דער מיט שטוב אויף קייטן ביים סאַמע סופּיט. אינעם לאָמפּן־האַלטער, אַ קופּערנע דיניצע, איז געשטאַנען די באַדניע, אין וועלכער מ׳האָט אַריינגעגאָסן נאַפט; אין דעם ברענער, וואָס האָט אַרויס־געשטאַרט פון דער באַדניע, איז געזעסן אַ קיילעכדיקע קנויט מיט אַ ברייטן קאָפּעץ און אַ בייכיק גלעזל.

איבער דער לאָמפּ איז געהאָנגען אַ באָמבע מיט שרויט. די באָמבע האָט זיך געהויבן, ווען מ׳האָט די לאָמפּ אַראָפּגעשלעפּט און זיך אַראָפּגע־לאָזט, ווען מ׳האָט די לאָמפּ צוריק אויפגעהויבן. די „בליצן" האָבן פאַר־לויכטן דעם הויף און אויפגעריסן די אויגן ביי אַלע שכנים. קנאַפּער פאַר־מעגלעכע איינוווינער האָבן גענוצט 11ער לעמפּלעך און די אָרעמערע זענען „געזעסן" ביי 5ער. זיי האָבן כסדר געמאָנדרעוועט ביי די דרייערס און אַרויסגעשלעפּט די שמאָלע קנייטלעך. פון די לאַנגע פּייער־צינגלעך האָבן די לעמפּלעך געקאָפּטשעט און די גלעזלעך האָבן כסדר געפּלאַצט. אויף אַ ניי גלעזל איז שוין קיין געלט נישט געווען, האָט מען די לעכער פאַר־קלעפּט מיט פּאַסן פּאַפּיר און איבער די 5ער לעמפּלעך האָט זיך געזען מער פאַרברוינטע שטיקער פּאַפּיר, ווי גלאָז.

ביי ברוכן דעם דרדקי־מלמד איז קיין לאָמפּ אויך נישט געווען. ביי אים אין חדר האָט מען געלערנט ביי ליכט.

נישט שטענדיק איז ברוכס פּראָפעסיע געווען מלמדות, אָבער פון זיינע פריִערדיקע פּרנסות זענען ביי אים געבליבן נאָר די נעמען: ברוך

צעלניקער און ברוך קאַלעקטאָר. ביי זיינע תלמידים האָט ער אויך געהייסן „ברוך זאַפּלאַטש". זיי האָבן פאַרבראַקט דעם נאָמען אין אַ לידל:

ברוך זאַפּלאַטש קאָכט די לונגען,
זיי אַ כפרה פאַר אַלע יונגען;
ברוך זאַפּלאַטש קאָכט די קניידלעך
זיי אַ כפרה פאַר אַלע מיידלעך.

ווען דאָס ליד איז דערגאַנגען צו ברוכן, איז ער אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און מיט אַלע מיטלען געפּרוווט אויסצוגעפינען דעם „עכברוש־ניק", וואָס האָט דאָס ליד פאַרפאַסט. דאָס איז אָבער נישט געלונגען. צי איבער דעם אחדות, וואָס האָט געהערשט צווישן די תלמידים, אָדער דאָס ליד איז געווען אַ קאָלעקטיווע נקמה פון די אַזוי אָפט געשמיסענע תלמידים. ווען ס'איז געווען שווער אויפן האַרצן און נאָך שווערער צו זיצן אויפן אָנגעשמיסענעם... האָט מען זיך געשטילט דעם ווייטיק מיט:
„ברוך זאַפּלאַטש קאָכט די לונגען"...

ברוכס תלמידים זענען געווען פון פאַרשידענעם עלטער: פון אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען אין דער ריכטיקער צייט, אין עלטער פון דריי, פערטהאַלבן יאָר, ביז פויערישע קעפּ, פאַרשפּעטיקטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אלף־בית ביי זעקס, זיבן יאָר. פון אַן „איידל" קינד, וועמענס מאַמע האָט אָנגעזאָגט דעם רבין, ער זאָל אים, חלילה, נישט אָנרירן, ביז אַ „סורר ומורר", וועמענס עלטערן האָבן געבעטן דעם מלמד נישט צו זשאַלעווען קיין קלאַפּ.

ברוך האָט אַלעמען אויסגעהערט, צוגעזאָגט איין מאַמען נישט צו לאָזן אַרויפפליִען אויף איר קינד קיין האַנט און אַ צווייטער צו „לערנען בלק"... געטאָן האָט ער דאָס זייניקע... איינגעטיילט קלעפּ פאַר אַלעמען גענוג. פאַר אים זענען אַלע קינדער גלייך געווען: נישט געזוכט צו באַ־שטראָפן דווקא די שולדיקע און נישט באַפרייט די גערעכטע. אַלע זענען שולדיק. איז עפּעס געשען אין חדר, האָט ער געשמיסן אַלע, אַלע — לויט דער ריי.

— אויב עס קריגט וועד איצט בחינם, — פאַרענטפערט זיך ברוך — איז עס האַנט־געלט פאַר אַ צווייט מאָל.

ביי ברוכן אין חדר איז נישטאָ קיין זייגער. דעם גאָלדענעם זייגער, די חתן־מתנה פון זיין זעלדען ע״ה האָט ער געמוזט פאַרמשכונען און נישט געקאָנט אים מער אויסקויפן. פאַר אַ צייטוויזער צו פאַרענדיקן דעם לערן־טאָג דינען אים די ליכט. יעדן נאָכמיטאָג שיקט ער אַן אַנדער יינגל, לויט דער ריי, צום זייפמאַכער קויפן צוויי ליכטלעך פאַר אַ דרייער. איינס טריפט ער אָן אין דער מיט טיש און דאָס צווייטע וואַנדערט פון האַנט צו האַנט: דאָס ליכטל האַלט דער תלמיד, וואָס עס קומט אויס צו לייענען פון סידור דעם אלף־בית.

ווען די פלעמלעך נעמען טאַנצן, די ליכטלעך ברענען זיך אויס, אָט־אָט גייען זיי שוין אויס, טוען די קינדערלעך אַן די פאַלטנדלעך, רופן אויס: אַ גוטע נאַכט, און לאָזן זיך לויפן פון די שטיגן.

נאָר אין טאָג, ווען ס׳פאַלט אויס לייבלס ריי צו גיין אין געוועלבל נאָך די ליכטלעך, פאַרענדיקן זיך די לימודים אַ ביסל פריִער. לייבל האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, ער זיצט שוין ביי ברוכן דעם דריטן זמן. ס׳העלפט נישט אַפילו ברוכס אויסגעפרוווט מיטל: וויפל ער זאָל נישט שמייסן, גייט עס יענעם נישט אין קאָפּ אַריין. איין זאַך האָט זיך לייבל יאָ אויסגעלערנט: צו פאַרקירצן די לערן־צייט. ווען ער גייט אין געוועלבל אַריין קויפן די ליכטלעך, רייבט ער זיי דעם גאַנצן וועג אין די ווענט און מאַכט זיי אַזוי אַרום דינער. קליינוואַרג פאַרענדיקט דעם טאָג אַ ביסל פריִער די לימודים, לויפן פריילעך אַהיים, זינגענדיק אויפן וועג:

ברוך זאַפּלאַטש קאָכט די לונגען,
זיי אַ כפרה פאַר אַלע יונגען...

אין יסודי התורה

ווען יסודי התורה האָט זיך געשאַפֿן, האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען: ס'הייסט? — האָט מען געטענהט — אַ חדר מיט קלאַסן, מיט שול־בענק, ווי, להבדיל, אַ שקאָלע, און דערצו מיט לימודי חול? עפּעס אַזעלכע נייע פֿאַזשאָנדקעס: מיט אַ קאַנצעלאַריע, מיט אַ גלעקל, וואָס קלינגט ביים אָנהויב און ביים סוף פֿון די לעקציעס, אַ פּויזע אויף פֿרישטיק, אַ מיטאָג־איבעררייס, אַ „דזשענניק" מיט „סטאָפּניעס"!? — ס'זאָל נאָר זיין צום גוטן, ס'זאָלן נאָר נישט אַרויסקומען קיין גויים פֿון דעם נייעם חדר...

די ספֿקות האָבן געעגבערט אין מוח, נישט געלאָזט רוען. פֿרומע טאַטעס האָבן פֿונדעסטוועגן געפֿירט זייערע זין אין דעם נייעם חדר: „יסודי התורה" — אויף נאַוואַליפּקי 9.

— אפֿשר איז עס טאַקע בעסער אַזוי: נייע צייטן, מ'דאַרף קענען דאָס ביסל גויישע לימודים.

— זעסט דאָך, אַז דער רבי איז אויך מסכים אויף דעם נייעם חדר. ס'וועט אָפּצ׳ען — זאָגט ער — קינדער פֿון די שקאָלעס. פֿרומע עלטערן, וואָס ווילן זייערע קינדער בילדן, וועלן אַזוי אַרום נישט דאַרפֿן זיי אָפּרייסן פֿונעם ייִדישן מקור און זיי שיקן צו די גויים, אָדער, נאָך ערגער, צו ייִדישע אַפּיקורסים.

„מכינה א'", „מכינה ב'", „ראשונה", „שניה", „שלישית א'", ב'... „חמישית", „שישית". ייִנגעלעך מיט קיילעכיקע היטעלעך מיט קנעפּלעך אין דער מיט און מיט לאַנגע קאַפּאָטקעלעך איילן אין מכינה א'; עלטערע חומש־ייִנגלעך — אין ראשונה אָדער שניה; גמרא־לערנער — אין שלישית; בחורים, וואָס טרעפֿן שוין אויף תוספֿות אַ קשיה — אין רביעית; כמעט

חתן־בחורים, וואָס לערנען שוין תרועבות און בשר בחלב — אין חמישית און אין שישית. נאָך אַ זמן, וועלן זיי אַריבער אין מתיבתא לערנען ביז הוראה, און דעמאָלט וועט מען זיין פריי... פריי, נישט חלילה, פון עול מלכות שמים, מען וועט נאָר נישט מוזן זיך צופּאַסן צו ר׳ אפרימען און ר׳ מענדלען, די משגיחים פון יסודי התורה. מ׳וועט נישט מוזן אָפּגעבן זיי קיין דין וחשבון פון יעדער מינוט:

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט געווען? אָדער — פאַרוואָס האָסטו היינט פאַרשפּעטיקט?

געהערט אַ מעשה. נעכטן איז געקומען צו פאָרן דער רבי און מ׳האָט אים געדאַרפט אָפּוואַרטן ביי דער באַן צו נעמען „שלום״, און דאָס איז נישט קיין פאַרענטפערונג? — האָבן חסידישע בחורים זיך געבונטעוועט און נישט איינער פון זיי האָט מקנא געווען זיין חבר, וואָס זיין טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט אָנרעדן און נישט געשיקט דעם זון אין יסודי התורה. ער האָט מקנא געווען די בחורים, וואָס נאָכן אָפּלערנען ביז דער בר־מצוה ביים גמרא־מלמד, האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן אין איינעם פון די שטיבלעך אויף נאַלעווקעס, אַוועקגעזעצט זיך דאָרט לערנען, פּראַווען חסידות, אויפזיין אַ משמר יעדע דאָנערשטיקדיקע נאַכט. האָבן די תלמידים פון יסודי התורה מקפיד געווען אויף ייִדישקייט כחוט השערה, און באַמיט זיך אַרויסצודרייען פון די לימודי חול ביים איבעררייס צווישן די לימודי־קודש און די „גויישע״ לעקציעס.

נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען דאָס אַרויסקריגן זיך. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן און דער ממונה אויפן שליסל איז געווען גימפּל.

גימפּל איז געווען אַ ייִד מיט באָרד און פּיאות און ס׳וואָלט געפּאַסט, אַז אויך צו זיין נאָמען זאָל מען צוגעבן „רב״, אַזוי ווי מ׳האָט גערופן ר׳ אפרימען און ר׳ מענדלען. ווען די חדר־ייִנגלעך האָבן גערעדט מיט אים אַליין, האָבן זיי אים גערופן ר׳ גימפּל. הינטער די אויגן האָט ער געהייסן פשוט גימפּל. — גימפּל איז געווען דער שמש פון יסודי התורה. גימפּל שמש איז געווען ממונה איבערן שליסל און נישט אַרויסגעגעבן אים פון דער האַנט. ער האָט קיינעם פון די תלמידים נישט אַרויסגעלאָזט בשעתן לערנען, סיידן פאַר אַ צוואַנציקער. און ווו זאָל אַ חדר־ייִנגל נעמען יעדן טאָג אַזאַ מטבע?

ר׳ אפרים, דער הויפּט־משגיח, האָט געהאַט אַ ציגן־באָרד. אָבער וועגן דעם האָט מען נאָר געמעגט טראַכטן און נישט ברענגען דאָס פאַרן מויל אפילו פאַר אַן אייגענעם חבר. ווי איז געווען צו אַ תלמיד, אויף וועלכן ר׳ אפרים האָט געוואָרפן אַ חשד, אַז ער איז אים נישט נוהג כבוד ווי געהעריק. ר׳ אפרים האָט געהאַט אַלע תלמידים אויפן אויג. אים צוהילף איז אויך געקומען זיין בחורל, וואָס האָט נאָכגעשפּירט די תלמידים.

ר׳ אפרימס בחורל איז געווען אַ תלמיד גלייך מיט אַלע, אָבער אַ בלאַסער און אַ שוואַכער, מיט אַן אָנווייז אויף אַ מאָרגנדיקן הויקער, האָט ער נישט מיטגעהאַלטן מיט זיינע חברים אין זייערע שטיפעריין. בשעת די הפסקות איז ער געשטאַנען אין אַ ווינקל, צוגעקוקט זיך צו די שפּי־לערייען פון די יינגלעך, און געשפּיזט זיי מיט שלעכטע אויגן. ער האָט נישט מיטגעהאַלטן ביי קיין שום אונטערנעמונגען פון זיינע חברים. אַפילו צום גרויסן שטרייק פון שלישית ב׳ איז ער נישט צוגעשטאַנען, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז זיינע חברים זענען גערעכט. אין האַרצן האָט אַפילו זיין טאַטע ר׳ אפרים געהאַלטן מיט די תלמידים:

— ס׳איז דאָך נישט קיין פּשוטער שטרייק, ווי ס׳מאַכן אַמאָל די ציצי־ליסטן און צו זיי, טרעפט זיך, שטייען אויך צו די לערער פון יסודי התורה. אויף די לערערס איז ר׳ אפרים שטאַרק בייז, ווען זיי שטרייקן:

— וואָס זענען זיי, שוסטער־יונגען אָדער בעקערס, זיי זאָלן וואַרפן די אַרבעט, ווי יענע דאָרט? און אַז ער אַליין הונגערט צו, וועט ער, חלילה, שטרייקן? פע, ס׳פּאַסט נישט פאַר אָרנטלעכע מענטשן אַזאַ זאַך.

מיטן שטרייק פון שלישית ב׳ האָט ער יאָ געהאַלטן, כאָטש ער האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן. מ׳האָט עס אָבער געקאָנט דערקענען אין דעם, וואָס ער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווי אַ האַלבע קלאַס יינגלעך פאַרשווינדט בעת דער הפסקה. ס׳איז נישט געווען קיין פּשוטער שטרייק, נאָר אַ מלחמת־מצווה. אַ מלחמה קעגן די לערער.

נישט קעגן אַלע לערער איז פאָרגעקומען דער שטרייק, נאָר קעגן דעם לערער פון געאָגראַפיע. מיט אַלע לערערס האָט מען נאָך געקאָנט מסכים זיין, מ׳האָט זיי נישט געקאָנט דערוויזן קיין אפיקורסות. העכסטנס האָט געקאָנט נישט געפעלן, וואָס דער לערער פון פּויליש איז מדקדק אויף גראַמאַטיק, שוין באַלד ווי די אפיקורסישע בעלי־דקדוק. קיין שטרייק האָט

מען אָבער צוליב דעם נישט געמאַכט. מען האָט זיך באַפרידיקט בלויז דער־מיט, וואָס מ׳האָט אים אין די ווינטערדיקע אָוונטן מכבד געווען פון באַ־העלטעניש מיט קוילן שניי.

דעם לערער פון חשבון איז אויך נישט געווען וואָס פאַרצוואַרפן. אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, ווועלן באַשטעטיקן אַפילו די פרומסטע ייִדן. מיטן לערער פון געאָגראַפיע איז אָבער פאַרגעקומען עפּעס אַנדערש. ער האָט מיט זײַן לימוד געוואָלט אַראָפּפירן ייִדישע קינדער פון דרך הישר.

אויף די ערשטע לעקציעס איז נאָך געווען נישקשה. צי די וועלט איז קײַלעכיק, וועט זיך קיינער מיט אים נישט שפּאַרן. די תורה זאָגט נישט אין ערגעץ פאַרקערט. ווען ער האָט עס נאָך דערוויזן מיט אַ שפּיץ פון זעגל־בוים ביי אַ שיף, זענען די גמרא־בחורים פון שלישית ב׳ געווען גאַנץ צופרידן און געוואָרט מיט פאַראינטערעסירונג אויף די ווייטערדיקע לעק־ציעס. אויפן דריטן אָדער פערטן טאָג איז אָבער די „אַל אַרויס פון זאַק״: דער לערער איז געקומען מיט אַ תורה, אַז די זון שטייט און די ערד דרייט זיך. האָבן דען ייִדישע קינדער געקאָנט פאַרשווייגן אַזאַ מין אַפּיקורסות? וואָס וועט זײַן מיט „שמש בגבעון דום״? שטייט דאָך בפירוש: די זון אין גבעון זאָל בלייבן שטיין, איז דאָך געדרונגען, אַז די זון גייט און נישט די ערד.

— זאָל אַפילו די וועלט זיך איבערקערן — האָבן די תלמידים פון שלישית ב׳ דערקלערט, אַז אויף דער לעקציע פון געאָגראַפיע קומען זיי מער נישט.

ווי אויף להכעיס איז דער דאָזיקער לימוד אין דער ערשטער שעה פון די לימודי חול און אַז מ׳האָט זיך שוין אַרויסגעקראָגן פון חדר, וועט מען דאָך שוין נישט צוריקקומען צו די ווייטערדיקע לעקציעס.

ר׳ אפרים מאַכט זיך אַוועקקוקן, ווי די תלמידים גנבענען זיך אַרויס דורכן פענצטער פון ערשטן שטאָק, זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַ נידעריק דעכל און ווערן אַנטרונען. זײַן זון, דאָס שוואַכע בחורל, קאָן נישט נאָכ־מאַכן דאָס זעלבע און עס פאַרדריסט אים אויף זײַנע חברים, וואָס באַווייזן עס יאָ. ער ווייסט ,אַז פאַר די דאָזיקע מעשים וועט זיי ר׳ אפרים נישט באַשטראָפן און פאַר גרויס כעס טראָגט ער אונטער דעם טאַטן אַלע עבירות, וואָס זײַנע חברים טוען אָפּ אין חדר אין משך פון גאַנצן טאָג.

ער טראָגט צו די עבירות, כאָטש דער טאַטע נויטיקט זיך נישט אין זיין הילף. ר׳ אפרים האָט אויסגעשניטן מיט אַ מעסערל לעכלעך אין די טירן פון אַלע מחלקות. ווען קיינער ריכט זיך נישט, אַז דער משגיח קאָן אים זעען און שפּילט אַמאָל אַן „איינאונדרייסיק", ווערט פינצטער אין אַ לעכל פון דער טיר — ר׳ אפרים האָט צוגעלייגט אַן אויג. נאָך איידער מען באַווייזט צו באַהאַלטן דאָס צעטל מיטן אָנגעשריבענעם ציפער, וואָס מ׳האָט זיך דערלאַנגט הינטערן טיש, איז שוין ר׳ אפרים אין צימער און כאַפּט וועמען ביי דער האַנט.

מוחל די חרפה, מוחל די פּעטש, וואָס מען כאַפּט דערביי — דאָס ערגסטע איז, וואָס ר׳ אפרים נעמט אָן ביי אַן אויער, פירט צו צו דער טיר און זאָגט אָן נישט צו קומען אין חדר אַריין אָן טאַטן.

בלויז דאָנערשטיק און פרייטיק, די לעצטע טעג פון דער וואָך, האָט ר׳ אפרים נישט געקוקט דורך די שפּאַרעס. אין די דאָזיקע טעג האָט ער פאַרהערט די בחורים פון די העכערע קלאַסן.

מלמדים אין די העכערע מחלקות זענען געווען וואָלף־בער און ר׳ העשל.

ר׳ וואָלף־בער פון חמישית איז געווען אַ נידעריקער און אַ דיקער, רונדיק, ווי אַ פעסעלע מיט אַ קליין פּנימל, וואָס איז געווען אין גאַנצן באַוואַקסן מיט באָרד. אַ וואַלד מיט האָר. בשום אופן וואָלט מען נישט געקאָנט זאָגן, ווו האָבן אַזויפיל האָר געפונען אָרט צו וואַקסן אויף אַזאַ קליין פּנימל. אויגן האָט ר׳ וואָלף־בער געהאַט קליינטשיקע און זייענדיק קורצזיכטיק האָט ער זיי שטענדיק געהאַלטן פאַרמאַכט. קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, וואָס פאַר אַ אויגן ר׳ וואָלף־בער האָט, ווייל מ׳האָט זיי כמעט נישט אַרויסגעזען, דאָך האָט מען געפילט, ווי זיי בליצן אויף מיט שמחה בשעת ער האָט אין געדאַנק צונויפגעשטעלט אַ פּשטל.

געשאַפן די פּשטלעך האָט ר׳ וואָלף־בער אָפט און פלינק. צוערשט האָט ער זיי צונויפגעשטעלט אין דער מחשבה. גלייך האָט ער עס איבער־געחזרט פאַר זיך, שעפּטשענדיק צו זיך אַליין. ער האָט זיך אַליין אָפּגעפרעגט און אַליין פאַרענטפערט וואָס, האָט מען נישט געהערט, מ׳האָט נאָר געזען ווי ער שפּאַרט זיך מיט זיך: אָט איז ער מסכים מיט זיך און אָט נישט. ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין, בעט זיך צוריק איבער. אויך די פינגער

זיינע האָבן געוויזן, ווי ס׳האַלט מיטן ענין. דרייט ער מיטן ווייז־פינגער און צייכנט מיט אים אין דער לופטן איז אַ סימן, אַז ער איז מיט זיך מסכים. האָט ער אויפגעשטעלט די גראָבע פינגער פוןביידע הענט און פירט זיי פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס — איז אַ סימן, אַז ער איז נישט מסכים. ער איז נישט צופרידן. ס׳איז נישט בלויז קצת קשה — ס׳איז נישט קיין פראַגע אויף וועלכע ס׳וועט באַלד זיין אַ תירוץ, נאָר ס׳איז כולו מוקשה. ער געפינט נישט קיין ענטפער נישט ביי די ראשונים און נישט ביי די אחרונים. ער האָט שוין אויסגעזוכט אין זכרון צי ס׳האָט זיך וועמער פון די מפורשים געשטעלט דערויף, צי ס׳געהערט נישט אַמאָל צו די קשיות, וועלכע מ׳לאָזט איבער פאַר משיחן צו פאַרענטפערן און דערווייל זאָגט מען תיקו.

ר׳ וואָלף־בער קוועטשט די אויגנלעפלעך, קנייטשט דעם שטערן, שטופּט אין מויל אַריין די עקן פון דער גרויסער, רויטער באָרד. מ׳זעט באַשיינפּערלעך, אַז ס׳גייט אים אויס דאָס חיות. פּלוצים טוט ער זיך אַ שטעל אויף, נעמט לויפן איבערן חדר, די גראָבע פינגער, וואָס ער האָט זיי ביז איצט געהאַלטן שטייף, הויבן אָן ווייכער ווערן. ביסלעכווייז בייגן זיי זיך אינגאַנצן איין, באַהאַלטן זיך הינטער די איבעריקע פינגער, זייער אָרט פאַרנעמען די ווייז־פינגער. ר׳ וואָלף־בער דרייט מיט זיי אַראָפּ, אַרויף און אַרום ווי אַ רעדל, די עקן פון דער באָרד פאַלן אים אַרויס פון מויל, דער שטערן גלייכט זיך אויס, די אויגן שטראַלן אויף מיט שמחה.

ווי אַ יונג בחורל איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קאַטעדרע און אַ געשריי געטון.

— אַהער, שקצים, דאָ, צו מיר.

ער האָט דערלאַנגט די נאָענט־שטייענדיקע צו פּעטשלעך און אָנגע־הויבן איבערצוחזרן פאַר די תלמידים דעם חידוש, וואָס ער האָט געשאַפן.

ר׳ העשל, דער מלמד פון שישית, איז אויך געווען אַ בריה אויף שאַפן פּשטלעך און חידושים. אַנדערש, ווי זיין חבר פון חמישית, פלעגט ער זיי מאַכן רויִק ווי אַ בעל־מלאכה, אַ מומחה, וואָס קען זיין פאַך און פירט אַלץ אויס געענוי מיט אַ פּלאַן.

רויִק איז ער געזעסן אויף דער קאַטעדרע, די אויגן־לעפלעך צוגע־לענט, ווי ער וואָלט געדרימלט. אַפילו די שפּיצן פון זיין געלער באָרד,

וואָס ער האָט, ווי זיין חבר, ר׳ וואָלף־בער געהאַלטן אין מויל, האָבן אויס־געזען, ווי זיי וואָלטן דאָרט געדרימלט. וואָלט ווער אין דער דאָזיקער מינוט אַ קוק געטון אויף ר׳ העשלען, וואָלט ער זיכער געווען, אַז אויך די געדאַנ־קען שלאָפן ביי אים.

אַזוי איז אָבער נישט געווען. ווי דאָס וואַסער אין אַ גוט־רעגולירטער קאַריטע, זענען זיינע געדאַנקען געפלאָסן רויק אין זיין מוח און געטראָגן אויף זייער רוקן גרויסע חידושים. רויק איז ר׳ העשל געשווומען אין דעם ים־התלמוד. רויק האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם דאָזיקן ים׳ס טיפע־נישן, געגומען פון די דאָרטיקע געוויקסן מיט פולע הויפנס. רויק איז ער צוריק אַרויפגעשווומען און געטיילט זיך מיט זיינע תלמידים מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט אַרויפגעברענגט פונעם אָפּגרונט.

כאָטש די כאַראַקטערן פון די צוויי מלמדים זענען געווען גאַנץ פאַר־שידענע, זענען זיי זיך ביידע געווען די בעסטע חברים און ליב געהאַט זיך אהבת נפש: האָט ר׳ וואָלף־בער עפּעס מחדש געווען, איז ער גלייך געלאָפן צו זיין חבר, ער האָט איינגעפלאָכטן אין האַנט אין ר׳ העשלס באָרד און דרייענדיק די פינגער פון דער צווייטער האַנט, האָט ער אים אונטערטאַנצנדיק איבערגעגעבן דעם חידוש. האָט ר׳ העשל עפּעס מחדש געווען, איז ער רויק אַוועק צו וואָלף־בערן און אַ זאָג געטון:

— קום אַהער, פויערישער קאָפּ און האָרך אויס. איבערגעגעבן זיך די חידושים, האָבן זיך די צוויי יידן מתווכח געווען, מסכים געווען איינער מיטן צווייטן אָדער אָפּגעפּרעגט.

פאַר די תלמידים האָבן ר׳ וואָלף־בער און ר׳ העשל איבערגעגעבן אַלע פּשטלעך סיי די אייגענע און סיי דעם חברס, פרייענדיק זיך מיטן צווייטנס אויפטו, אַזוי ווי מיט אַן אייגענעם.

בשעת ר׳ וואָלף־בער און ר׳ העשל האָבן געבויט זייער טורעם פון חידושים, זיי האָבן זיך געשפּאַרט, געברענגט ראיות, געבויט קל וחומרס, פאָרגעוואָרפן זיך כולו מוקשהס, האָבן זייערע תלמידים „געלייענט״.

לייענען דאָס איז געווען דאָס לערנען אַ שיעור פאַר זיך, אָן דער הילף פון דעם מלמד. יעדער פון די תלמידים האָט געהאַלטן פאַר זיין כבוד וואָס וויי ניקער אָנצוקומען צום רבין נאָך הילף.

יעדן פרימאָרגן האָט דער רבי געלייענט אַ שיעור. ער האָט פאַר־

טייטשט אַ שווערע סוגיא מיט אַלע מפרשים, געפרעגט קשיות פון איין מפורש, געברענגט תירוצים פון אַ צווייטן, אַנגערעגט די תלמידים אויף שאלות און תשובות. דאָס אַלץ האָט מען געלערנט די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך. דעם פערטן טאָג האָט מען איבערגעחזרט און אין די לעצטע צוויי טעג פון דער וואָך איז מען אַוועק צו ר׳ אפרימען זיך פאַרהערן.

ר׳ אפרים איז געווען אַ בקי אין גאַנץ ש״ס. ער האָט אַלץ געדענקט פון אויסנווייניק און קיין ווינקעלע איז פאַר אים נישט געווען פאַרהוילן. קיין חריף איז ער אָבער נישט געווען. אַליין גאָרנישט מחדש געווען און אין אַ געהערטן חידוש האָט ער געמוזט גוט אַריינקלערן ביז ער האָט אים תופס געווען. ר׳ אפרים איז געווען אַ גרויסער מתמיד און אַ בעל־זכרון, ווי דער פרק זאָגט: ווי אַן אויסגעקאַלכטער גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. נישט קאָנענדיק זיך פאַרגלייכן מיט די חריפים, ר׳ וואָלף־בער און ר׳ העשל און נישט קאָנענדיק אויפבליצן ווי זיי מיט אַ חידוש, האָט ער זיי פיינט געהאַט און איבערגעטראָגן די שנאה אויף זייערע תלמידים.

אַ גאַנצע וואָך האָט ר׳ אפרים געוואַרט אויף די לעצטע טעג פון דער וואָך צו זען, ווי די תלמידים צאַפּלען בשעתן פאַרהער. ווי פליגן אין שפינוועבס האָבן די יינגלעך זיך פאַרוועבט אין דער נעץ, וואָס ר׳ אפרים האָט פאַר זיי אויסגעשפרייט.

פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום טיש, איז ער געזעסן און איינגעקוקט זיך אינעם קרבן, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען. די באָרד און די לאַנגע פיאות צעפאַטלט, די אויגן צעפּלאָמט, האָט ער אויסהערנדיק דאָס געלערנטע, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, וואָס האָט פאַרפּלאָנטערט דעם תלמיד און צעמישט זיינע געדאַנקען. איז פון דער „פרה אדומה״ געוואָרן אַ שוואַרצע קו, איז פון „מים המאררים״ געוואָרן זיס וואַסער, איז פון קרבן עולה ויורד געוואָרן אַ שור הבר, איז פון טאָג געוואָרן נאַכט, און פאַר די אויגן טונקל.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ שווערע מלחמה, שוואַכע זענען דורכגעפאַלן און שטאַרקע זענען נאָך שטאַרקער געוואָרן. בחורים האָבן זיך באַמיט, גע־חזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל: אמר אביי, אמר ר׳ פפא. ס׳האָט געהאָלפן ר׳ וואָלף־בער און ס׳האָט געהאָלפן ר׳ העשל.

האָבן די צוויי חריפים „געריסן פעלזן״, האָבן געבליצט די אויגן פון

די תלמידיםביים אויסהערן די חידושים און אויסגעהאַלטן די נסיונות פון ר׳ אפרימען, אַרויסגעפּלאָנטערט זיך פון אַלע נעצן, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט, געקענט שוין פופציק בלאַט גמרא פון אויסנווייניק, הונדערט בלאַט, אַ גאַנצע מסיכתא, נדרים מיטן דן.

און צום סוף פון לעצטן זמן, ביים ענדיקן די יסודי התורה, זענען זיך צונויפגעקומען למדנים, רבנים, טייל מאָל אויך „ער״ זאָל לעבן, אויסצו־הערן די תלמידים. בחורים זענען אַוועק מיט מתנות, טאַשן־זייגערס מיט ציפערבלעטלעך, וואָס אָנשטאָט מיט איינס און צוויי האָבן זיי געוויזן די שעהן מיט מינוטן מיט אַן אלף און אַ בית. זיי זענען אַוועק מיט תעודות אין גאָלדענע רעמלעך — געענדיקט די יסודי התורה.

אין מתיבתא

מתיבתא. דער לעצטער שטאַפּל פון לערנען מיט דער הילף פון מלמדים. באַלד וועסטו קריגן סמיכה צו ווערן אַ רב ביי ישראל. וועסט ווערן דער פּאַסטעך פון אַ קהילה קדושה. ס'וועט צו דיר קומען אַ צע־שראָקענע ייִדענע מיט אַ געשאָכטענער הון אין האַנט. זי האָט זיך געקויפט אַ מאָל אויף אַ שבת אָדער יום־טוב אַן עוף און איצט פּסקע איר, רב, אַ שאלה, צי איז די הון כשר אָדער טריפה. צי וועסטו איר דערפרייען דאָס האַרץ מיט דער טאָפּלטער הנאה פון האָבן אַן עוף לכבוד שבת און צוריק־געפונען, דאָס וואָס זי האָט שוין כמעט געהאַלטן פאַר פאַרלוירן? צי וועסטו אַרויסטראָגן דעם פּסק טריפה און זי, דער מאַן און די קינדערלעך, וואָס האָבן שוין געזען אין דמיון אַ היגעריש פּיסעלע אָדער פליגעלע, וואָס זיי וועלן נאָגן לכבוד שבת, וועלן טרויערן נאָך דעם פאַרלוירענעם גליק?

לערן מיט התמדה, נישט די בלויזע בבא'ס פון שנים אוחזין בטלית און ארבע אבות נזיקין. נישט נאָר האשה נקנית בשלושה דרכים און המביא גט ממדינת הים. ס'איז ווייניק זיך צו מאַטערן, צי קול כנויי נדרים כנדרים אָדער ס'איז כשר אַ סוכה שהיא גבוהה למעלה מעשרים אמה.

קנעל איבער שחיטה, מליחה, תערובות און בשר בחלב. ס'קומט צו דיר דער שוחט, ער טראָגט זיין חלף זאָלסט אים בודק זיין צי ער האָט נישט קיין פגימה. ס'קומען קצבים, פּסקע זיי, רב, צי די בהמה, די גע־קויפטע פאַר לעצטע גראָשנס האָט אַ סירכא. צי וועסטו זי מאַכן טריפה אָדער כשרן מיט אַ הפסד מרובה? פּסקע רב, צי מעג דער אַלטער שוחט, ביי וועמען עס ציטערן שוין די הענט, נאָך שעכטן, אָדער די שטאָט עסט פון זיין שחיטה טריפה ונבילה. פּסקע, רב, וואָס צו טון מיטן פליישיקן

טעפּל, אונטער וועלכן ס׳איז אונטערגעלאָפן אַ ביסל מילך. וואָס צו טון מיטן פלייִשיקן מעסער, וואָס האָט געשניטן פּוטער. גיב אַ פּסק אויף טענות פון צוויי בעל דבר׳ס פון וועלכע איינער טענהט, דאָס גאַנצע איז מיינס און דער צווייטער טענהט, דאָס גאַנצע איז מיינס. פּסקע, רב, צי „נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געשען" איז דאָס ווייט נאָך מותר צו אים. גרייט זיך, רב, צו אַ דרשה שבת תשובה אין דער גרויסער שול, גרייט זיך אויפצובעמען דעם מושל, באַגריס אים אין זיין שפּראַך ווען ער וועט אָנטון יידן דעם גרויסן כבוד און קומען אין שיל אַריין.

גרייט זיך. מאָרגן קאָנסטו ווערן אַ רעליגיעזער מנהיג, אַריין אין ועדים פון פרומע יידן, און אַז עס וועט גוט זיין, קאָנסטו בעזרת השם ווערן אַ דאָזאָר אין אַ קהילה, אַ ראַטמאַן אין שטאָטראַט, אַ דעפּוטאַט אין סיים אָדער אַפילו אַ סענאַטאָר. גרייט זיך, בחור. קנעל איבער די לימודים, די לימודי קודש און לימודי חול.

**
*

אויף שוויענטאָיערסקע־גאַס, אָדער ווי פרומע יידן רופן זי יערסקע, און לאָזן דורך די שוויענטאַ, אין הויף נומער 18, שטראָמען בחורים אין לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט קיילעכיקע היטלען אויף די קעפּ. ס׳קומען בחורים מיט לאַנגע פּיאות, וואָס באַמבלען זיך פון ביידע זייטן פון פּנים און הענגען זיי אַראָפּ ביז איבער דער גאָמבע. ס׳קומען בחורים מיט פּיאות, אויסגעצויגענע ווי סטרונעס, מיט פּיאות צעפּאָטלטע און מיט פּיאות גע־קרייזלטע און אָנגעדרייטע, ווי רערלעך. ס׳קומען בחורים, אויף וועמענס פּנימער עס שפּראָצן איינציקע הערלעך — אַן אָנצוהערעניש אויף אַ באָרד, וואָס וועט בעזרת־השם קומען און באַשיינען דעם רבס פּנים. ס׳זעען זיך בחורים מיט היפּשע בערד וואָס האַלטן זיך שוין צוליב זיי אין גרויסן, ס׳זעען זיך בחורים, וואָס האָבן שוין געמעגט האָבן אַ באָרד, ס׳איז אָבער צומאָל קיין סימן נישטאָ — זי וואַקסט נישט. נישט איין נאַכט איז שוין דער בחור צוליב דעם נישט געשלאָפן. ס׳קומען בחורים מיט אויסגעפּוצטע בערדלעך — פאַר דער צייט אַרויפגעשפּרונגען אויף זיי דער יאָך און ס׳נאָגן זיי פאַרשידענע דאגות. ס׳קומען בחורים רייכע, אויף וועמען ס׳וואַרט אין דער היים פרישטיק, מיטאָג, אַ קאַפּאָטע און שטיוול. ס׳קומען בחורים

אָרעמע, פֿאַר וועמען טאַטע־מאַמע שפּאָרן אָפּ דעם ביסן פֿון מויל, אָדער זיי ‎מוזן זוכן טעג ביי יענעם. ס׳קומען בחורים היגע, וואָס ווינען ביי עלטערן און פרעמדע, וואָס זוכן אַ ביליקע אכסניה, אָדער נעכטיקן פֿאַר־שלאָסענע אין געשעפטן — פֿאַרדינגען זיך פֿאַר נאַכט־שומרים.

ס׳שטראָמען בחורים אין מתיבתא. זיי לאָזן זיך צו דער טיר, אויף וועלכער ס׳הענגט אַ שילדל מיט אַן אויפשריפט אין העברעיִש „ישיבה גבוהה מתיבתא״ און אויף פּויליש „ווישאַ שקאָלאַ רעליגינאַ״.

פֿון דאַנען וועלן זיי אַרויסקומען רבנים און וועלן לאָזן זיך איבער שטעט און שטעטלעך, באַמיִען זיך צו ווערן מרא דאתראס.

לייכט וועט עס זיין פֿאַר די בחורים מיט מיוחסדיקע נעמען פֿון די אַלטערס, קאַמינערס, בלאַסעס, עלבינגערס, בידערמאַנס. פֿאַר זיי וועט זיך מיִען דער „זכות אבות״. שווער וועט עס אָנקומען אַלע אַנדערע. אַ טייל וועט זיך אַפילו קיין מאָל נישט דערשלאָגן. דערווייל קלערט אָבער קיינער נישט דערפֿון. אַלע האַלטן זיך פֿאַר מאָרגנדיקע רבנים און גאונים. „ווילנער גאון״ טייטשן אַלע: וויל נאַר, וועסטו זיין אַ גאון. און אַלע ווילן דאָך אַזוי שטאַרק. נפשי תשוקה בתורה. אַלע ווילן לערנען, מען דאַרף נאָר אַ ביסעלע הילף און העלפֿן יידן בני תורה. ס׳העלפֿט ר׳ מנחם זעמבע, דער פּראָגער רב, וואָס לערנט יעדן טאָג אַ שיעור מיט די בחורים. ס׳העלפֿט דער בלאָש־קער, דאָס קליינע יידעלע מיט דער געלער באָרד, וואָס לערנט יורה דעה, נישט אַריינקוקנדיק אין קיין ספֿר: ס׳העלפֿט ר׳ אלכסנדר זישע פרידמאַן, וואָס טייטשט אויס אַ בלעטל גמרא מיט תוספֿות. צו אים האָבן אַפילו בחורים טענות, פֿאַרוואָס ער טייטשט אין דער גמרא, אמר מר — דער הער האָט געזאָגט. ס׳העלפֿן אַלע. ס׳העלפֿן רבנים מופלגים, וואָס קומען אָפּט אַרויף, הערן אויס די תלמידים און זענען זיך מיט זיי מפלפל. ס׳העלפֿן אַפילו די רביים, וועלכע העלפֿן מיט גאָרנישט, נאָר בלויז מיט דעם, וואָס זיי זענען דאָ אויף דער וועלט. ס׳טראַכט אַ בחור וועגן רבין, צו וועמען ער וועט פֿאָרן, ער זאָל לעבן, וועט אים צוהעלפֿן געפֿינען אַ שטאָט.

— זאָל איך נאָר זיין אַ למדן — טראַכט דער בחור — וועט עס שוין קומען.

ס׳העלפֿן די לערער פֿון לימודי חול. ס׳העלפֿט דער דירעקטאָר וויינ־בערג, ס׳העלפֿט דער פּוילישער לערער, דער דיכטער מיט די לאַנגע האָר

— בעסער אַן אמתער גוי, ווי אַ יידישער אַפּיקורס — ער וועט זיכער נישט אַראָפּפירן די תּלמידים פון דרך־הישר.

ס׳העלפט דער לערער פון חשבון און פיזיק, וואָס לערנט באַפּיאַהטע און באַבערדלטע בחורים, קאַנדידאַטן אויף רבנים, די געזעצן פון מאַטע־מאַטיק, אַלגעברע און פיזיק. ס׳העלפט דער לערער פון כעמיע און פון צייכענען. זאָל אַ יידישער מרא דאתרא קענען אַלע „זיבן חכמות״, און ודע מה שתשוב שפּילט אויך נישט קיין קליינע ראָלע.

דער ודע מה שתשוב איז שוין נייטיק. אָט אָ דאָ, אין דער מתיבתא, אין אגודישן מוסד, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פּרעמדע ווינטן. ס׳איז דאָ אַ חשד אויף אַ גרויסער צאָל בחורים, אַז זיי זענען נוטה צום מזרחי. דער חשד האָט אַפילו אַ יסוד. פאַר וואָס איז משה וואַרשעווער געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, ווען פּינחס אַרבעס האָט גערעדט שלעכט אויפן מזרחי? צי איז ער דעם נישט גערעכט, פּינחס, אַז קודם כל לייגט זיך מיזרחי אויס מיט די זעלבע אותיות, ווי חזירים? באַזונדער, ווייזן זיי שטענדיק אַרויס זייער פרומקייט, ווי אַ חזיר זיינע געשפּאָלטענע קלאָען. ס׳וועט זיי אָבער גאָרנישט העלפן — זאָגט פּינחס אַרבעס. חזירים זענען טריפה מיט די געשפּאָלטענע קלאָען און מזרחי איז טריפה מיט זיין פרומקייט.

משה וואַרשעווער האָט זיך צוליב דעם זייער אויפגערעגט און צוזאַמען מיט אַ גאַנצע חברה: דודל ווייס, ליפּע אַראָנסאָן, ברוך צוקערמאַן, חיים קאָזשעניצער, אַהרן גאַרוואָלינער, און אַפילו דער קליינער מענדעלע האָט אויך מיטגעהאַלטן מיט זיי.

— מען דאַרף אויף זיי האַלטן אַן אויג, — זאָגט פּינחס אַרבעס — און ס׳וואָלט נישט געשאַדט דאָס איבערצוגעבן דעם ראש־ישיבה.

אַז דער חשד איז אַ באַרעכטיקטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי באַר ס׳האָט זיך געעפנט דער מזרחיסטישער „תחכמוני״. באַלד זענען אַהין אַרי־בער אַ גאַנצע חברה און האָבן מיטגעשלעפּט אַזעלכע טייערע בחורים, ווי חיים ווענגראָווער און אהרן אָסטראָווער.

קאָן זיין, אַז ס׳איז גראָד נישט געווען קיין חסרון, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט. אין דער תחכמוני־שול זענען אַוועק די בחורים, וואָס זענען שוין אַ ביסל נחמץ געוואָרן. דערפאַר זענען אין מתיבתא געבליבן בלויז אייגענע, וואָס וועלן אם ירצה השם זיין קנאים פאַר אונדזער זאַך.

בעסער זאָלן נישט זיין קיין אַנדערער צום שלעכטן — האָבן זיך געטרייסט טייל פון די מנהיגים — וועט אַלץ גיין אַן מכשולים.

אַז ס'זענען נישט געווען קיין מכשולים, קאָן מען אָבער נישט זאָגן. זיכער איז עס געווען אַ שפּיצל פון דער קליפּה רחמנא־ליצלן, אַז אין זעלבן הויף זאָל זיין אַ יידיש מיידל־גימנאַזיום. האָבן מתיבתא־בחורים אַדורכגייענדיק אינעם טויער זיך געשאַרט ביי דער וואַנט, נישט אָנצורירן קיין מיידל, וואָס האָט געאיילט אין שולע אַריין. זיי האָבן נישט געוואָלט קוקן אין איר זייט אַריין. צי איז עס אָבער מעגלעך? אַז אַלט איז מען 19־20 יאָר און יידישע מיידלעך זענען אַזוי יידישלעך באחנט און שפּיזן מיט שוואַרצע אויגן, וואָס לאָזן נישט רוען. די גימנאַזיסטינס זענען געווען חוצפּהדיק און גייענדיק בחברותא, האָבן זיי זיך געשטופּט דווקא צווישן די ישיבה־בחורים, בגעקוקט זיי גלייך אין די אויגן אַריין, געוויזן די ווייסע ציינדלעך און געלאַכט הויך אויפן קול. זענען מתיבתא־בחורים מבולבל געוואָרן פון דעם „קול באשה ערוה". זענען אין טייל ערטער פון דער ישיבה געווען אויפגעשריבן ווערטער, וואָס פּאַסן נישט פאַר קיין ישיבה־בחורים. ס'איז אַפילו געווען אַמאָל אָנגעצייכנט מיט קרייד עפּעס אַזעלכעס, וואָס מ'טאָר נישט נאָכזאָגן. מ'האָט לייכט געפּאַקט דעם שולדיקן, ווייל ווער האָט דאָס געקאָנט אַזוי שיין צייכענען, ווי שלום ראַדאָמער? מ'האָט אים גלייך אַרויסגעוואָרפן פון דער ישיבה, אָבער גאַנץ לאַנג האָבן בחורים אַריינגעקלערט, ווו האָט עס שלום געזען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט — וואָס עס שטייט אין שיר השירים און דער מדרש זאָגט, אַז מען מיינט דערמיט משה ואהרן?

האָבן מתיבתא־בחורים געלערנט מיט התמדה, האָבן באַמיט זיך צו פאַרטרייבן ליליתן מיט דער גאַנצער כת שדים, וואָס האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פון די מיידלעך מיט די קיילעכיקע היטעלעך און מיט גרינע און רויטע נומערן אויף די אַרבל — די גימנאַזיע־שילערינס פון שוויענטאָיערסקע 18.

מיט גאָטס הילף און מיט דער הילף פון דער תורה הקדושה איז דאָס רוב בחורים אַרויס נישט געשטרויכלט. זיי זענען איבערגעקומען אַלע שלעכטע מחשבות און געלערנט תורה. געלערנט לשמה און לשם השטעטל, אַ קליין יידיש שטעטל, ווו יעדער וועט זיין אַ רב.

אויף נאַלעווקעס אין גערער שטיבל

אין גערער שטיבל האַלט מען נישט פון קיין מזרח־וואַנט, כאָטש סיי דער עמוד און סיי דער ארון קודש געפינען זיך אויף דער דאָזיקער זייט. אַן ארון־קודש — זאָגט ר׳ אברהם־זישע, דער פּרוש — געפינט זיך אין יעדן ייִדס האַרץ און דאַוונען מוז מען נישט דווקא צו מזרח. ווו אַ ייִד איז מתפלל צום רבונו־של־עולם, איז גוט. מלא כל הארץ כבודו. שטייט ר׳ אברהם־זישע אין צפון־מערבדיקן ווינקל, דעם קאָפּ איינגעגנורעט אין דער טיפער ספרים־שאַנק מיט די גרויסע גמרות און יורה־דעות, די אויגנלעפּלעך פאַר־קוועטשט, און פון מויל ציִען זיך, ווי סטענגעס, בלחש־תפילות: למען תזכרו, גאָטעניו, טאַטעניו, למען תזכרו את יום צאתך מארץ מצרים.

ר׳ אברהם־זישע איז פאַרן דאַוונען געגאַנגען אין מקוה, והייתם נקיים — איר זאָלט זיין ריין: טהרת הגוף וטהרת הנשמה, די באָרד און פּיאות זענען נאָך נאַס; פון אונטערן סאַמעטן היטל ריזלען אַרונטער מקוה־טראָפּנס. נישט געווישט זיך אום שבת. נישט אָפּגעטריקנט זיך און געקו־מען גלייך אין שטיבל אַריין.

איצט שטייט אברהם־זישע אַ רייִנער, אויסגעטאָן פון אַלע מחשבות זרות. גאָטעניו, טאַטעניו, וטהר לבנו לעבדך באמת, רייניק, גאָטעניו, אונדזער האַרץ צו דינען דיך מיט אמת. העלף, טאַטעניו אין הימל, אַז אונדזערע נשמות זאָלן געפינען דעם אמתן תיקון.

ר׳ אברהם־זישע האָט שוין נישט געטראָפן צום אָנהויב, דאַוונט ער פאַר זיך: נישקשה, ער קאָן אַליין אויך קומען מיט זיינע תפילות צום רבונו של עולם. אַלע ייִדן זענען הייליק און דאַרפן נישט, חלילה, קיין פאַרמיט־לער. יעדער ייִד קאָן זיך אַליין אויסטענהן מיטן כביכול, אַליין אָוועקטראָגן

זיין תפילה און לייגן זי פאַרן כסא הכבוד. רחמנא ליבא בעי — דער עיקר איז ביים רבונו של עולם דאָס האַרץ.

דאָס שטענדיק בלאַסע דאַר־אויסגעצויגענע פּנים שטראַלט מיט דביקותדיקער קדושה, דער שמאָלער גוף, אויסגעבויגן אויף פּאַרנט, שאָקלט זיך ווי אַ זאַנג, וואָס ווערט געיאָגט דורך אַ זומער־פּאַרנאַכטיק ווינטל. די אויגן זענען פאַרגלייזט, אויסגעטון פון דער וועלט, די לעפצן שעפּטשען אַ שטיל־זשומענדיקן למען תזכרו.

**
*

ר׳ שלום־בערן טראָגט עס ווי אַ וויכער: גאָט איז אַ טאַטע און איך בין זיין קינד. אַ טייער קינד בין איך, אַ ציטערדיק קינד — הבן יקיר לי אפרים. אַ קאַפּריזנע קינד בין איך. דער אין הימל מוז מיך אויסהערן. איך בעט און איך פאָדער הודו לד׳, קראו בשמו. און ווו איז דער רבי זאָל לעבן? ער וועט אויך זאָגן פאַר מיר אַ גוט וואָרט. נישקשה, דער טאַטע אין הימל וועט מרוצה ווערן.

ר׳ שלום־בער קאָן דאַוונען שטיל, האַרציק און קאָן אויך אויסשרייען זיינע תפילות. מיט איבערגעגעבנקייט און ליבע טענהט ער צום רבונו של עולם, ער גיט אים איבער זיינע געפילן, ווי ליב ער האָט אים, ווי ער האַלט פון אים. און נישט בלויז ער, נאָר הכל יודוך, הכל ישבחוך — אַלע לויבן דיך, אַלע רימען דיך, אַלע זאָגן: ס׳איז נישטאָ אַזאַ הייליקער ווי דו. אַלע זאָגן, און איך, שלום בער, רוף העכער פון אַלע „מי כמוך באלים ה׳״ — ווער איז דען צווישן די געטער, ווי דו? שלום בער צעהיצט זיך, שלום בער צעקאָכט זיך, שלום בער צעשרייט זיך „כל עצמותי תאמרנה״ — אַלץ, דער גאַנצער גוף רעדט, כל הנשמה תהלל יה — אוי וויי, גאָט אין הימל, יעדע נשמה טוט דאָך לויבן גאָט.

ר׳ שלום בער קאָן נישט איינשטיין אויף איין אָרט; ס׳טראָגט אים: אָט איז ער אין מזרח, ביים ארון־קודש, און אָט איז ער אין מערב, ביי דער סאָמע טיר, גאָט איז אומעטום, אומעטום דאַרף מען אים זוכן, אומעטום געפינט מען אים.

און אָט איז שלום בער לעבן חזן, ער העלפט אים צו. ס׳הייסט — נישט ער העלפט אים, נאָר ער לויפט אים אויס דעם וועג, כאַפּט ביי אים

אויס זיין שליחות, — ער שרייט אויס אַ שליח־ציבורדיקן פסוק, וועלכן דער חזן וויל אויסזינגען און אויסטרעלן: יאַבי, באַבי, יאַבי, באַבי... אל אדון על כל המעשים.

ר׳ שלום בער רעשט אויס אַ תפילה.

***

ייִדן חסידים דאַווענען, ייִדן באַבערדיקטע און באַפּיאהטע מיט לאַנגע טליתים און זילבערנע עטרות, ייִדן מיט פייער און ברען.

ס׳רעשט דאָס גערער שטיבל. ס׳דאַווענען זקנים, אַלטע חסידים, מקור־בים — טיש־זיצערס ביים רבין, וואָס געדענקען נאָך דעם חידושי הרי״ם און מאַכן נאָך זיינע תנועות און העויות. ס׳דאַווענען עלטערע חסידים, דורכ־געגומענע מיטן סדר פונעם היינטיקן „הויף״. ס׳דאַווענען יונגעלייט, וואָס „שניידן״ זיך און באַמיִען זיך איבערצושטייגן אין התלהבות די אַלטע חסידים.

פלאַמט דאָס גערער שטיבל, זידט עס און ס׳קאָכט. ס׳גייען אויף צום הימל חסידישע תפילות און טראָגן זיך גלייך צום כסא הכבוד. ס׳מישן זיך צונויף טרעלן און קרעכצן, געזאַנגען און זיפצן, ס׳גיסן זיך צונויף די פּאַר־דביקהטע אויסגעצויגענע „למען תזכרו״ס און „אחד״ס פונעם נזירדיקן ר׳ אברהם־זישע מיט די רעשדיקע הללויה׳ס פון פרייכנדיקן ר׳ שלום בער. שעטנז׳ן זיך ציטערנדיקע תחנונים מיט ברייט־חסידישע פּאַרלאַנגען, זיי רייסן זיך אַרויס דורך די אָפענע שטיבל־פענצטער און פילן אָן די נאַ־לעוועקער הייף מיט חסידישן ברען.

קליינע חסידישע ייִנגלעך מיט לאַנגע געקרייזלטע פּיאהלעך און קאַ־פּאָטקעס און סאַמעטענע היטעלעך העלפן אונטער מיט קוויטשעדיקע קולעכ־לעך. זיי בייגן די דאַרע, שוואַכע גופּימלעך, טאַנצן אונטער, ווי ליכט־פלע־מעלעך, שלעפּן די ציצית פון זייערע טלית־קטנדלעך און קושן מיט ליב־שאַפט די פעדעמלעך. זיי לייגן זיי צו צו די קויל־שוואַרצע אייגעלעך, און נאָכמאַכנדיק זייערע טאַטעס, די עלטערע חסידים, זשומען זיי ווי פליגעלעך למען תזזזכרו.

משה זאַנשיין

***

אין שטיבל רודערט זיך היינטיקן שבת, מער ווי תמיד. נישט אין דער חסידישער וועלט איז עפּעס געשען, נישט דער רבי, זאָל לעבן, איז אין וואַרשע, נישט עס איז אַ יאָרצייט פון חידושי הרי״ם, צי פון שפת אמת, ס׳איז אויך נישט קיין שמחה, אָדער, חלילה, אַ טרויער. ס׳איז אַ פּשוטער שבת, ווי אַלע שבתים. אַלץ וואָלט געדאַרפט גיין כשורה, פונדעסטוועגן רודערט זיך פאָרט אין שטיבל; ס׳איז לעבעדיק, ס׳קאָכט זיך, מען קריגט זיך, ס׳האַלט שוין ביי פּעטש.

אַלץ צוליב ר׳ אברהם אליס בחור.

אויף אברהם אליס בחור האָט מען שוין לאַנג דערציילט נישט קיין שיינע מעשים: דאָס גלאַטע פּנים, אויף וועלכן מען זעט נישט קיין סימן פון אַ באָרד, איז עפּעס נישט אַזוי בדרך הטבע. ווער ווייסט, צי שמואל הערש, אברהם אליס, ראַזירט נישט די באָרד?!

— מ׳זאָגט, אַז ס׳איז דאָ היינט אַזאַ וואַסער, וואָס נעמט אַראָפּ די האָר און מ׳איז נישט עובר אויף „לא תגלחו״.

— ס׳הייסט, מ׳זאָגט? — היצט זיך וואָלף אהרן, חיים זרחס איידעם. בעיני ראיתי, כ׳האָב אַליין געזען! כ׳בין אַנומלט אין אַ פּרייטיק אַריינגע־קומען צום פעלדשער אויף קופּיעצקע־גאַס, זענען דאָרט געווען אויסגעזעצט חסידישע בחורים און יידן מיט קאַפּלען אויף די קעפּ און מ׳האָט זיי גע־שמירט מיט אַזאַ וואַסער, וואָס ברענט אויס די האָר.

— שייגאָץ! שרייט אויס צבי־זאב, איינער פון די זיצערס ביים רבינס טיש. — שייגאָץ, מחוצף, חסידישע בחורים רופסטו זיי אָן?!

— און אַז מען איז נישט עובר אויף „לא תגלחו״, איז וואָס? לא ילבש גבר שמלת אשה איז שוין גאָרנישט? — אַ ווייבעריש פּנים זיך מאַכן? און וווּ איז דער „לא תלכו בחוקות הגויים״? זיי וועלן זיך נאָך אָנטון אין דאַ־טשישע רעקלעך אויך! — נישט קיין חסידישע בחורים איז דאָס, נאָר בר־יונים. און דיינע יידן מיט די קאַפּלען אויף די קעפּ, זענען ירבעם בן נבט׳ס. הערסט, שייגאָץ, ירבעם בן נבט׳ס זענען דאָס! זיי זענען חוטא ומחטיא את הרבים — נישט בלויז זיי זינדיקן, נאָר זיי מאַכן אַנדערע אויך זינדיקן, מ׳דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין!

אַ רעש אויף נאַלעווקעס אין גערער שטיבל. מ׳האָט מעכב הקריאה געווען. ס׳האָבן זיך שוין געשאַפן צוויי צדדים: איינע האַלט מיטן גבאי:

— ער האָט גוט געטון ישכר מאַגעלניצער. ובערת את הרע מקרבך, זאָלסט אויסרוימען דאָס שלעכטס פון צווישן דיר.

— גאַנץ גוט, וואָס ער האָט שמואל־הערשן אויסגעפּאַטשט און אַרויס־געוואָרפן פון שטיבל. אַ חוצפה פון אַ יונגאַטש צו קומען צום דאַווענען אין אַ שטייפן קאָלנער מיט אַ הערצל און אַ שניפּסל.

— ער האָט דאָך אין גאַנצן געקראָגן אַ גוייִשקע צורה! אַפילו די פּיאות האָט ער פאַררוקט הינטערן סאַמעטן היטל. ער שעמט זיך שוין מיטן ייִדישן אויסזען, רחמנא ליצלן.

— און צום דאַנערשטיקן משמר איז ער שוין לאַנג נישט געקומען — קאָכט זיך חיים עלוי, אהרן הערשס איידעם.

ר׳ אברהם אלי אַליין, דער טאַטע, מישט זיך נישט אין דער מחלוקת. ער שטייט אין אַ ווינקל, דעם טלית אַריבערגערוקט איבערן פּנים. גרויס איז די חרפּה, טיף דער צער: צו וואָס ער האָט דערלעבט!

אָבער נישט אַלע זענען מסכים מיט ישכר מאַגעלניצער:

— מ׳האָט נישט געדאַרפט מבייש זיין אַזאַ ייִד, אַ למדן, ווי ר׳ אברהם אלי — היצט זיך דער צווייטער צד — און אַרויסוואַרפן זיין זון.

— מ׳האָט דעם בחור געקאָנט קנסענען, דערציילן דעם רבין. קנאַפּ מיטלען זענען דאָ ביי אנשי שלומנו?

— „אם בארזים נפלה שלהבת" — טענהט ר׳ ישכרס צד — אויב וועט מען דערלאָזן ביי ר׳ אברהם אליס זון אַזאַ הפקרות, וועלן זיך אַנדערע אָפּלערנען און קאָנען נאָך, חלילה, קומען אין שטיבל אַריין אַפילו אין פּראָסטע טוכענע היטלען און אָן זיידענע קאַפּאָטעס.

אַ סוף צו דער מחלוקת מאַכט ישכר מאַגעלניצער. ער גייט צו צום בעלעמער, טוט אַ קלאַפּ אין שולחן און רופט אויס:

— בפקודת הגבאי דפה האָט הבחור שמואל הערש בר׳ אברהם אלי נישט קיין דריסת הרגל אין בית החסידים דגער.

— ס׳אי ניש קאַן דאַטשישע שיל דאַ, נישטאָ קאַן אָרט פאַ קאַן גלוחים אין פאַ קאַן דאַטשן מיט שניפּסלעך!!! נישטאָ קאַ בעל יחסנים, ווי־לאַנג איך בין דאָ גבאי, וועט אַזעלכעס נישט געשעען!

— איין גילדן כהן... צוויי גילדן כהן...

אין בית המדרש

גאָדעלע איז פאַרפאַרעט. גאָדעלע איז נישט אויסגעשלאָפן. זיינע צע־פלאָשעטע פּיאהלעך און בערדל זענען נישט צוגעגלעט. אַפילו די שטיקע־לעך שטרוי פונעם שטרוי־זאַק, אויף וועלכן גאָדעלע שלאָפט, זענען נישט אַרויסגענומען.

גאָדעלע איז שמש און גבאי פון בית המדרש אין גרויסן דורכגאַנגס־הויף אויף נאַלעוווקעס.

דער הויף פאַרמאַכט זיך שפּעט ביינאַכט, אָבער די שול קיינמאָל נישט. דערמאָנט זיך ווער אין מיטן דער נאַכט, אַז ער האָט יאָרצייט און פאַר־געסן אַ קדיש, קומט ער אויף נאַלעוווקעס, טוט אַ קלונג ביים גלעקל אין טויער פון דורכגאַנגס־הויף, רוקט אַריין דעם סטרוזש אין האַנט אַ צענערל און באַוויזט פונקט צו מעריב.

אין בית המדרש הערן נישט אויף די תפילות אַ גאַנצן מעת־לעת. ס׳פעלן נישט אויס קיין דאַוונער, ס׳פעלן נישט אויס קיין קדיש־זאָגער.

— יתגדל ויתקדש...

חיים „חסדל״, וואָס האַנדלט מיט גרינס און אויבסט ביי אַ וועגעלע, האָט געלאָזט שטיין זיין קראָם פאַר דער שול. אין הויף האָט ער זיך אַריינ־געשלעפּט, אָבער אין שול קאָן ער זי דאָך נישט מיטנעמען; ער האָט אָפּ־געבונדן דעם שטריק פונעם וועגעלע, אַרומגעוויקלט זיך מיט אים ווי מיט אַ גאַרטל און אַוועקגעשטעלט זיך דאַוונען.

ביי חיימען קלאַפּט דאָס האַרץ, מ׳זאָל אים נישט צוגנבענען זיין קראָם. ער שטייט ביי דער טיר און גיט אַכטונג. דער געדראַנג איז גרויס, דער

אַריינגאַנג אין שול װערט פאַרשטאָפּט און חיים זעט נישט װאָס ס׳טוט זיך אויפן הויף.

— יתגדל ויתקדש...

פונקט אין מיטן קדיש דאַכט זיך אים, ער הערט אַ קלאַפּן פון רעדער. װער װייסט צי מ׳פירט נישט אַרויס זיין װעגעלע.

— יתגדל ויתקדש...

ער קאָן נישט אַרויסלויפן אין דער מיט, ער זאָגט קדיש נאָך דער מאַמען. זי זאָל זיין אין לאַכטיקן גן־עדן, סאַי׳ האָט איז אַ יאָרצאַט.

— אַ פּאַיאַ זיכט זיי, די גנבים. די מאַמע װעט שוין זיין בייז, װאָס ער קלערט װעגן װעגעלע בעתן קדיש. זי איז ביים לעבן אויך געװען אַ בייזע. קיינמאָל נישט געגעבן צו אים קיין שמייכל. אָבער װאָס קאָן ער טון? ער האָט דאָך אַ װאָב מיט קינדאָ מפרנס צו זאַן.

חיים איילט זיך. ער שלינגט די װערטער. קרעקט זיך מיטן „ימליך מלכותיה און „ויצמיח פרקניה״. נישט װאַרטנדיק ביז צום סוף שלעפּט ער אַראָפּ פון זיך דעם שטריק און קריגט זיך צוריק אַרויס אויפן הויף.

***

שבת שװייגט אויך נישט דאָס בית המדרש. הענדלערס פון גרינס און אויבסט, באַזאַרניקעס, טרעגער און פורמאַנעס, װאָס זענען געװוינט אַלע טאָג אויפצושטיין פרי, קאָנען נישט ליגן לאַנג אין בעט; געװוינט צו עסן פאַרטאָג, ציט עס זיי ביים האַרץ.

אין שטוב איז לכבוד שבת צוגעגרייט פון כל־טוב: אַ פּערציקסטל בראָנפן אויפן שבת אינדערפרי־קידוש, געפילטע פיש, געגליװערטע פיס. מ׳װעט דאָך אָבער נישט עסן פאַרן דאַװענען, גייט מען אין בית־המדרש צום ערשטן מנין, באַלד אין דער פרי.

װען די „שיינע ידן״ שפּאַצירן זיך במנוחה צום דאַװענען אין די שולן און שטיבלעך, איילט מען שוין פון בית המדרש פון דריטן מנין.

— אַ שאָד, װאָס מ׳קאָן נאָך נישט אָפּנעמען דאָס טשאָלנט פון בעקער.

צעלייגן די מתפללים פון בית מדרש דעם שבתדיקן טאָג אויף צװיי טיילן. נאָך די פיש מיט די ציבעלעס גייט חיים חסדל שפּאַצירן, זעצט זיך

אַוועק אין קראַשינסקיס גאָרטן און וואַרט ביז מען וועט שוין גיין פון די שטיבלעך, פון דאַווענען.

דערזעען די ערשטע חסידים, לאָזט ער זיך אַהיים און רופט דאָס ווייב דורכן פענצטער:

— חנהלע, — שרייט ער אַרויף — געב אַ פאַטש אַראָפּ נאָכן טשאָלנט, מ׳רוקט שוין פון אויוון! די סחידים זענען שוין דאָ!

***

גאָדעלע קאָן קוים אַהיימלויפן אַריינכאַפּן די שבתדיקע סעודה. די שול איז נישט פאַרשלאָסן. באַלד נאָכן לעצטן מנין קומען ייִדן זאָגן תהילים בציבור.

— כל הנשמה תהלל יה הללויה...

דער חזן זאָגט פאָר און דער עולם זאָגט נאָך. אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. אין דער צווייטער שטוב לערנט אַ רבי עין יעקב.

אַ טייערער ייִד, דער רבי: נעמט נישט קיין געלט און קומט יעדן שבת לערנען מיט פּשוטע ייִדן.

אָרעמע אויסגעמוטשעטע ייִדן קומען שבת ביי שבת הערן תורה.

אָנגעפּראָפּט די שול, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. אויסגעווייקט זענען אַלע אין שוויס, אָבער קיינער פילט עס נישט. זיס זענען דעם רבינס רייד, זיי פליסן ווי בוימל, קוויגן זיך ייִדן מיט יעדעס וואָרט. אַ שאָד וואָס מ׳מוז שוין גיין דאַווענען מנחה.

— אשרי יושבי ביתך...

פאַרענדיקט דעם תהילים, פאַרענדיקט דער עין יעקב, דאַווענען ייִדן מנחה ביז ס׳באַווייזן זיך דריי שטערן אויפן הימל.

והוא רחום יכפר עוון...

אָנגעהויבן זיך די וואָך. אָנגעהויבן זיך די וואָכעדיקע דאגות.

די דאַטשישע שיל

די סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע־גאַס, אָדער, ווי וואַרשעווער פרומע ייִדן האָבן זי גערופֿן „די דאַטשישע שול" איז געווען אַ געביידע מיט אַ האַלב־קיילעכיק קאָפּל אויפֿן דאַך, מיט ברייטע מאַרמאָרענע טרעפּ ביים אַריינגאַנג און מיט שווערע, אייזערנע טירן. אויפֿן דאַך, איבער די טירן — צוויי לוחות, מיט די עשרת הדברות, וואָס משה רבנו האָט אַראָפּגע־ברענגט פֿון הר סיני, מיט „אנכי" און מיט די אַלע „לא"ס — די געבאָטן וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט זיי מזכה געווען דאָס פֿאָלק ישראל ווען ער האָט עס פֿאַרקנסט צו זיך אויף אייביק, פֿאַרקנסט מיט גלויבן, פֿאַרקנסט מיט רעכט און גערעכטיקייט, מיט גנאָד און דערבאַרעמקייט (וארשתיך לי לעולם וארשתיך לי בצדק ובמשפט בחסד וברחמים וארשתיך לי באמונה...).

אַ ייִדישע שול איז די סינאַגאָגע מיט ייִדישע מתפּללים, אָבער פרעמד זענען סיי דאָס בית התפילה, סיי די ייִדן, וואָס קומען דאָרטן דינען דעם, וואָס האָט זיי פֿאַרקנסט אויף אייביק.

שבת אין דער פֿרי איז דער אייזערנער טויער, וואָס הענגט פֿאַרן אַריינגאַנג פֿון סינאַגאָגע, געעפֿנט: קומט, ייִדן, דאַווענען!

קומען ייִדן, געקליידט אין פֿראַקן מיט אויסגעשניטענע פּאָלעס און מיט גלאַנצנדיקע קלאַפּעס. פּונקט ווי די קוטשערס פֿון חתונה־קאָטשן, טראָגן זיי אויף די קעפּ צילינדערס און אויף די הענט — ווייסע האַנטשן. טייל קומען צו פֿאָרן מיט אייגענע אויטאָס, אָדער קאָטשן, לאָזן זיי שטיין עטלעכע הייזער פֿאַר דער שול, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון שאָפֿערן אָדער קוטשערס אין די ליבערייעס, און גייען זיך מאָדליען (דאַווענען).

געקומען באַנקיר נ. מיט דער פרוי. געאָרעמט גייען זיי דאָס שטיקל וועג ביז צו די טרעפּלעך. טריט ביי טריט, נישט געאיילט זיך, דערנענטערן זיי זיך צו דער שול. די פּנימער שטראַלן מיט אינטימער יום־טובדיקייט. אַ פאַמיליען יום־טוב היינט ביי זיי — אַן אויפרופן ביים זון.

אין מיטן דער וואָך ווערט געפּראַוועט דער שלוב (חתונה) ביי דער פאַנגע סטעפּע, אַ טאָכטער פון באַנקיר נ., וואָס האָט חתונה מיטן דאָקטאָר פ. די חתונה וועט זיין אין סינאַגאָגע.

ס׳וועלן קומען געסט — אַריסטאָקראַטישע משפּחה־מיטגלידער — יידן נאָך; ס׳וועלן קומען משפּחה־לייט געמישטע — יידישע טאַטע־מאַמע און געשמדטע קינדער; ס׳וועלן קומען אמתדיק גוישע משפּחה; דער איי־דעם און די שנור, וועלכע שטאַמען פון פאַראָרעמטע פּריצישע משפּחות, צו וועלכע מ׳האָט זיך איינגעקויפט אין יחוס. ס׳וועלן קומען גוישע פריינד — שותּפים צום באַנק־הויז און צו די גיטער.

צוקומענדיק צו דער סינאַגאָגע נעמען זיך מאַן און פרוי אַרום מיט אַ קריטיש אויג: צי וועלן זיי זיך נישט פאַרשעמען פאַר די איינגעלאַדענע גוישע געסט? ווייזט אויס, אַז נישט, ווייל אַ לייכטער שמייכל פון צופרידנ־קייט באַווייזט זיך אויפן באַנקירס פּנים.

באַנקיר נ. איז נישט אין גאַנצן קיין פרעמדער אין דער שול. ער „מאָדליעט״ זיך דאָ יעדן יום־כּפּור. דעמאָלט איז ער אָבער פאַרנומען מיטן „סאָנדני דזשיען״ — מיטן געריכט, וואָס קומט דעם טאָג פאַר אין הימל, ווו אויך ער ווערט געמשפּט.

אייגנטלעך איז עס נישט קיין געריכט — ווענדט באַנקיר נ. אָפּ זיך אַליין, ס׳איז נאָר אַ מין אָפּשליסן די קאָנטעס — אַ מין יערלעכער בילאַנס. ער שטעלט זיך פאָר געווי, ווי ס׳זעט אויס אויבן: ס׳איז דאָרט פאַראַן אַ ביוראָ מיט גרויסע, גראָבע ביכער, איינגעבונדענע און איבערגעצויגענע מיט גראָען לייוונט, אַזוי ווי די ביכער ביי אים אין באַנק. יעדער בלאַט אין דעם בוך איז אַ קאָנטאָ אויף וועלכער ס׳איז מיט גרויסע קאַליגראַפּישע אותיות פאַרשריבן דער נאָמען און אַדרעס פון יעדן איינעם. אויף די קאָנטעס ווערן פאַרצייכנט די גוטע און שלעכטע מעשׂים פון יעדן „קליענט״. אין ביוראָ זיצט אַ הויפּט־מלאך, אַן אַרכאַניאָל מיט עטלעכע געהילפן — קלענערע אַניאָלס. אַ גאַנץ יאָר פאַרשרייבן זיי אַלץ, וואָס דער מענטש טוט,

און יום־כּפּור מאַכן זיי דעם בילאַנס. די אַרבעט אַרום בילאַנס הויבט זיך נאָך אָן אַ ביסל פריִער — אין טראָמבקי (ראש השנה), אָבער דאָס האָט נאָך נישט קיין חשיבות. דעמאָלט פאַרנעמט זיך נאָך מיט די ענינים בלויז די בוכהאַלטעריע, וואָס גרייט צו דעם מאַטעריאַל פאַרן דירעקטאָר.

פּונקט, ווי ביי מיר אין באַנק — טראַכט זיך דער באַנקיר. די בוכ־האַלטערן שרייבן אַלץ איין, אָבער זיי האָבן אַליין אַ קנאַפּע דעה. צי מ׳זאָל ווייטער געבן קרעדיט, אָדער נישט, דאָס קאָן נאָר איך אַליין דעצידירן.

אין הימל — טראַכט ער ווייטער — דערלאַנגט מען די אויסצוגן צום דאָרטיקן דירעקטאָר, צום „פּאַן בוג״ (גאָט) און ער גיט זיין דעציזיע.

יום כּפּור קומט באַנקיר נ. אין שול אַריין. בעסער צו זיין פּערזענלעך בעת מ׳וועט באַהאַנדלען זיין קאָנטאָ, כאָטש ער איז זיכער מיט זיין גוטן נאָמען און קרעדיט. ער ווייסט, אַז ביי אים אויף דער קאָנטאָ איז אויף זיין גינסט פאַרשריבן זייער פיל גוטס: אָט האָט ער געבויט אַ מושב זקנים, דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט געגעבן אַ גרויסע נדבה צו בויען אַ קאָשטשאָל אויפן נאָמען פון דער הייליקער מאַריִאַ (נישט געקאָנט אָפּזאָגן זיין גויישן איידעם), אָט האָט ער אַריינגעשטעלט עטלעכע בעטלעך אויף זיין נאָמען אינעם ייִדישן קינדער־שפּיטאָל. עפּעס קומט מען צו אים יעדן חודש און מ׳נעמט אויף „יעשיבאָט״, ווו מען לערנט „טאָראַ״. ער האָט, נישקשה, אויף זיין חשבון געגנוג, אָבער דאָך איז בעסער, אַז מ׳איז דאָ אַליין. אויף יעדער זאַך איז גוט צו האָבן אַן אויג. צי טרעפט זיך דען נישט אַמאָל, אַז איינער פון זיינע באַאַמטע איז זיך טועה און טראָגט אַרויף אויף עמעצנס קאָנטאָ, וואָס עס האָט איינגעצאָלט אַ צווייטער? און צי טרעפט זיך נישט ביי אים אַליין אַמאָל אַ קאַפּריז, ער זאָגט אָפּ קרעדיט דעם גוטן קליִענט און פאַרקערט? דערפאַר פאַרפעלט נישט באַנקיר נ. קיין איין יום־כּפּור. און אַז ער קומט, אינטערעסירט ער זיך נישט מיט קיין זייטיקע זאַכן, קוקט זיך נישט אום אויף דעם אַריינגאַנג, זעט נישט די שיין־געמאָלענע ווענט און באַמערקט נישט די ליכט־קאַנדעלאַברעס. ס׳אינטערעסירן אים נישט שטאַרק אַפילו דער חזן מיט די משוררים. ער הערט זיך נישט צו צום פּאַן ראַבינס דרשה. אַ נאַטור אַזעלכע ביי אים, צו קאָנצענטרירן זיך, נישט פונאַנדערצושפּרייטן דעם געדאַנק אויף קליינִיקייטן. ער טראַכט נאָר פון עיקר. און דער עיקר, — האַלט באַנקיר נ. דאַרף מען זען, מ׳זאָל דאָרט אין

הימל נישט פֿאַרגעסן זיינע מעשים טובים. זיצט ער אין שול און רעכנט אויס אַלץ, וואָס ער האָט אויפֿגעטון אין משך פֿונעם יאָר. ער פֿאַרגעסט אין גאָרנישט, וואָס קאָן העכערן אים אין הימל זיין קרעדיט. דערביי זאָגט ער צו אין געדאַנק צו בויען נאָך אַ פּאַוויליאָן אין מושב זקנים און אַריינצו־שטעלן נאָך עטלעכע בעטלעך אין שפּיטאָל. ער לאָזט זיך אויפֿרופֿן צו דער תורה, לייענט פֿון אַ טאָוועלע, וואָס מ׳דערלאַנגט אים „די בראַכאָט״ (ברכות) וואָס זענען אָנגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות. ביי דעם בעבור שנדר טייטשט מען עס אים איבער אויף פּויליש, און ער איז מנדר דאָס אַלץ, וואָס ער האָט שוין פֿריִער אין געדאַנק געהאַט באַשלאָסן צו געבן.

**
*

פּאַן נ. מיט דער פֿרוי זענען היינט געקומען אין אַ געוויינלעכן שבת. די שול איז האַלב ליידיק, קיין סך „זאַפּאָוויעדזשעס״ אויף חתונות זענען נישטאָ. קדיש־זאָגערס איז אויך דאָ ווייניק, זיי מוזן דאָך נישט אַלע קומען פּערזענלעך. זיי האָבן זיך זייערע געדונגענע פֿאַרטרעטער, וואָס זענען יוצא מיט איין קדיש פֿאַר עטלעכע ניעבאָשטשיקס (געשטאָרבענע) מיט איין מאָל.

ביי דער טיר פֿון דער סינאַגאָגע שטייען דריי שמשים, אָנגעטאָן ווי גלחים. זיי בייגן די קעפּ מיט די פּירקאַנטיקע קאַפּעלעך פֿאַר די געסט אין צילינדערס און עפֿענען פֿאַר זיי ברייט די טירן. ווען ס׳באַוויזט זיך אָבער אַ ייִד מיט אַ באָרד, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגע חסידישע קאַפּאָטע, אַהער־געקומען שוין נאָכן דאַוונען ביי זיך אין שטיבל, הערן קוסעוויצקין אָדער סיראָטען, פֿאַרשווינדט דער פֿריינדלעכער פֿאַרבעט־שמייכל פֿון די שמשים־פּנימער. נישטאָ קיין אַריינגאַנג. חסידישע עקשנים שטייען אָבער נישט אָפּ, דרייען זיך ׳לעבן דער שול אַהין און צוריק, ווי זיי וואָלטן דאָ געגאַנגען שפּאַצירן און האָבן גאָרנישט בדעה אַריינצוגיין אינעווייניק... דער שמש האָט זיך אָוועקגעדרייט אויף אַ מינוט, גיבן זיי זיך שנעל אַ שאַר־צו, אַ כאַפּ־אַרויף אויף די שטיגן און שוין איז מען אין שול. אַריינקומענדיק אין סי־נאַגאָגע, קוקן זיי זיך אום מיט צעטומלט־צעשראָקענע אויגן. עפּעס פֿינקלט אַלץ און גלאַנצט. ס׳שיינען און העלן הונדערטער עלעקטרישע ליכט־לאָמפּן, צו וועלכע זיי זענען נישט געוווינט. ס׳קלינגען ווי גלעקעלעך שטימעלעך פֿון יונגע ייִנגלעך: אַלטלעך און סאָפּראַנדלעך, ס׳רוישן, ווי שווערע גלאָקן

די באַסן און טענאָרן. ס׳טראָגט זיך, ווי זיסע אָרגל־טענער דאָס געזאַנג פון כאָר. ס׳הערט זיך אַ טרעלן פון חזן ביים ראש־חודש־בענטשן, אָדער סתם שבתדיקע תפילה. עס פאַררוישט די שיינקייט, וואָס ציט צו דאָס אויג און דאָס אויער, און ס׳שרעקט די פרעמדקייט: ס׳איז שיין, אָבער נישט יידיש. זיי וואַרפן אַ בליק אויף די מתפללים, עפּעס טראָגן זיי אויפן האַלדז שאַליק־לעך אַנשטאָט טליתים.

— נאָך גוט — טראַכט זיך דער חסידישער ייִד — וואָס ער האָט אָפּגעדאַוונט פרי׳ער ביי זיך אין שול, צי וואָלט ער דען אויך געקאָנט זיך איינהילן און מאַכן אַ ברכה איבער אַ ווייס שטיקל זייד, ווו דינינקע זיידענע ציצית זענען אַן אָנצוהערעניש אויף אַ טלית און וואָס איז עס בכלל פאַר אַ דאַווענען — פאַרשטייט ער נישט — צו שטיין אַזוי שטייף אָן אַ ברע־קעלע התלהבות? אפשר האָבן זיי אויך, אַזוי ווי ער, געדאַוונט ביים ערשטן מנין אין אַן אמתער שול און געקומען אַהער נאָר הערן דעם חזן און כאָר?

ער טוט אַ קוק אויף דער מזרח־וואַנט, אויפן בעלעמער, ווו עס שטייט דער חזן און דער ראַבין; ווו עס זיצן די גבאים — אַ געמיש פון צילינ־דרעס און גלחישע קליידער. עפּעס פאָרעט מען זיך דאָרט מיט דער תורה. מען לייענט די סדרה פּונקט, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שולן, אָבער אַלץ אַזוי פרעמד און קאַלט.

„אויך מיר יידן" — טראַכט ער מיט ביטול ביים פאַרלאָזן די סי־נאַגאָגע און גיט אָפּ אַ שבח דעם בורא, וואָס האָט אים געפירט אין ריכ־טיקן וועג — געמאַכט אים פאַר אַ ייִד אַ חסיד.

חיים שאַכער ווערט גבאי

אַז שלמה יצחק, דער גבאי פונעם חסידישן שטיבל, הייסט לימאַן, ווייסן נאָר גויים. אין די מלוכישע מעלדונגס־ביכער און אויפן ווייסן בילעט, וואָס ער האָט געקריגן, ווען ער איז געשטאַנען צו די זעלנער, שטייט גע־שריבן, אַז שלמה יצחק לימאַן איז דער זון פון דוד און חנה לימאַן. ביי ייִדן אָבער הייסט ער, ר׳ שלמה יצחק מלאך.

דער נאָמען שטאַמט נישט פון אים, דאָס האָט ער אים איבערגענומען פון טאַטן ר׳ דודל מלאך. און ר׳ דודל אַליין האָט אים אויך איבערגענו־מען פון טאַטן, ר׳ שלמה יצחק, נאָך וועלכן דער הייניטיקער גבאי הייסט.

די גאַנצע משפחה איז געקרוינט מיט דעם דאָזיקן נאָמען. אויך שלמה יצחקס קינדער. די גמרא־בחורים, די חומש־ייִנגלעך און די דרדקי־תלמי־דים, אפרימל׳, כאַסקעלע, ברוכל. אַפילו דאָס ניי־געבוירענע קינד, וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען, הייסט אויך „מלאכל״.

פון זיינע עלטערן האָט שלמה יצחק איבערגענומען נישט נאָר דעם נאָמען, נאָר אויך דאָס גבאות. ס׳איז צו אים איבערגעגאַנגען בחזקה. געבויט דאָס שטיבל און געווען איר ערשטער גבאי, איז ר׳ שלמה יצחקס זיידע, נאָך וועמען ער הייסט, און געווען איז דאָס נאָך אין די צייטן פונעם „אַלטן״ זכותו יגון עלינו. פון יענער צייט זאָל עס אויך שטאַמען דער נאָמען „מלאך״, און יש טעם בדבר, ס׳איז דאָ אַ סיבה דערצו און וועגן דער דאָזיקער סיבה זענען פאַראַן חילוקי דעות צווישן די חסידים, די מתפללים פון דעם שטיבל. טייל חסידים האַלטן, אַז די סיבה איז אַ פשוטע און מעשה שהיה כך היה:

ווען ר׳ שלמה יצחק האָט באַשלאָסן בויען דאָס שטיבל, האָט ער גע־זוכט אַ פּלאַץ, ווו עס צו שטעלן און דאָס איז נישט געווען אַזוי פשוט אויס־

צוקלויבן, ווו עס איז דער ריכטיקער מקום. ווייל מען מוז געדענקען, אַז די צייטן זענען געווען אַ ביסל אַנדערע, ווי היינט. די שטאָט איז נאָך נישט געווען אַזוי אויסגעוואַקסן און מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, ווו אַנשי שלומינו וועלן זיך באַזעצן. זוכט אַזוי ר׳ שלמה יצחק אַ פּלאַץ און קאָן נישט באַ־שליסן. אין דעם האָט זיך צו אים באַוויזן אַ מלאך און אָנגעוויזן דאָס אָרט פאַרן מקום קדוש. אַלס זכר פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, זאָל אים דער „אַלטער״ זכותו יגן עלינו אַליין האָבן אָנגערופן „מלאך״.

אַנדערע האַלטן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. און דער נאָמען איז נישט „מלאך״, נאָר „מה לך״, ס׳הייסט, צי וואָס טויג עס דיר? און האָבן האָט דער נאָמען אַ גאָר טיפן זין: געווען איז עס, האַלטן זיי, נישט בחיו, ס׳הייסט נישט ביים לעבן פונעם „אַלטן״, נאָר תיכף נאָך זיין פּטירה, און געהאַט האָט עס צו טון מיט דער מחלוקת. און וויסן מוז מען, אַז כאָטש מ׳האָט זיך באַמיט, אַז די מחלוקת זאָל נישט אַרויס פון די חדרי חדרים, האָבן אַלע חסידים געוווּסט וועגן איר. ר׳ שלמה יצחק, זאָגט מען, האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו דער דאָזיקער מחלוקת. אַליין האָט ער זיך נישט באַטייליקט אין איר און ער זאָל אפילו האָבן געווען קעגן דער מחלוקת, אָבער זיין צד האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן: נאָר שלמה יצחק זאָל ווערן רבי און נישט ר׳ פינחסל, דעם אַלטנס ממלא מקומו.

ר׳ שלמה האָט אין אָנהויב אײַנגאַנצן נישט געוואָלט אײַנגיין דערויף, אָבער ווען חסידים זענען צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער זיך פאַרט אַ ביסל צוגעגייגט און געבעטן דריי טעג אויף ישוב הדעת.

דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך ר׳ שלמה יצחק געמאַטערט, געפאַסט תעניתים און תפילה געטון, מ׳זאָל אים פון אויבן ענטפערן און מגלה זיין, וואָס ער האָט צו טון. ס׳דערנענטערט זיך שוין די צייט, וואָס ער דאַרף געבן תשובה און פון אויבן האָט מען נאָך גאָרנישט אָנגעוויזן. כמעט אין דער לעצטער מינוט האָט פאַר זיינע אויגן אַ שוועב געטון אַ פייערדיקער זייל און אַ קול דממה דקה האָט אַ שעפּטשע געטון אין זיינע אויערן: שלמה יצחק מה לך?

שלמה יצחק האָט דערפילט, אַז ס׳איז גילוי שכינה, ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און געוואָלט אויפשטיין. ער האָט אָבער נישט מער באַוויזן, ווי אויסצורופן ברוך שם כבוד מלכותו, און איז אַוועקגעפאַלן.

ווען שלמה יצחק איז געקומען צו זיך, האָט ער צונויפגערופן די חסידים און זיי איבערגעגעבן, אַז דער „אַלטער" איז זיך מתרעם צוליב דער מחלוקת. ער וויל זאָלן זיין פּינחסלען אַלס ממלא מקומו.

די מחלוקת האָט גלייך אויפגעהערט און מ'האָט אויפגענומען ר' פּינחסלען אַלס רבין מיט גרויס כבוד. ביז היינט, גיבן צו חסידים — איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס אַ טייל פון עולם איז לכתחילה געווען קעגן אים. — אַ טייערער ייִד געווען, ר' פּינחסל.

ווער פון די צדדים ס'זאָל נישט גערעכט זיין, איז איין זאַך זיכער, אַז ר' שלמה יצחק, זכרונו לברכה, איז נישט געווען אַבי ווער. ווי ס'גיבן איבער חסידים, וואָס האָבן עס געהערט פון זייערע טאַטעס, איז ר' שלמה יצחק, זכרונו לברכה, בכלל געווען אויסגעקאָכט אין די עולמות העליונים, ער האָט זיך פאַרנומען מיט נסתר און אויסגעטנהט זיך מיט מלאכי־הקודש כדבר איש אל רעהו. ווען ער פלעגט אַראָפּלאָזן איבערן פּנים די שווערע זילבערנע עטרה פון טלית און אויסרופן: קדוש, קדוש, קדוש — איז אים פייער געפלויגן פון מויל און אַ ציטערניש פלעגט אַרומנעמען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין שטיבל. נישט אַלע מתפללים זענען געווען צופרידן פון זיינע התנהגות, צו הויך שוועבט ער — האָבן זיי געטענהט, מ'קאָן נישט כאַפּן דעם אָטעם. שוואַכערע זענען אָפּגעפאַלן און מיט ר' שלמה יצחקן זענען געבליבן די סאַמע „שאַרפסטע" חסידים.

נאָך ר' שלמה יצחקס פּטירה איז דאָס גבאות איבערגעגאַנגען צו זיין זון ר' דודל, און דער עולם האָט אַ ביסל אָפּגעעטעמט.

ר' דודל האָט מיט גאָרנישט געענדערט דעם סדר. ווי אַמאָל דער טאַטע זיינער, איז אויך ער געשטאַנען אין מזרח, געהילט אין אַ לאַנגן טלית, די עטרה אַראָפּגעלאָזט איבערן פּנים און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין ארון קודש. פּונקט ווי דער טאַטע האָט ער געצויגן דעם „אחד" און „למען תזכרו", געוואָלט זיך אָפּטון פון דער וועלט און מכוון זיין הויכע כוונות, ער האָט אַפילו געמאַכט די זעלבע תנועות און העוויות, ווי דער טאַטע, דער עולם האָט אָבער פאָרט געפילט, אַז ער דערגרייכט נישט צום טאַטנס מדרגה. דער פּחד וואָס איז אַמאָל געהאַנגען אין שטיבל האָט זיך אָפּגעטון. ס'איז צעבראָכן געוואָרן די מחיצה צווישן דעם גבאי און די מתפּללים. ס'איז קלענער געוואָרן דער מרחק צווישן אים און זיי. חסידים

האָבן אים נוהג כבוד געווען, זיי האָבן אים אָפּגעטרעטן דאָס אָרט. דער חזן האָט נישט אָנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה, איידער ר׳ דודל האָט געענדיקט די שטילע. עס איז אָבער פּאָרט שוין נישט געווען, ווי אַמאָל, ביי ר׳ שלמה יצחק ז״ל.

ס׳האָבן ווי דערפילט דעם שינוי אויך די ווענט פון שטיבל און אויסגעבריטערט זיך, אַריינגעצויגן נייע מתפללים. די טירן פון בית התפילה האָבן זיך געעפנט פאַר פּשוטע יידן, בעלי מלאכות און קרעמערס, אָנגעטוענע אין פּשוטע, געהאַקטע קאַפּאָטעס מיט טוכענע היטלען אויף די קעפּ. די נייע מתפללים האָבן זיך נישט געשטופּט חלילה, צו דער מזרח־וואַנט. זיי האָבן געקענט זייער ווערט. זיי זענען נישט אַריין אין צווייטן חדר, וווּ ס׳האָבן געדאַוונט די חסידים און וווּ ס׳איז געשטאַנען דער ארון קודש מיטן עמוד. זיי האָבן זיך נישט געמישט אין די ענינים פונעם שטיבל, נישט געהאַט קיין טענות, וואָס זיי קריגן נישט קיין „עליות" און אַפילו נישט מיטגעגאַנגען מיטן עולם שבת אויף קידוש.

— וואָס זענען זיי דען, מ׳שטיינס געזאָגט, פּשוטע גוט־שבתן, זיי זע־נען נישט קיין חסידים, זיי ווילן נאָר דאַווענען צווישן פרומע יידן, אפשר וועט זיי אויך עפּעס צופאַלן פון דער שכר, וואָס דער רבונו של עולם האָט צוגעגרייט פאַר זיינע גוטע און פרומע קינדער. זיי זענען אַפילו באַשטאַ־נען אויף די צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פונעם קליינוואַרג, די חסידישע יינגעלעך מיט די געקרייזלטע פּיאהלעך, וואָס האָבן ליב געהאַט אַריינצוכאַפּן זיך אין ערשטן חדר בעתן קדיש יתום און צוצוהערן זיך, ווי בעלי־מלאכות קרעקן זיך מיט די שווערע „תתקבל צלותהון"־ווערטער, און געחוזקט פון זיי בפני עם ועדה.

***

ר׳ שלמה יצחק האָט איבערגענומען דאָס גבאות נאָך ביים טאַטנס לעבן. ר׳ דודל האָט עס אים אַליין איבערגעגעבן און קהל האָט מסכים געווען, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַלטן פון אים און געמורמלט, אַז ער גייט נישט אין די דרכים פון זיינע עלטערן. ס׳האָט נישט געהאָלפן אַפילו דאָס, וואָס שלמה יצחק איז אָפּט געפאָרן צום רבין און האָט זיך געמיט נאָכצו־מאַכן אין אַלעם וואָס עס האָט געטון דער טאַטע זיינער. חסידים, מקורבים

האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזט דאָס שטיבל און זייער אָרט האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען דער פּראָסטערער עולם. ס׳זענען צוגעקומען פרישע בעלי־מלאכות און רייכערע פון זיי האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן צו דער טיר פון ערשטן חדר. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אַפילו אויסקויפן עליות און געוואָרן אויפגערופן צו אַ ששי און אַ מפטיר. האָט זיך שוין אַן עם־הארצישער אײַך־קוצצדיקער ויצמח פורקניה אַרײַנגעקראָגן דורך דער טיר פון ערשטן חדר און געררוקט זיך נענטער צום ארון קודש.

חסידים האָבן געהאַט טענות צו ר׳ שלמה יצחקן. אָבער צונעמען ביי אים דאָס גבאות האָט מען נישט געטראַכט, ער איז דאָך עפּעס ר׳ דודלס זון און האָט דאָ אין שטיבל אַ חזקה. וואָלט אַלץ געגאַנגען כשורה, ווען נישט אַ מכשול. און אפשר... זאָגן טייל, — איז עס גאָרנישט געווען קיין מכשול, נאָר אַן אָנגעצייכנטע זאַך פון הימל:

...געשען איז עס שמחת־תורה.

די חסידים האָבן שוין היינט עטלעכע מאָל קידוש געמאַכט און זענען זיך צונויפגעקומען ביים גביר ר׳ אהרן בצלאל גאָר בגילופין. בראש פון דער עדה איז געגאַנגען ר׳ דודל, נאָך אים ר׳ שלמה יצחק מיט אַלע קינ־דערלעך, נאָך זיי — די אָנגעזעענע חסידים, און צום סוף „די פּראָסטע״ יידן. — כמנהג העולם.

ר׳ אהרן בצלאלס שמחת־תורהדיקער קידוש האָט געהאַט אַ שם פון אַלע יאָרן, נאָר דאָס יאָר איז ער געווען לעילא ולעילא:

ר׳ אהרן בצלאלס טאָכטער איז דאָס יאָר אַ כלה געוואָרן און צום קידוש זענען פאַרבעטן געווען די מחותנים.

די טישן ביי ר׳ אהרן בצלאל זענען געדעקט מיט כל טוב. זילבערס בראָנפן „פייסעכוווקע״ מיטן ריח, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט ערב דעם לעצטן פסח. אמתער 96ער ספּירט פאַר עלטערע „שאַרפע״ חסידים, געשטעלטער בראָנפן אין פאַרשידענע קאָלירן, אָנגעבראָקט מיט פּאָמעראַנצן און ציטרי־נען־שאָלן פאַר יידן־חלושים, אַ גאָנשער ווישניק, געמישט מיט ווײַנפּער־לעך־סאָק, וואָס שטייט שוין פון עטלעכע יאָר, צוויי סאָרטן לעקעכער, אַ געל־פּולכיקער און אַ ברוין־האָניקדיקער, אייער־מצהלעך, קיכעלעך און אַנדערע געבעקסן, צו וועלכע מ׳דאַרף זיך נישט וואַשן. דאָס אַלץ שטייט אויפן טיש און בעט זיך אַ חסידישע ברכה... פאַרשידענע הערינג, געזאַל־

צענע און מאַרינירטע אויף זיס און זויער, פיש מיט געגליווערטע פיש־יויך, וואָס ציטערט אויפן פּאַלמיס. ס׳חנדלען זיך רויטע קעלבערנע צינג־לעך, ס׳ווינקען כלערליי פּירות, — לאָזן זיך חסידים לאַנג נישט בעטן, פאַרזוכן פון די משקאות און פאַרבייסן מיט די געשמאַקע מאכלים. די שמחת־תורהדיקע יום־טובדיקייט און דער גוטער טעם פון די כיבודים צעוואַרעמען די גלידער און חסידים לאָזן זיך אין אַ ריקוד.

דער קליינער ברוכל האָט שוין פאַרשאַרצט די זיידענע קאַפּאָטע, פאַר־שטעקט די פּאָלעס אונטערן גאַרטל און אַוועק אַ „קאָזאַצקע". אברהם לאָזט זיך הערן מיט זיין קול־נגינה. שוין צום צענטן מאָל חזרט ער איבער און דער עולם האַלט אים אונטער:

— נישטאָ קאַזאַ גאָט, ווי אונדזער גאָט, אין כאלהינו.

חיים זרח טרינקט פון אַ פלעשל און זינגט מיט אַ הייזעריק, כמעט שוין פאַרשיכורט קול:

אוי, ווי קען מען לעבן
אָן אַ טרונק צו געבן,
אוי, ווי קאָן מען זאָגן
אָן אַ גלעזעלע וואַן...

ר׳ שמואל הערש, וואָס קאָן קיינמאָל קיין צוויי נישט ציילן האָט אויס־געפונען אין קיך אַ געקאַכטע הון, וואָס איז אָנגעגרייט צום יום־טובדיקן מיטאָג און טיילט זיך מיטן זאַק־רויב. וואָלף שלעפּט אַ פיסל פון דער הון אונשטופּנדיק עס אין מויל אַריין, רופט ער מיט אַ הייזעריקן קול:

— הערט, רבותי, דאָס פיסל איז קליגער פון אייך אַלע, ס׳וויים בפירוש ווו ס׳האָט צו גיין.

***

ר׳ שלמה יצחק האָט געטרונקען מער פון אַלע. ער זיצט אין אַ ווינקל און טענהט עפּעס צו זיך אַליין. פּלוצים טוט ער אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס מיט אַ וויינענדיקער שטים, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט אַ טרויעריק געשעעניש.

— יידן — רופט ער אויס און טרערן קאַפּען אים פון די אויגן — היינט איז שמחת תורה, — אָבער באַלד גייט ער איבער אין אַ פריילעכן

טאָן און נעמט שרייען: „תנו כבוד לתורה". שלמה יצחק צעזינגגט זיך, אונ־טערטאַנצנדיק אבל אלוהינו שבשמים, אָבער אונדזער גאָט אין הימל, וואָס ער וויל טוט ער און וועמען ער וויל גיט ער, וואָס ער וויל טיט ער און וועמען ער וויל גיט ער. אָפּגעזונגען, טוט ער ווייטער אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס מעשה גיבור:

— רבותי, מהוים והלאה טרעט איך אָפּ דאָס גבאות צו חיים שאַכער.

די צונג נעמט זיך ביי אים פּלאָנטערן און ער פאַרענדיקט מיט אַ שוואַך און צעצויגן קול:

— און... וואָאָאָס ער וויל טוט... ער... און ווע־מם־ענן ער... ווווויל גיט... ער...

***

חיים שאַכער איז אַ פּראָסטער ייִד, אַן אָרעמער הויף־גייער. ער האַנ־דלט מיט אַלטוואַרג און פאַרדינט קוים אויף חיונה. פאַרן אַרויסגיין אויף די הייף האַנדלען, קומט ער יעדן פרימאָרגן אין שטיבל אַריין אָפּגעבן דעם רבונו של עולם זיין חוב. מ'וואָלט חיים שאַכערן אין שטיבל נישט באַמערקט און דער גבאי וואָלט זיין נאָמען נישט געקענט, ווייל שטענדיק שטייט ער ביי דער טיר צוזאַמען מיטן פּראָסטן פאָלק. צו דער תורה איז ער נישט עולה, קיין בעבור שנדר הערט מען פון אים נישט און קיין דעה אין קהלשע זאַכן זאָגט ער אויך נישט. באַקאַנט איז חיים שאַכער געוואָרן אין שטיבל צוליב זיינע צווי פאַרזעסענע טעכטער, גרויסע, צעוואַקסענע מיידלעך, וואָס זענען שוין לאַנג ראוי לחופה. דער טאַטע האָט פאַר זיי נישט קיין נדן, זיצן זיי שוין אין „גראָען צאָפּ" און וואַרטן אויף חתנים. איין מאָל, אין אַ שבת מברכים האָבן זיך די טעכטער אַ לאָז געטון אין שטיבל אַריין, צוגע־ריסן זיך צום שולחן, אויף וועלכן ס'איז געלעגן די ספר תורה.

— מיר וועלן נישט לאָזן לייענען, — האָבן זיי געשריגן — ביז איר וועט נישט פּועלן ביים רבין, וואָס קען אַלץ מאַכן, ער זאָל פאַר אונדז זיך מיִען. — מיר ווילן חתנים — האָבן זיי זיך צעוויינט אויפן קול.

חיים שאַכער האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן אים נישט מבייש זיין און זיי זאָלן אַרויס פון שטיבל, אָבער די טעכטער האָבן אים נישט געוואָלט הערן.

— מיר ווייסן, — האָבן זיי געיאָמערט — אַז ס׳וועגדט זיך נאָר אין רבינס אַ וואָרט. ווען „ער" זאָל וועלן, קאָנען מיר נאָך היינט חתונה האָבן.

אין שטיבל איז אַ מהומה, די חסידים הייסן אַרויסטרייבן די נשים, צעהיצטע יונגעלייט זענען שוין גרייט אויסצופירן דעם באַפעל, אָבער די מיידלעך לאָזן זיך נישט. ס׳מישט זיך אַריין ר׳ עוזר בעל־רחמים, וואָס געפינט שטענדיק אויף יעדן אַ זכות.

— יידן, זיי זענען גערעכט — ווענדט ער זיך צום עולם — אמת, מ׳טאָר נישט זיין קיין תובעת בפה, אַז יידישע טעכטער ווילן פירן אַ כשר יידיש לעבן על טהרת המשפחה, דאַרף מען זיי העלפן. — גייט, נשים — זאָגט ער צו די מיידלעך מיט אַ תחנונימדיק קול — איך וועל אייך מזכיר זיין פאַרן רבין און איר וועט אי״ה קריגן אייערע זיוווגים.

פון דעמאָלט אָן איז חיים שאַכער באַקאַנט אין שטיבל, אָבער פון דעמאָלט אָן איז ער ביי זיך נאָך מער געפאַלן. ווען ער קומט דאַווענען, שטייט ער ביי דער טיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דעם טלית איבער־געדעקט איבערן פנים. ער רעדט נישט אויס צו קיינעם קיין וואָרט און נישט זאָגנדיק אַפילו „אַ גוטן טאָג" שאַרט ער זיך נאָך דאַווענען אַרויס דער ערשטער פון שטיבל.

שמחת תורה, ווען אַלע מתפללים זענען בגילופין געגאַנגען פון איין קידוש צום צווייטן, האָט חיים שאַכער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אַהיימ־צוגיין און צוזאַמען מיט אַלע איז ער אויך געקומען צו ר׳ אהרן בצלאל. אַזוי ווי אַלע, האָט ער אויך „פאַרזוכט" פון די פאַרשידענע משקאות און איז געווען שטאַרק בגילופין. ער איז דערפאַר נישט געווען זיכער, צי ער האָט גוט געהערט שלמה יצחקס ווערטער, אַז ער טרעט אים אָפּ דאָס גבאות. יונגע חסידים, היצקעפּ, איז דער ענין גאָר שטאַרק געפעלן, זיי האָבן אים דעריבער נישט געלאָזט לאַנג אַריינטראַכטן. זיי האָבן אים אַ נעם געטון אונטער די הענט און אַוועקגעזעצט אים אויבנאָן. עלטערע חסידים, וואָס וואָלטן אַ צווייט מאָל נישט דערלאָזט צו אַזעלכע שטיפע־רייען, האָבן דאָס מאָל, לכבוד שמחת תורה, מיטגעהאַלטן מיטן יונגוואַרג און ווען איינער פון דער חברה האָט אויסגעשריגן, מ׳זאָל חיים שאַכער

געבן תקיעת כף, האָבן זיך גענומען צ׳ען הענט נישט נאָר פון יונגוואַרג, נאָר אויך פון בכבודיקע עלטערע חסידים.

אַ מזל־טוב האָט זיך דערהערט פון גאַנצן עולם און העכער פון אַלע האָט געשריגן שלמה יצחק אַליין. ווי ער וואָלט געפירט מלחמה מיט וועמען און נישט געוואָלט יענעם בשום אופן נאָכגעבן, האָט עס כסדר גערופן:

— אין... וואָס... ער... וויל... טוט ער... און... ווּעמען... ער::: וויל::: גיט... עער...

צו שפּעט האָט זיך ר׳ דודל, וואָס איז געווען ניכטערער פון אַלע, געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער בחינם האָט ער אין מיטן פון דער ברכה אחרונה גערופן:

— נו, אַ, בזיון...

קיינער האָט אים נישט געהערט. און ווער ס׳האָט יאָ עפּעס געהערט, האָט מיט גאָרנישט געענטפערט, נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ס׳איז דאָ דער בזיון...

**
*

אַהיימקומענדיק צו זיך אין קעלער־שטוב, מיט אַ נישט־קלאָרן קאָפּ פון די היינטיקע קידושים, האָט חיים שאַכער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע און אויסגעצויגן זיך אויפן אייזערנעם בעטל, אונטער וועלכן עס זענען אָנשטאָט פיס, געווען אונטערגעשטעלט אַלטע, אייזערנע טעפּ.

חיים שאַכער האָט געדענקט, אַז עפּעס איז מיט אים היינט פאָרגעקומען. מ׳האָט אים געפירט אונטער די אָרעמס, גענומען ביי אים די האַנט תקיעת־כף, מ׳האָט אים אָפּגעגעבן מזל־טוב, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערמאָנען, פאַרוואָס דאָס אַלץ איז געשען. זאָל מען דאָס האָבן מיט אים אַ שידוך געשלאָסן? טאָ וועלכע פון די צוויי טעכטער איז עס די כלה? און ווער איז דער חתן? עפּעס דערמאָנט ער זיך, ווי דורך אַ נעפּל, אַז שלמה יצחק מלאך האָט געשריגן, ר׳ דודל האָט גערופן „בזיון״, ...ווּעמען האָט מען דאָס מבזה געווען? אפשר אים? טאָ ווער האָט דאָס געטון? שלמה יצחק מלאך?...

פאַר חיים שאַכערס אויגן נעמען שוועבן מלאכים מיט בערד, מיט

פּיאות, מיט קעלבערנע פיס, מיט פליגל. באַלד פאַרשווינדן די בערד פון די מלאכים און די פּנימער זעען אים אויס באַקאַנט. דאָס זענען די פּנימער פון זיינע צוויי טעכטער. חיים שאַכער צעלאַכט זיך, זיינע טעכטער, מלאכים מיט פליגל? באַלד ווערן פון די פליגל הענט און די דאָזיקע הענט רייסן זיך צו אים, דראָען אים און פלעכטן זיך איין אין זיין באָרד. די מלאכים באַפאַלן אים און שרייען:

— שיכור, גיב אונדז חתנים.

חיים שאַכער באַגיסט זיך מיט שוויס, ער וויל שרייען, רעדן, בעטן זיך, אָבער ער קאָן נישט. עס איז ביי אים אָפּגענומען דאָס לשון, ער קרעכצט קוים אַרויס איינצלנע, אָפּגעריסענע ווערטער:

— לאָזט אָפּ, איר זענט שוין כלות. — כ׳האָב היינט געגעבן תקיעת־כף און מ׳האָט מיר געווונטשן מזל־טוב.

חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ליגט נאָך מיט אויפגע־ריסענע אויגן, ווי אין אַ קאָשמאַר. ער איז נאָך נישט געקומען צו זיך, ווי די טיר פון זיין קעלער־שטוב האָט זיך האַסטיק אויפגעריסן און ס׳האָבן זיך אַריינגעלאָזט פּראָסטע יידן: שניידערס, שוסטערס, — מתפללים פון שטיבל, וואָס שטייען מיט אים צוזאַמען ביי דער טיר.

— צי וואָס זענען זיי געקומען? — רייבט זיך חיים די אויגן — און אפשר חלומט ער גאָר? ער פּרוווט זיך אַ קניפּ טון אין פּנים, ער פּרוווט זיך אויפזעצן, ער שלאָפט נישט, איז וואָס ווילן זיי דאָ, די יידן? יעדער פון זיי האָט עפּעס געברענגט. עטלעכע יידן שלעפּן אַ פעסעלע ביר, טייל טראָגן ברויט, ווער עס האָט געברענגט הערינג, ווער אַ פלעשל יי״ש. די שטוב ווערט פול מיט כל טוב.

— מזל־טוב — רופן אויס די געקומענע אין איין קול.

— איר זאָלט זוכה זיין...

— ס׳זאָל זיין...

— מיר זאָלן האָבן...

אַ צערודערטער קנייטשט חיים שאַכער מיטן שטערן און קוועטשט מיט די אויגן.

וואָס קומט דאָ פאָר? — קאָן ער נישט פאַרשטיין — וואָס רופט מען שוין ווייטער מזל־טוב? —

די ייִדן געבן זיך אַ לאָז צום בעטל, יעדער פון זיי דערלאַנגט אים די האַנט און רופט מיט שמחה:

— מזל טוב, גבאי.

גבאי? פאַר חיים שאַכער הויבן אָן אויפטויכן בילדער פונעם היינ־טיקן טאָג, עפּעס דערמאָנט ער זיך, איין קידוש, אַ צווייטן. ר׳אהרן בצלאלס שטוב, אַלע טרינקען און ער בתוכם, אַלע טאַנצן און ער אויך. שלמה יצחק שרייט, אַז ער גיט אים איבער דאָס גבאות, אַלע גיבן אים תקיעת־כף און אַלע ווינטשן אים מזל טוב...

איז עס, הייסט עס, ריכטיק, אַז ער איז געוואָרן גבאי און זיינע חברים זענען געקומען אים אָפּגעבן מזל טוב? ער וויל זיי ענטפערן, אָבער ער קאָן דאָס מויל נישט עפענען. ס׳פּלאָנטערט זיך ביי אים די צונג און ס׳קומט נישט מער אַרויס, ווי:

— מיר זאָלן זוכה זיין... ס׳זאָל זיין... און גאַנץ קהל בתוכם...

חיים דערלאַנגט גלעזלעך און איז שוין גרייט אויסצוטרינקען זיין כוס, אָבער באַלד באַוויזן זיך זיינע צוויי פאַרזעסענע טעכטער. חיים שאַכער דערמאָנט זיך אין זיין חלום מיט די מלאכים און פליגל־הענט, וואָס האָבן זיך צו אים געריסן און געפּאָדערט חתנים. טרערן לאָזן זיך אים פון די אויגן און די צונג בינדט זיך אים פונאַנדער.

— ייִדן, — בעט ער — ווינטשט מיר זיווגים פאַר מיינע טעכטער, אַז גאָט וויל, קאָן ער דאָך אַלץ מאַכן. ייִדן, וועט דאָס זיין דער אמתער מזל טוב.

**
*

פון שמחת תורה אָן איז חיים שאַכער גבאי פון שטיבל. ס׳האָבן נישט געהאָלפן ר׳ דודלס און ר׳ שלמה יצחקס השתדלנותן ביים רבין מבטל צו מאַכן דעם תקיעת־כף.

חיים שאַכער האָט זיך געענדערט. אויסגעגלייכט איז געוואָרן זיין איינ־געבויגענע פּלייצע, די באָרד איז אים ווי ברייטער און לענגער געוואָרן, די פּראָסטע מתפללים שעפּן נחת — אַ הדרת־פּנים געוואָרן.

ווי אַ זקן ורגיל שטייט ער, שבת, אויפן באַלעמער און רופט:

— איין גילדן מפטיר, צוויי גילדן ששי, ווי אַמאָל ר׳ שלמה יצחק

מלאך זינגט ער אויס דעם בעבור שנדר על קוילן לשטיבל און טיילט אויס די עליות די מתפללים. ס׳האָט זיך אויך געענדערט אין שטיבל. פון צייט צו צייט טשלאָפּטשען אַ פּאָר פּראָסטע טרעגער־ אָדער שוסטער־פּיס צום שולחן, עולה לתורה צו זיין.

דאָס האָט גאָט אַליין אַזוי געוואָלט, — שעפּטשעט דער פּראָסטער עולם. — דאָס האָט ער אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ ר׳ שלמה יצחקן אַ שמחת תורה, מען האָט זיך אין הימל פאַר אונדז אָנגענומען.

...ווען ביי ר׳ חיימען אין קעלער־שטוב האָבן זיך אין יענעם יאָר אָנגעהויבן באַווייזן שדכנים און ס׳האָבן זיך באַוויזן זיווגים פאַר זיינע טעכטער, האָט שוין אויך נישט איין חסיד אַ קלער געטון:

און אפשר איז עס טאַקע מן השמים.

ר׳ איטשע־מאיר מאַכט אַ ברית

ביי ר׳ איטשע מאירן, דעם רייכן גערער חסיד, איז היינט אַ ברית.
אויף דער שמחה איז זיך צונויפגעפאָרן די גאַנצע משפחה קיין עין הרע. פון קאָצק איז געקומען איין מחותן מיט זיין גאַנץ בני בית; פון וואַרקע אַ צווייטער מחותן מיטן גאַנצן בני בית; די פעטערס פון שעדלעץ מיט די ווייבער, קינדער, איידעמס און שנירן,; די פעטערס פון קוטנע מיטן גאַנצן געזינדל קיין עין הרע; די ברידער און שוועסטער מיט די משפחות, שוועסטער־קינדער, קרובים און פריינט פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, און היינט דאַרף קומען ער זאָל לעבן, דער רבי אַליין.
שוין אַכט טעג, ווי ר׳ איטשע מאיר האָט אויפגעהערט זיין בעל־הבית ביי זיך אין שטוב. די געסט האָבן פאַרנומען אַלע זיבן צימערן פון זיין דירה און איבערגעלאָזט פאַר אים דאָס בלויזע אַלקערל. אין ווייבערישן חדר, ווי ס׳ליגט די קימפעטאָרין, זאַמלען זיך די פרויען — פרומע, כשרע ווייבער, געטונקענע אין יחוס. ייִדענעס אין הייבלעך, קופקעס און קאָפּטיכלעך, וואָס זיי טראָגן צניעותדיק אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגן, בייגן זיך איבער דער יולדת און שעפּטשען תפילות און אָפּשפּרעכענישן, ס׳זאָלן נישט האָבן קיין שליטה די שדים און בייזע רוחות, וואָס לויערן אַזוי איבער די קעפּ פון געווינערינס.
— אמן ואמן, אַז די דריי מלאכים, סני, סנסני און סנסנגלוף זאָלן אָפּהיטן די קימפעטאָרין פון ליליתן און פון דער מלכא שבא, וואָס ווילן קומען דערשטיקן דאָס שוואַכע עופעלע.
אַממערסטן דרייט זיך אַרום דער קימפעטאָרין די עלטער־מומע תמרל, וואָס פאָרט אַלע יאָר קיין דייטשלאַנד אין די בעדער. זי האָט פון דאָרט

געבערענגגט נישט בלויז אַ היילונג פאַר אירע גלידער, נאָר אויך אַ תפילה פאַר אַ יולדת, וואָס מ׳קאָן אויספּאָרן גאַנץ פוילן און אַזעלכע נישט הערן. תמרל שפּייט אויס פיר מאָל, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער זייט, און צעזיגנט זיך מיט אַ תחינה־טאָן:

אין גאָטס נאָמען וועל איך די מוטער מיט דעם קינד בעגראַסן,
מיט דעם כוח שם שלש וועל איך דעם שטן און לילית צערייסן,
מיט די שמות, די דאָ אויסגיין אויס דעם פּסוק „שמע ישראל״,
רוף איך אָן די פיר מלאכים — מיכאל, אוריאל, רפאל, גבריאל.

ביי די מענער האָבן זיך צונויפגענומען רבנים, מרא דאתראס פון קהילות קדושות, מגידים און דרשנים. ס׳זענען אָנגעקומען מחברים פון ספרים און קונטרסים. „עוקרי הרים״ און „מפוצצי סלעים״, בעלי ויכוח און מפרשים. ביי ר׳ איטשע מאירן אויפן ברית וועלן נישט פעלן קיין לומדים און ס׳וועט זיין מיט וועמען זיך צו שפּאַרן. ס׳זענען געקומען יונגעלייט, וואָס גרייטן זיך אויף סמיכה: אפשר וועט מען זיך קאָנען לאָזן פאַרהערן פון אַ גדול. ס׳שאַרן זיך „איידעמס״, וואָס עסן קעסט און וואַרטן אויף אַ רבנות. ס׳באַווייזן זיך ייִדן גבירים, טאַטעס פון ראוי לחופּהדיקע טעכטער: ס׳וועלן זיך צונויפקומען אויפן ברית אַזוי פיל שיינע ייִדן קיין עין הרע, טאַטעס, זיידעס און קרובים פון עילוישע בחורים. זיי זענען גרייט צו געבן גרויסע נדנים און אייביקע קעסט, אַבי צו קריגן „די אמתע כלי״.

קיין הוצאות פאַרן ברית האָט ר׳ איטשע מאיר נישט געקאַרגט. אַז ג־ט — בפירוש אַ גימל מיט אַ טית — זאָגט ר׳ איטשע מאיר, כדי נישט אַרויס־צוזאָגן קיין שם אַפילו אויף ייִדיש — האָט אים געהאָלפן אויף דער עלטער מיט אַ בן זכר, איז... „מנע״. ר׳ איטשע מאיר פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ, ווייל ביי יעדער געלעגנהייט — אַפילו ביי אַ שמחה, דאַרף אַ ייִד געדענקען, אַז שכינתא בגלותא.

אין קיין עצבות טאָר מען אָבער אויך נישט אַריינפאַלן. דרייט זיך ר׳ איטשע מאיר אַרום אין אַלקער אין דער זיידענער זשופּעצע און סאַמעטע־נער יאַרמלקע מיט אַ ציגאַר אין מויל און באַמקעט זיך אונטער אַ ניגון. דאָס געשעפט האָט ר׳ איטשע מאיר היינט נישט געעפנט. ג־ט וועט

אים ממלא זיין דעם חסרון אַ צווייטן טאָג. ר׳ איטשע מאיר האָט בטחון. דער וואָס לעבט אייביק פירט אים שטענדיק אין ריכטיקן וועג.

ער איז ממלא דעם חסרון יעדע וואָך, ווען ער שליסט דאָס געשעפט פרייטיק, 12 בייטאָג און עפנט עס ערשט מאָנטיק. ער העלפט אים פאַר די אַלע טעג, וואָס ער מאַכט נישט קיין געשעפטן און פאָרט אַוועק צום רבין.

און צוריקגעשמועסט — פאַרגנבעט זיך ביי ר׳ איטשע מאירן אַ מחשבה — פאַרוואָס זאָל ער אים נישט העלפן? ווו וואָלט ער נאָך געקאָנט אַזוי לאָקירן זיין קאַפּיטאַל, ווי ביי אים, ביי ר׳ איטשע מאירן? קודם כל האָט ער צו זיינע אַלע געשעפטן צוגענומען דעם רבין פאַר אַ שותף. אויפן שילד שטייט טאַקע נישט דעם רבינס נאָמען, אין די ביכער אויך נישט, אָבער יעדעס יאָר, ווען דער בוכהאַלטער שטעלט אים צו דעם בילאַנס, גיט ער קודם־כל אַ קוק אויף דער אונטערשטער שורה, דאָרט ווו עס איז אונטערגעשטראָכן מיט רויט דער ריווח פאַרן יאָר און איז מקציב דעם רבין זיין טייל. אַוועקגעשיקט דעם רבין דאָס זייניקע, טיילט ער אָפּ אַ פדיון, פאַרן מרא דאתרא פון איין קהילה, פון אַ צווייטער — פאַר די רבנים, וואָס האָבן אַמאָל צוזאַמען מיט אים געלערנט אין ישיבה און ער טרעפט זיך מיט זיי ביי „אים זאָל לעבן". ער גיט אַ נדבה פאַר דער ישיבה „תורת חיים", פאַר קופּה של צדקה, פאַר מתן־בסתר, חוץ וואָס ער צעטיילט אַ גאַנץ יאָר און עס גייט אויפן חשבון פון „הוצאות הבית". ווען ער האָט שוין אָפּגעטיילט דעם מעשר, שיקט ער נאָך ר׳ עוזרן, דעם מעקלער פון הייזער און הייסט אים געפינען „עפּעס רעכטס".

ר׳ עוזר איז אַ בקי אין הייזער, און דערצו נאָך אַן אָרנטלעכער ייִד. ער קוקט נישט בלויז אויף זיין ריווח און ער וועט, חלילה, נישט אַריינפירן אַ ייִד אין אַ בלאָטע. פון די אַלע זעקס מאָל, וואָס ר׳ עוזר האָט געברענגט „עפּעס גוטס", איז ר׳ איטשע מאיר שטאַרק צופרידן. דער עיקר, וואָס אין אַלע זיינע הייזער וווינען בלויז אָרנטלעכע מענטשן. זיי צאָלן רעגולער דאָס דירה־געלט און קיין איין מאָל האָט נאָך ר׳ איטשע מאיר נישט געדאַרפט צוזען דעם צער ווי מען וואַרפט, חלילה, אַרויס אַ ייִדן פון זיין הויז.

מיט קינדער האָט אים דער רבונו של עולם אויך געלייטזעליקט און

טאַקע בנים זכרים. ווי זאָגט די גמרא: די וועלט דאַרף מענער און פרויען, אָבער ווייל איז דעם, וואָס זיינע קינדער זענען זכרים און ווי צו דעם, וואָס זיינע קינדער זענען נקבות.

ר׳ איטשע מאיר איז צופרידן פונעם רבונו של עולם און באַמת זיך, אַז דער רבונו של עולם זאָל פון אים אויך זיין צופרידן. ר׳ איטשע מאיר דערמאָנט זיך, אָבער, אַז איצט איז נישט די צייט אויף אַזעלכע מחשבות בעת אַ יולדת איז אין שטוב און עס לויערן אַזויפיל סכנות, איז בעסער נישט צו מאַכן קיין חשבונות. ער גייט צו צו דער שאַנק און ציט אַרויס אַ ספר. ער האָט איצט אַ שעת־הכושר — אָט איז דאָ אַ שטעל, וואָס איז אים אַלע מאָל געווען קשה, היינט זענען דאָ ביי אים אַזויפיל לומדים קאָן ער זיך מיט זיי וועגן דעם אַדורכשמועסן. ר׳ איטשע מאיר פאַרגעסט, אַז היינט איז ביי אים אַ שמחה, און ער פאַרטיפט זיך אינעם ספר.

**
*

ווי כוואַליעס אין אַ שטורעמדיקן טייך, וואָס האָבן דורכגעריסן אַלע מכשולים און פאַרפלייצן דעם גאַנצן אַרום, האָבן זיך אַ ריס געטון ידיעות, אויסבאַהאַלטענע און פאַרפאַנצערטע קעגן יעדן זייטיקן אויער. בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפרייט די שמועה:

— ער זאָל לעבן קומט צו פאָרן צו ר׳ איטשע מאירן אויפן ברית.

אין די שטיבלעך ווערן היינט נישט געמאַכט קיין שום הכנות ביים דאַווענען נישטאָ אַפילו ווער ס׳זאָל דאַווענען מיט מנין. אין געאיילעניש, אַזוי ווי אין בעל עגלהשן בית מדרש, ווערט פאַרוואָרפן טלית און תפילין און תפילה־ווערטער קייקלען זיך שנעל אין די חסידישע מיילער, שיטנדיק זיך, ווי קליינע, רונדיקע שטיינדעלעך אויף אַ גלאַטיקן באָדן.

— נישטאָ קיין צייט. מען דאַרף אָפּדאַווענען און גיין אָפּוואַרטן דעם רבין — יאָגט איין חסיד אונטער דעם צווייטן. און אַלע לאָזן זיך מחנות־ווייז צו ר׳ איטשע מאירס הויז.

פול שוין דער הויף פונעם בעל הבית. חסידים קומען, כאָטש קיינער האָט זיי נישט געבעטן. ס׳פאַדריסט זיי נישט, וואָס ר׳ איטשע מאיר האָט זיי נישט גערופן. זיי ווייסן, אַז ער האָט דאָס נישט געטון מחמת קאַרג־שאַפט.

— אויף אונדז אַלע געזאָגט וואָס ער האָט שוין פאַרטיילט אין די אַכט טעג, — ווינטשן זיך די חסידים, וואַרטנדיק אין טויער. — פאַר דעם געלט האָט ער אונדז אַלע געקענט געבן צו עסן און צו טרינקען און ס׳זאָל נאָך בלייבן אַ רעשט, נאָר ווו וועט ער אונדז אַהינטון?

חסידים קומען. ס׳גייט זיי נישט אין דער סעודה, חלילה, ווייל וואָס דאַרף דען אַ ייִד אַ חסיד פאַרן חומר, מ׳שטיינסגעזאָגט? בשר ודגים אַ כזית און דאָס נאָר אויף שבת און יום־טוב. זיי קומען זען דעם רבין און, אַז ס׳וועט זיך לאָזן, וועט מען אויסשפּאַנען די פערד און אַליין שלעפּן די קאָטש, מיט וועלכער דער רבי וועט פאָרן. יעדער ווייסט, אַז ער וועט נישט זיין איינער. אַז הונדערטער חסידים וועלן זיך אַ וואָרף טאָן צו פאַר־כאַפּן די זכיה פאַר זיך, דאָך — וועקט זיך אַ האָפענונג — ווער ווייסט, אפשר וועט באַשערט זיין און מען וועט צולייגן אַ האַנט. און אפשר...

— צעשפּילט זיך דער דמיון — וועט מען קאָנען אַ קוק טון אויפן רבין בעת ער וועט זיצן אויפן כסא של אליהו אָדער אויסהערן דעם רבינס אַ תורה בעתן ברית?...

***

ביי ר׳ איטשע מאירן אין שטוב ווערן געמאַכט די לעצטע הכנות צום ברית. איבער די אַנגערייכערטע חדרים שוועבן אַרום רעשטלעך פון וויכוחים, וואָס האָבן זיך געפירט אַ גאַנצן טאָג. ביי ייִדן למדנים זענען פאַררוקט די שטריימלעך. שטערנס קנייטשן זיך אונטער די לעצטע „נור־קעס״, וואָס זייערע בעלי־בתים האָבן געמאַכט אין די טיפענישן פונעם ים התלמוד. ביי וועמען פון די לומדים עס שוועבט נאָך אַ שמייכעלע אין די מויל־ווינקלען און גליטשט זיך אַראָפּ איבער דער צעפּאַטלטער באָרד. ער וואָלט זיך נישט מודה געווען פאַר זיך אַליין, אַז ער איז געפאַנגען געוואָרן דורכן יצר הרע: ס׳טוט אים הנאה, וואָס ר׳האָט מנצח געווען זיין קעגנער. אויסן געווען איז ער צו פאַרטיידיקן אַ ראשון, אָבער טיף אין האַרצן פרייט ער זיך פאָרט מיטן אייגענעם נצחון, וואָס ער האָט געהאַט אין ויכוח. אַ שווער שטיקל אַרבעט געווען, געהאַט צו טון מיט אַ גרויסן בעל דבר, איז דערפאַר דער נצחון טאָקע גרעסער און די שמחה שטאַר־קער. נישט איין מאָל האָט זיך אים געדאַכט אַז ער פאַלט. מ׳האָט אין

אים געצילט מיט אַ מהרש״א און געטראָפן גלייך אין מוח אַריין, אָבער באַלד האָט ער זיך מתגבר געווען און אָפּגעשלאָגן זיך מיט אַ מהר״ם, אָדער מיט אַ „נודע ביהודה״.

אַ קליינשטעטלדיקער רב באַמיט זיך פֿאַראינטערעסירן די אַנדערע רבנים מיט זיינעם אַ נייעם חידוש, וואָס ער האָט געמאַכט אין ענין עירוב, ער ווייזט דאָרט אויף בפירוש, אַז אויב מ׳האָט נישט געמאַכט קיין עירוב, טאָר מען אַפילו נישט אַרומבינדן אין אַ זומערדיקן שבת דעם האַלדז, ווי ס׳זענען זיך נוהג אַפילו יידן יראים ושלמים. וכל המחמיר, יחמיר ותבוא עליו ברכה, ס׳הייסט, אַז אפילו ווינטער איז אויך נישט גלייך דאָס צו טון, אויב מ׳נוצט דערנאָך די פֿאַטשיילע צו דער נאָז. ער האָט אויך אַ חידוש אויף דעם אור הלבנה, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין אַזוי גרויס ווי דער אור החמה. ער ווייזט דאָרט אויף, אַז שולדיק אין דעם, וואָס יידן זענען נישט נזהר מחדש זיין די לבנה. דערפֿון וויל ער ציִען אַ קל וחומר אויפֿן ענין נידה, ווייל סיי דאָרט און סיי דאָ האָבן מיר צו טון מיט אַ מולד. ער האָט נאָך אַ חידוש... אָבער ס׳גייט אים נישט: קיינער פֿון די רבנים הערט אים נישט אויס ביזן סוף. יעדער איז פֿאַרשמייעט: אָט איז געקומען דער „דברי משה״, מ׳דאַרף אים געבן שלום און אַליין כאַפּן אַ שטיקל שמועס. ס׳איז אַריין דער „פּרי מחשבות״ — אַ למדן אַ מופלג, אַן אייזערנער קאָפּ. ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט אַריינצוכאַפּן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען זיך אָפּצאָלן פֿאַר אַן „עוקץ״, וואָס מ׳האָט געקריגן פֿון אים דעם לעצטן יום־טוב ביים רבין. שאַרף איז דעם „פּרי מחשבות״עס מוח און שאַרף איז זיין צונג.

יידן וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג גייען שוין אַרום מידע און פֿראַווען איצט התבודדות. ווען ס׳ציט ביים האַרץ־לעפל — געפּאַסט היינט צוליב דער סעודת מצוה — און וואָלט געווען צופֿרידן ס׳זאָל זיך שוין אָנהויבן דער ברית. ער וועט אָבער פֿאַרן מויל נישט ברענגען. מ׳וואַרט אויפֿן רבין.

צוויי למדנים שפּאַרן זיך נאָך. אויפֿן טיש איז אָנגעלייגט אַ גאַנצער שטויס מיט ספרים. דער עולם הייסט זיי שוין צונויפֿנעמען, — זיי וועלן שוין אַ צווייט מאָל פֿאַרענדיקן דעם וויכוח.

אַ מגיד וויל פּועלן, מ׳זאָל אים לאָזן „זאָגן״ בעת דער סעודה. ער

האָט שוין געהערט מיטן בעל ברית און יענער האָט אים אָפּגעשיקט צו די לומדישע געסט. דער מוהל קוקט איבער דאָס מעסער. ייִדן מיט „העל־דזער", וואָס ווילן זיך דווקא ווייזן בעתן ברית, טרעלן שטילערהייט — זיי פּרוּוון אויס די „כלי". אַ יונגערמאַן וואַשט זיך די הענט, רײַבנדיק זיי אין דער טרוקענער שויב. פּונקט איצט איז אים דורכגעפלויגן אַ מחשבה זרה. מיט אַרײַנקלערן אין ענין בריתו של אברהם אבינו האָט ער געוואָלט שטײַגן צו העכערע כוונות, צום סוף איז ער אַראָפּגעזונקען צו אַ הרהור עבירה פון ענין בינו ובינה.

חסידישע סאַרווערס מיט קאָפּלעך אויף די קעפּ דעקן די טישן מיט פאַרשידענע משקאות און פאַרבײַסנס, מיט אייער־פּלעצלעך און הערינג פאַר די, וואָס ווילן זיך נישט וואַשן צום עסן און מיט בולקעס פאַר די געסט, וואָס וועלן זיך זעצן צום טיש. ווײַבער פאָרען זיך בײַם איבערלייגן דאָס קינד און בײַם אויספּוצן די קימפּעטאָרין. אויפן צניעותדיקן פּנים פון ר׳ איטשע מאירס ווײַב, די יולדת, איז אויסגעגאָסן דער מוטער רחלס חן. זי איז באַהערשט פון גליק — און רחמנות־געפיל — ס׳פרייט זי וואָס מ׳גייט מאַכן פאַר אַ ייִד דאָס קינד, וואָס איז אַרויס פון איר טראַכט און דאָס מוטער־האַרץ ווייטיקט וואָס דאָס קליינע עופהלע וועט, נעבעך, דערבײַ מוזן בלוטיקן. די פרומע הינדעלע כאַפּט אַ לעצטן קוק צו די שיר המעלותן, וואָס זענען צעהאַנגען אויף אַלע ווענט, צי ס׳איז נישט אַמאָל, חלילה, אָפּגעמעקט געוואָרן אויף איינעם פון זיי אַ נאָמען פון אַ מלאך, וואָס דאַרף היטן די יולדת מיטן ניי־געבוירענעם נפשל. תמרל שפּרעכט נאָך אָפּ קייגן די וואָלקעלאַקעס און רוחות, וואָס זענען זיך איצט מתגבר — זיי פאַר־שטעלן זיך פאַר פאַרשידענע חיות רעות און באַמיִען זיך אין דער לעצטער מינוט מזיק צו זײַן.

פון די ווײַבערישע חדרים באַווייזן זיך פרויען, מחותנתטעס און משפחה־לײַט פונעם בעל־ברית. מ׳קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף די בלויזע סאַרווערס און זיי ווילן אַ קוק טון אויף די געגרייטע טישן. זיי דרייען זיך אַהין און קריק איבער דער סאַליע, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט מענער. אויסגעפּוצטע צו דער שמחה אין זײַדנס און אין סאַמעט, שײַנען זיי מיט טויזנטער חנען. אויף זייערע העלדזער און אויערן פינקלען און שימע־רירן איידלשטיינער און צירונג — ירושות פון דורות — פון באָבעס און

עלטער־באָבעס, רביצנס און בת־טובימס, באַגלייטערינס פון מאורי הגולה. ס׳ציטערן בליאַסקן פון שפּילקעס און בראָשן, פון שמאַראַגדן און רובינען — סגולות און קמיעות, אָפּשפּרעכונגען פון „אַ גרויסן״ זיידן און עלטער־זיידן. ס׳באַווייזן זיך קאָקעטיש־פאַרריסענע און צניעותדיק באַהנטע כלה־מתנות און געשאַנקען צום געבורט פון אַן ערשטן בן־זכר אָדער צו אַ בכורס ערשטער דרשה.

ביי חסידישע יונגעלייט פלאַמען די באַקן. ס׳וועקן זיך מחשבות וועגן זאַכן, וואָס זיי לערנען אין די שפּעטע אָוונטן פון דאַנערשטיקע אשמורתן. זיי דערמאָנען זיך שטעלן, וואָס מ׳זעט זיי קיינמאָל נישט לערנען און דאָך זענען די בלעטער פון די ספרים אין וועלכע זיי געפינען זיך, אַזוי אויס־געריבן, אַז מ׳קאָן זיי קוים איבערלייענען. ביי קעסט־איידעמס, וואָס זע־נען נישט לאַנג אַוועק פון אונטער דער חופה, שטראָמט דורך אַ וואַרעמ־קייט איבער די גלידער. זיי וואַרפן בליקן צו די „זוגתיס״, וואָס פאָרען זיך אַרום, און אַ שמייכל צעגיסט זיך זיי אויף די ליפּן. יונגעלייט זאַמלען זיך אין די ווינקלען און פלוידערן אַ חסידיש־תורהדיקן ניבול־פה.

***

פון מינוט צו מינוט ווערט די נאַלעווקעס פולער. חסידים, נאָר וואָס פון מקוה אַרויס, פונאַנדערגעלאָזט די נאַסע בערד און פיאות, מיט יאַרמל־קעס הינטער די סאַמעטענע היטלען און שטריימלען, וואָס זיי האָבן אָנגע־טון לכבוד דעם רבינס קומען, שטראָמען צו דער גאַס. דער האַנדל אויף נאַלעווקעס איז אָפּגעשטעלט. קיין פּראָווינצער ייִד קאָן זיך נישט דורכ־שטופּן מיט זיין פּעקל.

וואַרטנדיק פיל שעה׳ן אויף דער גאַס, שטייען חסידים און דערציילן זיך מופתים פון גוטע ייִדן, רביים, פון די היינטיקע דורות און פון אַמאָל.

— שטייען מיר דאָך אַזוי — זאָגט ר׳ אברהם יצחק — און קלערן, ווען דער רבי קאָן אָנקומען, און חיים צבי האָט שוין אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָלט אַרויספאָרן צוויי אַ זייגער פון דער היים, קאָן ער פריִער פון פיר דאָ נישט זיין, זאָג איך אייך, אַז ס׳פעלט דאָס ביסעלע אמונה. אָט אַזוי, ס׳פעלט דאָס קאַפּעטשקע. און קפיצת הדרך איז שוין

גאָרנישט דאָ? אלא וואָס דען, קאָן מען זאָגן, אַז דער רבי וועט נישט וועלן טון חוץ לדרך הטבע.

— ס׳איז דאָ אַ צייט, — רופט זיך אָפּ ר׳ שמואל־הערש, אַז אַ צדיק מוז טון חוץ לדרך הטבע אויך. אָבער הני מילי, ווען איז עס געזאָגט געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך אין גאָר גרויסע זאַכן, אין אַ כלל־ישראל־זאַך. אָט אַ שטייגער, ווי דער מהר״ל האָט געשאַפן דעם גולם. נו, איז עס עפּעס כדרך הטבע, מ׳זאָל מאַכן אַ מענטש פון ליים? אלא, וואָס דען, ס׳האָט, חלילה, זיך אָנגעצייכנט, אַ סכנה פאַר דער גאַנצער פּראָגער קהילה.

— אין שלשלת הקבלה ווערט געברענגט — מאַכט ר׳ הערש לייב — אַ וווּנדערלעכע מעשה פון רמב״ן ז״ל. הערש לייב צעשאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געדאַוונט שמונה־עשרה און קעמט זיך מיט די פינגער די האָר פון דער ברייטער באָרד. חסידים רוקן זיך צונויף נענטער, זיי ווייסן, אַז הערש לייב דערציילט נישט סתם עפּעס קיין מעשיות וואָס ס׳זאָל נישט ווערט זיין צו הערן.

— דער רמב״ן — הייבט אָן הערש לייב מיט אַ שטילער שטימע... פלוצים לויפט דורך אַ זשומעריי: „ער זאָל לעבן פאָרט״!.

פון דער ווייטנס זעט זיך אַ קנויל מענטשן: שאַרפע חסידים האָבן נישט געוואַרט ביז די קאַטש וועט אָנקומען אַהער. זיי זענען אַוועק צום וואָקזאַל אָפּוואַרטן דעם רבין. ווי דער רבי איז נאָר אַראָפּ פון דער באַן און איז איינגעשטיגן אין דער דראָזשקע, האָבן זיי אויסגעשפּאַנט די פערד און אַזוי שלעפּן זיי דעם רבינס קאַטש איבער אַלע גאַסן וואָס פירן ביז אַהער. עלטערע חסידים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט דעם רבין אויף די נאַ־לעווקעס, האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו דער דראָזשקע. זיי האָבן געוואָלט כאַטש אַרויפלייגן אַ האַנט אויף איינעם פון די וואָס האָבן זוכה געווען צו שלעפּן דעם רבין דעם גאַנצן וועג. די מויער פון מענטשן אויף דער גאַס האָט זיך פונאַנדערגעטיילט, חסידים האָבן זיך צונויפגעפּרעסט און, ווי אַ נס וואָלט געשען, איז דעם רבינס קאַטש בריווחדיק זיך דורכגעפאָרן.

**
*

שווייגנדיק שפּאַנט דער רבי פון דער דראָזשקע. דאָס פּנים צע־פלאַמט, די אויגן־לעפּלעך געשלאָסן, גייט ער דורך דעם שפּאַליער פון

זיינע חסידים. ווער קאָן וויסן דעם רבינס כוונות? — טראַכט דער עולם. נישט קיין קלייניקייט וואָס פּאַר אַן אורחים ער וועט דאָ דאַרפן מקבל פּנים זיין: אברהם אבינו, בכבודו ובעצמו, אליהו הנביא, אויף וועמענס שטול דער רבי וועט זיצן. די וואָס זענען געשטאַנען נאָענט האָבן אַליין געזען ווי ביים רבין האָבן געציטערט די נאָזלעכער — ער האָט זיכער דערפילט דעם ריח פון גן־עדן. אברהם יצחק האַלט נישט אויס:

— וואָס שטייט עץ — שרייט ער אויס צו די אַרומשטייענדיקע, דער־לאַנגטס דעם רבינס ניגון.

באַלד נעמט שווימען אַ ניגון וואָס צעגיסט זיך איבערן גאַנצן אַרום. ער צעהוידעט זיך ווי ברויזנדיקע כוואַליעס אין אַ שטורעמדיקן טייך. ער צערייסט שוין די טאַמעס אַרום די ברעגן. טויזנטער מיילער צעטראָגן דעם רבינס ניגון: — אַ דביקהדיקן „יאַבי באַבי, יאַבי באַבי. ס'הייבן זיך צום הימל טויזנטער אויגן — אויך די חסידים האָבן דערזען די טייערע אור־חים און דערפילט דעם גן עדן־ריח. אַ ווינט האָט אַ וויע געטון און אָוועק־געטראָגן אַלע הייזער און הייף פון דער גאַס. גרויס און בריוּוחדיק איז געוואָרן אינעם אַרום. ס'פלעכטן זיך הענט מיט אַקסל. פיס רייסן זיך אָפּ פון דער חומרדיקער ערד. ס'צעהוידען זיך קערפּערס אין התלהבותדיקן טאַנץ.

***

שטיל געוואָרן די גאַס. שטיל ביי ר' איטשע מאירן אין שטוב. קיין אבר גיט זיך נישט קיין ריר, בלויז אַ געוויין פון אַן עופהלע רייסט איבער די שטילקייט. צוזאַמען מיט דער געדיכטער פּאַרע וואָס רייסט זיך דורכן אָפענעם פענצטער, קריגט עס זיך אַרויס אויף דער גאַס און לאָזט זיך ביז צום כסא הכבוד:

— אַ ייִד קומט צו אין בלוט: ואומר לך בדמיך חיי, ואומר לך בדמיך חיי.

***

ביינאַכט, דער ברית איז שוין לאַנג פאַרענדיקט, דער רבי איז שוין צוריקגעפאָרן. חסידים קאָנען נאָך אַלץ נישט גיין אַהיים. זיי דרייען זיך אויף און אָפּ איבער דער גאַס און דערציילן זיך וועגן ברית:

...און די תורה, וואָס דער רבי האָט דאָרט געזאָגט — פלאי פלאים, פלאי פלאים.

לייבעלע מינצבערג

אַ לויטער פּנים, בלויע אויגן, אַ קליין נעזל, דינע געשניצטע ליפּן — וואָלסט געזאָגט אַ שיינע פרוי, ווען נישט דאָס בלאָנדע בערדל, פּיין צעקעמט. אויפן קאָפּ אַ צילינדער, אָנגעטון אין אַ וואַרשעווער געהאַקטער קאַפּאָטע, שטענדיק פריש, אויסגעפּרעסט, ווי ניי. שוואַרצע שיך מיט אַ זון־גלאַנץ.

באַנקיר, ראש הקהל, דעפּוטאַט, אָדער אַ סענאַטאָר?

ניין, לייבעלע מינצבערג טראָגט פון פאָרנט אַ קעסטל, אָנגעהאָנגען אויף צוויי שעלקעס. אַ קראָם האָט ער דאָרט מיט צוקערלעך, מאַנדלעך, מארמעלאַדקעס און שאָקאָלאַדקעס. אַ שילד האָט ער אויך ביי זיין קראָם מיט אַן אויפשריפט:

„קויפט ביי לייבעלע מינצבערג״.

לייבעלע מינצבערג רעדט גאָרנישט, נאָר שמייכלט. קויפט מען ביי אים עפּעס, שמייכלט ער און די אויגן, אַקוראַט ווי זיי זאָגן: עסט געזונטער־הייט! קויפט מען נישט, שמייכלט ער אויך, און די אויגן זאָגן: זייט געזונט, כאָטש איר האָט נישט געקויפט. דינגען זיך נישט זיינע קונים, איז ער צופרידן און שמייכלט; דינגען זיי זיך יאָ, שמייכלט ער אויך.

לייבעלע מינצבערג רעדט נישט צו צום קויפן. לייבעלעס רעקלאַמע איז דאָס קעסטל מיט דער סחורה און דער שילד מיטן אויפשריפט: „קויפט ביי לייבעלע מינצבערג״. מער פונעם שילד רופט לייבעלעס שמייכל און זיינע גוטע בלויע אויגן.

לייבעלע מינצבערג האַנדלט שוין אַ יאָר, שוין צוויי, ס׳קען אים

גאַנץ וואַרשע. אַז לייבעלע ווערט רייכער, האַנדלט ער איין נאָך אַ ביסעלע סחורה, קלאַפּט צו נאָך אַ ברעטעלע צום קעסטל, ווערט נאָך אַ פּאָלקע און זיין קראָם ווערט פאַרגרעסערט.

קומט דער פרימאָרגן, גייט לייבעלע מינצבערג אַרויס מיט זיין קעסטל, שפּאַצירט דורך אַלע וואַרשעווער יידישע גאַסן. פון די רייכע נאַלעווקעס, גענשע, פראַנציסקאַנער ביז דער אָרעמער סמאָטשע, מילע, סטאַווקע. אויף אַלע גאַסן קומען קינדערלעך קויפן ביי לייבעלע מינצבערגן. אַלע קונים באַהאַנדלט ער גליך. אַלץ איינס שמייכלט ער צום רייכן קינד, וואָס מאַכט אַ פּדיון פאַר אַ גאַנצן זלאָט, און צום אָרעמען, וואָס קויפט פאַר צוויי גראָשן.

טרעפט זיך, אַז אַ פּאָליציאַנט פאַרהאַלט לייבעלען, הלמאי ער האַנדלט אָן אַ פּאַטענט און פירט אים אין פּאָליציי־צערקל, גייט לייבעלע מיט אים און שמייכלט. פאַרשעמט זיך אַמאָל דער פּאָליציאַנט פאַר לייבעלעס שמייכל, פאַר לייבעלעס צילינדער, פאַר זיין רייניקער קאַפּאָטע און גלאַנ־צנדיקע שיכלעך, רוימט ער אים איין: „אוטשעקאַי" (אַנטלויף!). ער פאַר־שעמט זיך אָבער אויך פאַר זאָגן אים „דו", גיט ער באַלד צו: „אידזש פּאַן פּרענדזעי" (גייט שנעל אַוועק) און דרייט זיך פון אים אויס.

גייט ווייטער לייבעלע מינצבערג מיט זיין קעסטל, די בלויע אויגן שמייכלען און דער שילד רופט:

„קויפט ביי לייבעלע מינצבערג!".

לאַטוטניקעס

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט שטאַרבט דאָס געסל ביסלעכווייז אָפּ. ס׳גייט אויס, ווי ס׳וואָלט דערפון אָפּגענומען געוואָרן איין אבר נאָכן צווייטן. צום ערשטן פאַרמאַכט זיך די שמוק־קראָם מיט די באַגילדעטע מעשענע חופּה־רינגען און זילבערנע בראָשן. נאָך דעם שליסט זיך דאָס צעלניק־געוועלב, וואָס באַזאָרגט אַלע שניידערס און באַלעבאָסטעס פונעם געסל מיט נאָדלען, באַוול און קנעפּלעך. נאָך זיי פאַרמאַכן זיך די געוועלבער פון שרייב־געצייג און פון שפּייז. ס׳לעשן זיך אויס די לאָמפּן וואָס באַלייכטן די שוי־פענצטער. די שויבן זעען אויס, ווי טויטע אויגן, אויף וועלכע מ׳וועט באַלד אַרויפלייגן שאַרבנס . די טויערן שליסן זיך און די טריט־קלאַנגען פון די דורכגייער ווערן שוואַכער און זעלטענער.

האַלבע נאַכט פאַרמאַכט זיך די „פּיוויאַרניע״, וואָס שוין עטלעכע שעה פאַרן שליסן האָט זי נישט געזען קיין לעבעדיק נפש, חוץ דעם באַלעבאָס און די פליגן, וואָס זשומען אינעם געראַנגל פאַרן לעבן באַמיִען זיי זיך מיט די לעצטע כוחות אָפּצורייסן די פיסלעך און פליגעלעך פון די רערעלעך פליגן־פּאַפּיר, צו וועלכע זיי האָבן זיך צוגעקלעפּט.

פון צייט צו צייט הערט מען, ווי ס׳עפנט זיך אַ טויער, אַריינצולאָזן אַן איינוווינער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט מיטן אַהיימקומען. אַ פאַרראָסט שלאָס־צינגל דרייט זיך איבער מיט אַ ראַציקן קלאַנג, ווי ס׳וואָלט געטון אַ הייזעריקן געגעץ.

דאָס טויער פאַרקלאַפּט זיך באַלד מיט אַ טראַסק, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאײַלט. עס וויל נאָך באַווייזן אָנצוכאַפּן דעם געקומענעם ביי אַ

פוס. דער שומר זידלט זיך מיט אַ כראַפּיק־פאַרשלאָפן קול. ער איז נישט צופרידן מיטן צו קליינעם טויער־געלט, וואָס ער האָט געקראָגן.

טייל מאָל יאָמערט אין אָפּגעשטאָרבענעם געסל אַ קאַץ, וואָס זוכט איר באַשערטן. פאַר בענקשאַפט באַמערקט זי אַפילו נישט די מויז, וואָס איז אַרויס פונעם קעלער און איז דורכגעלאָפן ממש אונטערן עק.

אויפן קלויסטער־טורעם אין דער שכנותדיקער גאַס קלינגט יעדע האַלבע שעה אַ זייגער און וואַרפט אין דער נאַכט אַריין אַ הייזעריקן „באָם". דער קלאַנג דערגייט נישט צו די שלאָפנדיקע איינוווינער פון געסל, דאָך ענטפערן אים מענטשלעכע קולות. אַמאָל איז עס אַ כאָרכל פון אַן אויס־געהאָרעוועטן טרעגער וואָס שלאָפט, ווי אַ געהרגעטער, מיד פון די שווערע משאות, וואָס ער האָט היינט געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס. אַמאָל איז עס אַ שנאָרכען אָדער גאָר אַ קרעכצן פון אַ שלאָפנדיקן, וועמענס ווי און זאָרג זענען נישט איינגעשלאָפן צוזאַמען מיט אים.

דעם זייגער אַרט נישט, צי עס הערט אים ווער, אָדער נישט. גע־וווינט שוין פון יאָרן צו קלינגען, טוט ער זיך רעגלמעסיק זיין אַרבעט: קלינגט אויס איינס, איינס מיט אַ האַלב, צוויי, ביז... צוועלף און נאָך דעם חזרט ער ווייטער איבער פאַרעקשנט: איינס, איינס און אַ האַלב.

אַלץ אין געסל שלאָפט. וואָך איז נאָר שימעלע לאַטוטניק, וואָס זיצט ביי דער ניי־מאַשין ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

שימעלע טרעט אויפן מאַשין־טרעטער און הערט נישט, ווי דער זיי־גער קלינגט. ס'טרעפט אָבער אַמאָל, אַז דער זייגער קלאַפּט אויס די צייט, ווען אין שימעלעס מאַשין איז אויסגעגאַנגען דער דרים און אין שטוב איז שטיל, כאַפּט אַ „באָם" זיך אַריין אין זיין אויער און דערקייקלט זיך ביז צום מוח.

— באָם — חזרט שימעלע איבער דעם קלאַנג אויפן קול און פאַר־טראַכט זיך וועגן דער צייט, וואָס גייט אַוועק.

— האָסט געהערט, באַשעלע, — רייסט ער זיך אַליין איבער די גע־דאַנקען און ווענדעט זיך צום ווייב, וואָס זיצט אין דער שפּעטער נאַכט צוזאַמען מיט אים. האָסט געהערט, אויף דער טומאה האָט אַ קלונג געטון. ווי שפּעט קאָן שוין זיין? — אַן אַנטיסעמיט דער זייגער — וויצלט זיך

שימעלע: קיינמאָל וועט ער נישט אויסקלינגען קיין שעה, מ׳זאָל וויסן ווי מ׳האַלט אין דער וועלט, נאָר שטענדיק „באַם״ און גיי ווייס, צי ס׳איז האַלב איינס, איינס, האַלב צוויי, צי גאָר האַלב דריי? ווייסט וואָס — גיט צו שי־מעלע, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט דעם פריִערדיקן געדאַנק, — מ׳זאָגט, אַז ס׳קלינגט איז אַ חגא, און, אַז איך הער, ווי ס׳קלינגט דער זייגער און ס׳גייט אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, ווערט מיר גאַרנישט יום־טובדיק אויפן האַרץ.

— רעדסט שוין נאַריִשקייטן — שרייט אויף אים אַן באַשקעלע, און שימעלע פאַרשעמט זיך פאַר זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זענען אים באַפאַלן, ווען די אַרבעט יאָגט און ס׳איז נישטאָ קיין צייט פאַר קיין נאַרישקייטן.

פון קעגנאיבערדיקן פענצטער הערט זיך פלוצלינג אַ געשריי: „גוואַלד, גזלן, האָסט מיך געקוילעט״.

שימעלע נעמט זיך נישט איבער. ער ווייסט פון וואַנען דער גוואַלד טראָגט זיך און אַז מ׳האָט, חלילה, קיינעם נישט געקוילעט. דער געשריי גייט פון משה קצבס פענצטער.

משה קצב רופט מען דעם שכן פון קעגנ־בער, וואָס ברענגט יעדן דאָנערשטיק עטלעכע פונט פלייש פון דער פּראָווינץ און פאַרקויפט עס צו די „גאָספּאָדעס״, זיינע שטענדיקע אָפּנעמער.

משה האָט באַמערקט, ווי זיין ווייב האָט אין מיטן נאַכט אָפּגעשניטן אַ שטיקל פון געבערענגטן פלייש און באַהאַלטן, ער זאָל עס נישט געפינען.

— גזלן, האָסט מיך געקוילעט — רייסט זיך משה — כ׳וועל נישט האָבן צו באַצאָלן פאַר דער סחורה און וועל נישט קאָנען מער האַנדלען. דאָס ווייב פאַרגייט זיך אין אַ געוויין:

— ביסט ערגער פון אַ גוי — העשעט זי — האָסט נישט קיין רחמנות אויף דיינע אייגענע קינדער. ס׳אַרט דיך, אַז די שוואַלבן וועלן עסן פּיצ־לעך פלייש.

— ברויט — רייסט זיך משה — טרוקן ברויט איז דיר ווייניק? די נאַכט צעטראָגט זיין געשריי און הילכט עכאָדיק אָפּ: טרוקן ברויט איז דיר ווייניק?

— דאַנק גאָט דערפּאַר — שרייט ווייטער משה קצב. — אין אַנ־דערע שטובן איז דאָס אויך נישטאָ.

פון די געשרייען כאַפּן זיך אויף די קינדער און צעוויינען זיך אויפן הויכן קול. די מאַמע וויל זיי איינגעמען און זינגט זיי אַ לידל:

עלי, מעלי יאַסטי, —
אַ שוואַרצע כלה האַסטי,
רויטע שיכעלעך גייט זי,
אַפן ביימעלע שטייט זי,
וואָס טויג דאָ ביימאַלאָך?
צווייגאַלאַך צו רייסן,
וואָס טויג דאָ צווייגאַלאָך?
קיאַלאַך צו שמייסן,
וואָס טויג דאָ קיאַלאָך?
מילאַכו צו מעלקן,
וואָס טויג דאָ מילאַכו,
קינדאַלאַך צי געבן,
וואָס טויג דאָ קינדאַלאַך,
נחת צו דאַלעבן.

דער קצב האָט אויפגעהערט שרייען. ער שטייט אַן איבערגענומענער און קוקט אויף די קינדער, וואָס זינגען מיט און פּאַטשן צו מיט די הענט־לעך.

— נחת — שעפּטשעט די קצבטע נאָכן פאַרענדיקן דאָס ליד. זי האָט זיך שוין באַוויזן צו באַרויקן און קוקט מיט רחמנות אויפן אויסגעדאַרטן פּנים פונעם מאַן. און וואָס איז ער, נעבעך, שולדיק? — טענהט זי צו זיך אַליין. פון וואַנען וועט ער טאַקע נעמען צו באַצאָלן? זי דערלאַנגט אים דאָס אָפּגעשניטענע פלייש און לייגט זיך צוריק אין בעט אַריין.

אין געסל איז ווייטער שטיל און ס'הערט זיך נאָר דאָס קלאַפּן פון שימעלעס ניי־מאַשין.

— אפשר וואָלסטו שוין געגאַנגען שלאָפן? — בעט זיך שימעלע ביים ווייב. ביסט דאָך מיד פון דעם גאַנצן טאָג האָרעווען. שימעלע הייבט אויף

זיין אויסגעמאַטערט פּנים, פון וועלכן ס'קוקן אַרויס צוויי בלויע קינדערישע אויגן.

— גיי, באַשעלע — בעט ווייטער שימעלע. באַשע רירט זיך נישט פון אָרט. זי מוז אים צוהעלפן, אַליין וועט ער נישט אויסאַרבעטן די פּרנסה, כאָטש ער זיצט ביי דער מאַשין 18 שעה אין מעת לעת.

— און וואָס ביסטו, אַ גיבור? — קרעכצט באַשעלע — זע נאַר, ווי דו זעסט אויס.

— אַ פּאָר שיינע שיכעלעך — דערמאָנט זיך פּלוצלינג שימעלע אין די שיכעלעך, וואָס זיי האָבן נעכטן געקויפט פאַרן יינגסטן קינד. האָסט געזען, — ציט ער ווייטער — ווי ס'האָט געשטעלט די פיסעלעך אין די נייע שיכעלעך? שימעלע צעשמייכלט זיך און דאָס פּנים שיינט ביי אים פון נחת. — זעסט, באַשעלע, מען קויפט נאָך פונדעסטוועגן אַ פּאָר שי־כעלעך אויכעט. ער רייבט צופרידן די הענט און שטעלט זיך אויף פון דער מאַשין: ער מוז אַ קוק טון אויף די שיכעלעך.

— און וואָלסט זיך גערעכט, באַשעלע, — הייבט ווייטער אָן שימעלע — און ווייזט איר די קאַפּאָטע, וואָס ער לאַטעט איצט. — וואָלסט זיך גע־רעכט, אַז ס'וועט אַמאָל קומען צו אונדז דער הער ראַפּאָפּאָרט?

— מען שמועסט, — ענטפערט אים באַשעלע — אַז ס'איז שוין נישט דער זעלבער ראַפּאָפּאָרט. מען זאָגט, אַז ער האָט שוין נישט די וועלדער, ער איז געוואָרן אויס גביר און האָט „אַנגעזעצט".

— וואָס הייסט אַזעלכעס אַנגעזעצט? — פרעגט זי ביים מאַן — און שימעלע טייטשט איר אויס, אַז אַנגעזעצט הייסט, מען נעמט צו געלט ביי יענעם.

— האָט ער דאָך צוגענומען אַלע נדנים פונעם גאַנצן געסל — זאָגט באַשע מיט אַ דערשראָקן קול.

— מאַ נאַדן האָט ער נישט צוגענומען — ענטפערט שימעלע מיט אַ געלעכטער.

— ווי האָסטו דען נדן?

— און דו ביסט אַ שלעכטער נדן? — פרעגט שימעלע.

ער וויקלט פונאַנדער דעם הער ראַפּאָפּאָרטס קאַפּאָטע און טוט אַ

זיפֿק, נישט וויסנדיק אַליין צי ס׳איז פֿאַר רחמנות, וואָס דער הערן ראַ־פּאָפּאָרט איז שוין נישט דער זעלבער גביר, אָדער ס׳איז אַ הנאה־קרעכצל, וואָס דער נגיד פֿון געסל איז צו אים אַריינגעקומען.

— הער ראַפּאָפּאָרט אַליין איז נישט געקומען צום לאַטוטניק, ער האָט געשיקט זיין דינסט, זי זאָל אַריינטראָגן די קאַפּאָטע צום שניידער קעגנ׳בער, ער זאָל זי אויספּאַרריכטן און אויספּרעסן.

— מ׳דאַרף אונטערשטיצן אַ שכן — האָט ער זיך ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דער דינסט. הלמאי ער הייסט זי אַריינגיין צום לאַטוטניק, און האָט זיך אַ ביסל פֿאַרהוסט.

די דינסט האָט, אַריינקומענדיק צו שימעלען, זיך געבלאָזן — גע־האַלטן זיך אין גרויסן: זי איז נישט אַבי ווער. זי איז דעם גבירס משרת. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך ביי איר די צונג אויפֿגעבונדן, זי האָט זיך צו־געזעצט צו באַשעלען און אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר באַלעבאָס׳ הויז:

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן, סערדצע־קרוין, ס׳איז שוין נישט דאָס, וואָס ס׳איז געווען אַמאָל: דער באַלעבאָס האָט פֿאַרקויפֿט דעם ווייבס צירונג, די באַלעבאָסטע וויינט און קלאָגט. זי קאָן זיך נישט ווייזן פֿאַר די חברטאָרינס, וואָס ווייסן נישט פֿון דעם אומגליק און קלינגען כסדר דורכן טעלעפֿאָן, זי זאָל קומען אויף בעלער.

ביי באַשעלען נעמען טרערן די אויגן פֿאַר רחמנות און קרעכצנדיק, פֿרעגט זי זי אויס וועגן אַלץ, וואָס קומט פֿאַר ביי זיי אין שטוב.

— אַזוי, טייערינקע, — קנייפּט זיך באַשע די באַקן — און די חבר־טאָרינס קומען קיינמאָל נישט אַרויף אין שטוב אַריין?

— זיי פֿלעגן קיינמאָל נישט אַרויפֿקומען. דער מאַדאַם איז געווען באַקוועמער צו גיין צו זיי.

— פֿאַרוואָס אַזוי?

די דינסט בייגט זיך צו צו באַשעלען און דערציילט איר אויפֿן אויער:

— די מאַדאַם האָט וועמען, אַ ליובאָווניק, און זי פֿלעגט זיך מיט אים טרעפֿן אין גאַס. נישט איין מאָל פֿלעג איך טראָגן אַ בריוועלע פֿון איר צו אים און פֿון אים צו איר. זי זעען די קרעלן? דאָס האָב איך גע־קראָגן אַ מתנה פֿון דער מאַדאַם, פֿאַר דעם וואָס איך האָב גאָרנישט דער־

ציילט דעם באַלעבאָס. ביי מיר איז אַ סוד הייליק און כ׳האָב נישט ליב צו רעדן וועגן קיינעם.

ביידע ווייבער זיפצן אָפּ. דאָס משרת דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז שוין שפּעט, זי שטעלט זיך אויף און לאָזט זיך צו דער טיר. ביים אַרויסגיין דערמאָנט זי זיך נאָך עפּעס. זי דרייט זיך אויס און רופט צו שימעלען:

— דער באַלעבאָס האָט געבעטן, מ׳זאָל אים גלייך מאַכן דאָס באַ־שטעלונג. דאָס וואָרט „באַשטעלונג" האָט דער באַלעבאָס געזאָגט פון גע־וווינהייט און זי האָט עס אַזוי איבערגעחזרט.

שימעלע מיטן ווייב זיצן אין האַלבער נאַכט ביים הער ראַפּאָפּאָרטס „באַשטעלונג". זיי האָבן אָוועקגעלייגט אַלע אַנדערע אַרבעטן און גרייטן צו די קאַפּאָטע פאַרן גביר. פון צייט צו צייט גיט שימעלע אַ טאַפּ די סחורה און טראָגט דאָס אונטער דעם ווייב, זי זאָל עס אָנקוקן.

— וואָס טויג מיר די רייד, אַ גביר איז פאָרט אַ מבין אויף אַ שטיקל סחורה, און די אַרבעט שמעקט טאַקע אויך. — שימעלע ווערט ביי זיך אַליין געהויבן, וואָס דער גביר האָט אים געגעבן דאָס מלבוש צו פאַר־ריכטן. ער פאַרגעסט כמעט, אַז דער הער ראַפּאָפּאָרט איז שוין נישט דער זעלבער און, אַז ער האָט אים נישט געגעבן דעם פּאַלטן צו מאַכן, נאָר בלויז צו פאַרלאַטען. ער באַמיט זיך נישט איינצושלאָפן און נייענדיק באָמ־קעט ער זיך צו אַ לידל.

באַשעלע איז אַוועק. זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און געגאַנגען שלאָפן. דער מאַן וואַרפט איר צו אַ בליק פול מיט ליבע. אַ טייער ווייב, טראַכט ער זיך — זי האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג ביי די פיר קינדערלעך און ביינאַכט העלפט זי אים נאָך אויך צו ביי דער אַרבעט. אים אַליין קלעפּן זיך שוין אויף די אויגן און ער באַשליסט, אַז לאַנג וועט ער שוין אויך נישט זיצן.

פאַרטאָג, ווען ס׳וועקן זיך די שכנים, זיצט שוין שימעלע פון לאַנג ביי דער מאַשין. ער דערמאָנט זיך אין דער מאַרינאַרקע, וואָסביילע די אלמנה האָט אים נעכטן ביינאַכט אַרויפגעגעבן.

— שימעלע־קרוין — האָט זי זיך ביי אים געבעטן — געדענקט, אַז

דער ייִנג האָט נישט קיין צווייטע. כ׳האָב זי אייך געבערענגט, ווען ער איז געגאַנגען שלאָפן און ער וועט אָן איר נישט קאָנען גיין צו דער אַרבעט.

שימעלע דרייט זיך די מאַרינאַרקע אין אַלע זייטן. ער ברעכט זיך דעם קאָפּ, ווי אויסצושניידן אַ שטיק אויף צו פאַרלאַטן דעם אַרבל. אַ ווײַלע זיצט ער טרויעריק, ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער וועט גאָרנישט קאָנען אויפטון. נישטאָ פון וואַנען צו נעמען קיין ברעקל סחורה. זיין פּנים שיינט באַלד אויף. ער האָט געפּאַקט. ער טייטשט עס זיך אַליין אויס מיט אַ גמרא־ניגון, וואָס איז אים געבליבן פון דער צייט, ווען ער האָט געלערנט אין תלמוד תורה.

— כ׳וועל אויסשניידן — זינגט ער צו — פון הינטן אַ שטיק און פאַרדעקן עס מיט שוואַרצע פּאָדשעווקע, וואָס כ׳וועל אַרויסנעמען פון אַרבל, אין אַרבל וועל איך אַרייננייען אַ שטיק רויטס, וואָס וואַלגערט זיך אַרום פון אַ פּעדערן־איינשיט. אין אַרבל — גיט שימעלע צו — קוקט קיי־נער נישט אַריין.

שימעלע ווערט מלא שמחה. ער וואָלט זיך אַליין אויסגעקושט פאַר דעם איינפאַל. ער טרעט לעבעדיק אויפן מאַשין־טרעטער און די נאָדל טאַנצט פריילעך אונטער. באַלד קומטביילע אָפּנעמען דאָס „מלבוש". זי רימט שימעלען פאַר זיינע גאָלדענע הענט:

— אַ כפּרה אַ ניי מלבוש — זאָגט ביילע. אין פּאַריז וואָלט מען עס שענער נישט געמאַכט. איר וועט אָבער מוזן וואַרטן מיט די פּאָר גראָשן ביז סוף וואָך, ווען דער יונג וועט אָפּנעמען דאָס שכירות.

— ס׳מאַכט נישט אויס — זאָגט שימעלע — און בלייבט זיצן טרויע־ריק: מען דאַרף שיקן נאָך ברויט און אין שטוב איז נישטאָ קיין גראָשן.

— גאָט איז אַ גוטער, — דערפרייט זיך באַשע — ווען אין שטוב באַווייזט זיך פּלוצלינג גאָלדע די גענדזלערקע. גאָלדע איז שולדיק אַ חוב פון פאַר עטלעכע וואָכן און זי האָט אים איצט אָפּגעבערענגט.

— נישט געקענט פריִער, באַשעלע־קרוין — פאַרענטפערט זיך גאָלדע. שוין דריי וואָכן אין גאַנצן נישט געהאַנדלט. — וואָס ווייסן זי, וואָס ס׳טוט זיך אין גאַס: חושך טוט זיך, דער עולם האָט אויפגעהערט עסן גענדז. עפּעס איז געקומען אַזאַ אונטערגאַנג, רחמנה ליצלן, קריזיס, רופט

מען עס, און ווּ דו גייסט און ווּ דו שטייסט הערט מען נאָר, קריזיס און קריזיס.

מען וועט עס איבערלעבן — טרייסט זיך באַשע. — נישט די ערשטע צרה ביי ייִדן און מ׳האָט עס איבערגעלעבט. אַמאָל איז געווען אַ בלעם, נאָך דעם אַ המן, און היינט האָסטו דיר אַ קריזיס.

— פוּ, פוּ, פוּ — שפּייעןביידע ייִדענעס אויס — מ׳זאָל שוין אויס־געלייזט ווערן פון אַלע צרות.

— און פון גויִשקע הענט, — פאַרענדיקט גאָלדע, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום שטייט איר עלטערער זון צום פּריזיוו.

— וואָס ווייסן זי, באַשעלע, וואָס פאַר אַ וועלט היינט איז — זעצט פאַר די גענדזלערקע און ווישט זיך אָפּ אַ בענקל מיטן ברעג פונעם קלייד.

— אַז זי זיצן אין שטוב, ווייסן זי דאָך גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין גאַס. אַ פייער ברענט, זאָג איך אייך, אַ העליש פייער. לאָמיך זיך אָקאָרשט צוזעצן, וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

באַשע איז שטאַרק פאַרהאָרעוועט, אָבער פאַר גאָלדען, די גענדזלער־קע מוז זי אָפּרייסן אַ ביסל צייט, אַ מוטל צו טון. דאָס איז איר גאַנצער עולם הזה. גאָלדע קומט אין אַלע שטובן און ווייסט, וואָס עס טוט זיך אומעטום.

ביידע ווייבער זעצן זיך אַוועק אין אַ ווינקל און סודען זיך. גאָלדע דערציילט מיט ברען און באַשע זיצט ווי פאַרשטיינערט. זי שלינגט יעדעס וואָרט. טיילמאָל נאָר רייסט זיך ביי איר אַרויס אַן אויסגעשריי פון אי־בערגעגנומענקייט, באַגלייט מיט אַ פּאַטש אין די הענט.

— כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — זאָגט גאָלדע. איר ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב נישט ליב קיין רכילות און דער, וואָס לעבט אייביק, ווייסט זיכער, וואָס ער טוט. ביי יעדעס מאָל דערמאָנען „דעם, וואָס לעבט איי־ביק״ טוט זיך גאָלדע אַ שפּיי אויף די שפּיץ נעגל. ביי באַשען פלאַמט דאָס פּנים און ס׳בליצן די אויגן: ווייזט אויס, אַז זי האָט היינט געהערט גאָר וויכטיקע נייעס.

שימעלע הערט זיך נישט צו, וואָס די ווייבער רעדן, אָבער פון איינ־צלנע ווערטער, וואָס ער כאַפּט נישט־ווילנדיק אויף, ווייסט ער שוין אַלץ:

די גענדזלערקע באַרעדט נישט, חלילה, קיינעם, אָבער וואָס אמת איז אמת, אַז שרהלע, די פון קעגנאיבער, וואָס איז יענע וואָך אַ כלה געוואָרן איז... ששש... — ס׳איז „ביע מאָי קאָן׳ און ביע מאָי וווז״. איר ווייסט דאָך, ווי די וועלט זאָגט, ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפט ער. איך בין נישט גאָטס שליח, כ׳זאָל זיך אָננעמען זיין קריוודע, נאָר קיין גאַנצע ניין חדשים, וועט דער חתן נישט דאַרפן וואַרטן, ביז ער וועט ווערן אַ טאַטע. איר ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב נישט ליב צו רעדן קיין רכילות, האָט־זשע מיר אַ גוטן תמיד.

ביים אַוועקגיין גייט נאָך גאָלדע צו צו שימעלען. זי האָט פאַר אים אַ „פּאָפּראַווקע״:

— איר געדענקט, שימעלע, פאַר דריי חדשים האָט איר איבערגעמאַכט מיין יאַנקעלעס פאַלטן, האָט זיך שוין אָפּגעריסן דאָס פּעטל.

שימעלע נייט עס צו אויף דער האַנט. גאָלדע פרעגט זיך פאַר יוצא־וועגן וויפל עס קומט אים. זי פאַרשטייט, אַז ער וועט דאָך נישט נעמען קיין געלט פאַר אַ „פּאָפּראַווקע״ פון זיין אייגענער אַרבעט.

***

שימעלע לאַטוטניק גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון שטוב. צום פאַראיין פון די „אַרבעטאָרערס״ געהערט ער נישט. ער איז באַלעבאָס „פאַר זעך״. קיין צייט צו שפּאַצירן האָט ער אויך נישט. ער איז פאַריאָגט פון שבת צו נאַכטס ביז פרייטיק פאַרנאַכט. נישט איין מאָל האָט ער זיך שוין געוואָלט אַריינכאַפּן אַ שבת אין דער פרי אין שול אַריין, איז ער אָבער מיד אויפצושטיין. ליגט ער אין בעט ביז אין די שפּעטע שעה׳ן און שפּילט זיך מיט די קינדערלעך. נאָך מיטאָג גייט ער צו חיימען.

חיימל איז אויך אַ לאַטוטניק און איז פון זעלבן שטעטל, ווי שימעלע. שוין פופצן יאָר, ווי זיי זענען ביידע אין וואַרשע און ס׳דאַכט זיך זיי אַלץ, ווי זיי וואָלטן אָט איצט געקומען פון דאָרטן. זיי געדענקען דאָס שטעטל און דעם טאָג, ווען זיי זענען פון שטעטל אַוועקגעפאָרן. יעדעס מאָל, ווען זיי טרעפן זיך, רעדן זיי וועגן דעם.

— שבת — חזרט איבער חיימל שוין צום ווײפלטן מאָל — האָט מען זיך געגעבן אַ כאַפּ אַרויס הינטערן שטעטל, מ׳איז אַוועק אין וועלדל, אַראָפּגעצויגן די קאַפּאָטע און אויסגעצויגן זיך אונטער אַ בוים, אָדער מ׳איז אַוועק צו דער „זשיקע״ און זיך אויסגעבאָדן. געדענקסט, ווי מיין ביילקע פלעגט געבן אַ קום אַרויס. איין פייף אַרויף אונטערן פענצטער און ז׳איז דאָ. אוי, איז זי דעמאָלט געווען אַ ברען פון אַ מויד. ס׳איז שוין נישט דאָס, וואָס אַמאָל, שימעלע.

— געדענקסט, חיימל, ענטפערט אים שימעלע, געדענקסט, מיין באַשע, זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר און געווען איז זי שוין איינמאָל אַן „אָסאָבע״. דעמאָלט פלעגט זי אַמאָל לויפן מיט אַ צווייטן אויך. געדענקסט, אין וואַלד, ווי איך האָב איר די האָר אויסגעריסן? היינט איז זי געטריי, ווי אַ הונט. זי ווייסט נישט מער, ווי איין גאָט און איין שימע. אַליין וועט זי אָפּקומען מיט שהי־פּהי, נעם, שימעלע, נאָך אַ שיסל באָרשטש — וועט זי מיר כסדר אונטערשטופּן, נעם נאָך אַ ביסל קאַרטאָפל.

— און מיינע אויך — האַלט אים אונטער חיימל. זי גיט אַמאָל אַ קללה, אָבער זאָל מיר, חלילה, עפּעס זיין, איז נישט זי שלאָפט און נישט זי עסט — זי קריגט באַלד די נכפּה.

— און די שריפה אין שטעטל געדענקסטו? ס׳איז שוין אַ קיימא לן פון אַ זעכצן יאָר און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז נאָר וואָס געווען. ווי האַלטסטו, ער האָט נישט געמאַכט אַליין דעם „בורא מאורי האש״?

— געמאַכט, — היצט זיך שימעלע — זיכער האָט עס דער באַנקראָט־שטשיק אַליין געמאַכט. נאָר וואָס דען, איך האָב אונטערגעצונדן, אָדער דו?

— אַ „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע״ געווען ביי אונדז — נעמען זיי חוזק פונעם שטעטל, כדי צו קילן די בענקשאַפט, וואָס טליעט ביי יעדן פון זיי אין האַרץ — איידער די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע״ האָט זיך גערירט, האָט אַ האַלב שטעטל געקאָנט אָפּגיין אין פייער.

— דאָ, — פאַרגייט זיך חיימל אין התפעלות — אַז עס מאַכט זיך אַ שריפה, גיסטו אַן עפן אויף אַ פענצטער און צעשרייסט זיך „ג־וו־אַ־ל־ד ס׳ב־ר־ע־נט״. פון אַלע זייטן נעמען פליִען פייערלעשערס, אָנגעטון אין מעשענע קאַסקעס און שפּרינגען מיט די פערד גלייך אין פייער אַריין.

חימל נעמט שפּרינגען און וואַרפט מיט די הענט, ער וויל נאָכמאַכן, ווי די וואַרשעווער פּייערלעשער אַרבעטן ביים לעשן אַ פייער.

די ווייבער, וואָס זענען געזעסן אין אַ ווינקל, פאַרטיפט אין אַ שמועס, דערשרעקן זיך פאַר חיימס גוואַלדן און פון זיין שפּרינגען. זיי מיינען, אַז ס׳ברענט טאַקע און זענען שוין גרייט צו פאַלן אין חלשות. געוויער ווערנדיק, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען, שפייען זיי אויס און בטלען אויס אַלע חלומות אויף די מענערס קעפּ.

— פו, פו, פו, אַלטע נאַראָנים, ווי זיי האָבן זיך עס צעשריגן, גע־מיינט, אַז ס׳איז אַן אָכעניש אויף זיי געקומען. חימל באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל, ער ווייסט, אַז ס׳איז בעסער נישט אָנצוהייבן מיטן ווייב. שימעלע גיט צו פאַרשטיין די ווייבער, אַז דאָס האָט מען אַזוי געשמועסט וועגן דער אַלטער היים.

— און איך זאָג, — זעצט זיך באַשקע צו צו די מענער — אַז אין וואַרשע איז בעסער, ווי דאָרט. ווו האָסטו אין שטעטל געהאַט אַ טראַמוואַי, אַ... און זי קאָן זיך נישט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן זי האָט אין וואַרשע.

— און אַז גאָט העלפט — האַלט איר אונטער ביילקע, וועלכע האָט זיך שוין באַוויזן צו באַרויקן — און אַז גאָט העלפט, ס׳גייט גוט, קאָנסטו דיר גיין, ווען דו ווילסט אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער...

— אין שטעטל האָסטו געמוזט וואַרטן, ביז ס׳האָט זיך אַמאָל ווער דערמאָנט און אַראָפּגעבראַנגט עטלעכע אַרטיסטן אָדער אַ צירק.

— די אַמאַטאָרן־טרופּע געדענקסטו? — דערמאָנט זיך באַשקע — איך האָב אַמאָל געהאַט אַ ראָלע אין... ווי האָט עס געהייסן?...

דעם נאָמען פון דער זאַך דערמאָנען זיי זיך שוין נישט, זיי געדענקען נאָר אַז ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ ליבע, מיט אַ ברונעם און אַ קאַץ. זיי געדענקען נאָך, אַז איין קינד איז אַריינגעפאַלן אין ברונעם און דאָס צווייטע האָט צוגענומען די קאַץ. זיי דערמאָנען זיך אויך אַ לידעלע, וואָס מ׳האָט געזונגען. זיי וואָלטן עס נאָך געקאָנט זינגען מיט אַלע ווערטער. די מענער שפּאַרן זיך אָבער איין מאָל מ׳זאָל זינגען עפּעס אַנדערש: „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״. באַשקע צעזינגט זיך: „אַז דו וועסט זיין אַ גביר, יידע־

לע״,ביילקע און די מענער העלפן איר אונטער: „זאָלסטו זיך דערמאָנען אין דעם לידעלע, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״...

אונטערן טיש שפּילן זיך די קינדער פוןביידע פּאָרפעלקער. דאָס עלטסטע יינגעלע איז אַ טאַטע און נייט אויף אַ מאַשין, דאָס עלטסטע מיידעלע איז אַ מאַמע, זי נייט, פאַרריכט און קאָכט מיטאָג, די קלענערע זענען קינדערלעך און שרייען: „עסן״.

ביילקע שטעלט כיבוד — געקאָכטע פלוימען מיט עפּעלעך. פאַר די קינדער דערלאַנגט מען אַרונטער דעם כיבוד אונטערן טיש. דאָס קליינוואַרג רייסן איבער דאָס שפּילן זיך, זיי עסן דעם קאָמפּאָט און סמאָטשקען אויפן קול די קערן פון די אויפגעגעסענע פלוימען. די קינדער רוימען איין די מאַמעס, אַז זיי ווילן „באָך״ און קריגן שטילערהייט שטאָרכעס, זיי זאָלן שווייגן.

ווען ס׳פאַלט צו דער אָוונט און שאָטנס נעמען טאַנצן אויף די ווענט, דערמאָנט מען זיך ווידער אין שטעטל און אין „גאָט פון אברהם״, וואָס די מאַמעס פלעגן זאָגן אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן. אין גאַס צינדן זיך אָן די לאָמפּן און ביידע לאַטוטניקעס דערמאָנען זיך אין די „באַשטעלונגען״, וואָס זיי דאַרפן אויספירן אויף מאָרגן פרי. שימעלע און באַשקע כאַפּן שנעל די קינדער, וואָס זענען דערווייל איינגעשלאָפן אונטערן טיש, און לאָזן זיך אַהיים.

יאָסעלע פּלייצע־טרעגער

יאָסעלע פּלייצע־טרעגער איז אַ קליינער, אַ דאַרער, אַ כוכליאַק, ס׳דאַכט זיך, אַז אַ לייכט ווינטל קאָן אים אַוועקטראָגן, אָבער אַז יאָסעלע גיט זיך אַ לאָז צו אַ פור אָדער צו אַן אויטאָ, וואָס איז אָנגעלאָדנט מיט ריזיקע פּעק, זעק און קאַסטנס, גיט זיך אים אַלץ אַליין אונטער. ס׳האָט אַ פּנים, ווי נישט ער טראָגט די משאות, נאָר זיי האָבן באַקומען פיס און לויפן אַליין. יאָסעלען זעט מען נישט אַרויס פון אונטער די פּעק, וואָס זענען גרעסער פון אים. זיי שטייגן אים אַריבערן איבערן קאָפּ און דעקן צו זיין גאַנצן קערפּער. ס׳זעען זיך נאָר אַרויס זיינע פיס, וועלכע גייען ווי מען דאַרף אַן דעם מינ־דסטן בייג.

יאָסעלע איז אַ טרעגער, מיט קיין אַנדערע פּרנסות פאַרנעמט ער זיך נישט. בלויז זעלטן אַ מאָל טרעפט זיך, אַז דער באַלעבאָס פאַר וועמען יאָ־סעלע טראָגט די פּעק, גיט נישט אַכטונג און יאָסעלען באַפאַלט אַ יצר־הרע, ציט ער אַ שטיקל סחורה און נעמט עס אונטער דער מאַרינאַרקע. אַרויס־גייענדיק מיט דער מציאה, איז ער אָבער אויפגערעגט, ווי ס׳וואָלט אים געשען אַן עוולה, ער זידלט דעם סוחר ביי זיך אין דער מחשבה און שעלט אים מיט בייזע קללות.

— אין די טריפענע קישקעס דיינע אַריין, שלימזל איינער, קאָנסט נישט אָפּהיטן דיין געשעפט, פאַרנעם זיך נישט מיט קיין מיסחר, נאָר ווער אַ מלמד. דאָס „געצויגענע” שטיקל סחורה בריט אים די הענט, ביז ער ווערט פון דעם פּטור.

ביי איינעם האָט יאָסעלע קיין מאָל גאָרנישט גערירט. און ווי וואָלט געווען צו יענעם, וואָס וואָלט אים פאַרגעזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל ביי אים

עפּעס צוּען. דאָס איז געווען ביי דער פירמע וויינשטיין אָדער ווי אַלע און אויך יאָסעלע האָבן גערופן דעם בעל־הבית ביים נאָמען, ביי בערישן.

— „ביי בערישן וועט ער גנבענען? ווער גיט די שענסטע נדבה, ווען ער, יאָסעלע, גייט צונויפנעמען אויף יום־טוב פּאַר אַ קראַנקן קאָלעגע? בעריש. ווער לאָזט אים שטיין אַ שעה צייט איינעם אַליין אין געשעפט, גייט אַרויס און געטרויט אים דאָס גאַנצע פאַרמעגן? אַלץ בעריש".

— „בעריש איז אַן אייגן מענטשל — זאָגט יאָסעלע — זאָל יאַך פּרוּאַ מאַ קאָפּ באַגראָבן, אײדאַ יאַך וועל באַ בערישן עפּעס רירן". נישט איין מאָל פלעגט ער אָנבערעכן ביי אַ קאָלעגע די ביינער, הלמאי ער האָט ביי בערישן עפּעס געצויגן.

— „בעריש געטראָט מאַ זאַן גאַנץ פאַרמעגן, — באַרימט זיך יאָסעלע אין קיינאַ זאָל זיך נישט דערוועגן אים בדיל הדל שטעלן — די מאָרדעס וועל איך צעטראַסקען".

נישט איין מאָל פלעגט ער אָפּזוכן אַ גניבה, וואָס פרעמדע לאַטכענער האָבן ביי בערישן געמאַכט.

***

איין מאָל איז יאָסעלע נכשל געוואָרן.

— די בראָך האָט מיאַך גענומען — האָט ער נאָך דעם אַליין דער־ציילט. כ'האָב געטראָגן פּאַר בערישן סחורה אין בלימעלעך, נישט פאַרפּאַקט איז זי געווען. און אַזאַ שיינע סחורה איז דאָס געווען, ס'איז גוט געווען פאַר מיין חנהלען אויף העמדער".

אַ שלעכטע מינוט איז יאָסעלען באַפאַלן, ער האָט גענומען אַ שטיקל סחורה און באַהאַלטן עס אונטער די שטיגן און אין דער זעלבער מינוט איז אַנגעקומען בעריש.

— „ער האָט מיך נישט שטאַכעלירט — זאָגט יאָסעלע — און נישט געבייזערט זיך. ער האָט מיך נאָר געפרעגט צי ס'איז דאָס ערשטע מאָל, און צוגעגעבן: — נעם עס דיר, דו דאַרפסט עס מסתמא זייער נייטיק".

— „ווען ער וואָלט מיך דעמאָלט געשלאָגן! — קלאָפּט זיך יאָסעלע אין האַרץ, ער וואָלט כאָטש אויף מיר געשריגן. כ'וועל עס נישט אויס־

האַלטן" — קרעכצט ער אויס. — אַ פּייאַ אין מיאַ אַראַן, אַ בייזאַ מינוט איז מיר באַפאַלן".

ווי אַ שאָטן האָט זיך יאָסעלע אַרומגעדרייט אויף דער גאַס, געקוקט בערישן אין די אויגן אַריין און געבעטן זיך:

— בעריש, אַ בייזאַ מינוט איז אַף מיאַ געקומען, אַ פּייאַ...

***

ווי דראָבנע יאָסעלע איז, ציטערן פאַר אים זיינע קאָלעגן, די גרעסטע און די שטאַרקסטע טרעגער־יונגען פון דער גאַס, אימת מות. ווייל איז צו דעם, אויף וועמען יאָסעלע איז אין כעס. ער צעטראַסקעט אים די ביינער אַזוי, אַז ער וועט שוין אויף זיינע אייגענע פיס נישט אַוועק און וועט נאָך דעם אָפליגן אַ לענגערע צייט אין בעט.

קיין שלעגער איז יאָסעלע נישט. ער קאָן אַפילו נישט קוקן אויף קיין בלוט. ווען ער פירט אַהיים אַ צעממיתטן קאָלעגע אויף אַ דראָזשקע און קוקט זיך צו, ווי ס'יושעט פון אים דאָס בלוט, איבלט עס אים צו ברעכן, ער האָט אָבער פיינט צו לאָזן זיך שפייען אין דער קאַשע.

דעם צעשלאָגענעמס ווייב מיט די קינדער לאָזט יאָסעלע נישט הונגערן. וואָס זענען זיי שולדיק — טראַכט ער זיך — וואָס ער מיטן קאָלעגע האָבן זיך צעדורסט. ער טראָגט זיי אַוועק אַ טייל פון זיין פאַרדינסט, לויפט אין אַפּטייק איינקויפן רפואות פאַרן חולה און לייגט אים צו קאָמפּרעסן צו די צעשלאָגענע ערטער. דאָס האַלט אים אָבער נישט אָפּ ביי אַ צווייטן צוזאַמנעשטויס נאָך אַ מאָל צו צעקלאַפּן אים די ביינער. יאָסעלע פּלייצע־טרעגער איז נישט בלויז אַ מייסטער אויף צו געבן „לייגעס". ער קאָן אַליין אויך כאַפּן די אמתע „לאַטעס" און מאַכט דערביי אַ שווייג, ווי ס'וואָלט אים גאָרנישט געשען.

— אַן אייזערנע הויט ביי אים — זאָגן די חברים — וועסט זי מיט קיין האַק נישט צעהאַקן. צוליב דער אייזערנער הויט האָבן זיי פאַר אים מורא, אָבער נאָך מער ווי דער פחד איז גרויס זייער דרך ארץ פאַר אים.

— ער איז אַ ייִנגל — זאָגן די טרעגערס, רעדנדיק וועגן יאָסעלען און קומען צו אים מיט אַלע סיכסוכים, וואָס מאַכן זיך צווישן זיי, ער זאָל פּסקענען די דין תורה.

יאָסעלע וואָלט זיך קיינמאָל נישט געשלאָגן, נאָר וואָס זאָל ער טון, אַז ווען מען באַליידיקט אים, צעקאָכט זיך ביי אים דאָס בלוט און די הענט גייען זייער אייגענעם וועג, אומגעפרעגט ביי עמעצן. דער עיקר ווערט יאָ־סעלע אויפגערעגט, ווען עמעץ פון זיינע קאָלעגן פאַרגעסט זיך און זאָגט אים „אין דער מאַמען אַריין". די גאַנצע וועלט וואָלט ער אויסגעהרגעט און זאָל ער באַדיי אויך געהרגעט ווערן.

— מאַ מאַמע, עלי השלי, זאָל קיינער ניט טשעפּען. די מאַמע לעבט שוין נישט. זי איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך אַ קליין יינגל געווען, אָבער ער געדענקט זי זייער גוט. אַ קליינע איז זי געווען, אַ דאַרע, ווי זי וואָלט גע־ווען איינגעשרומפּן. ביי די עטלעכע דרייסיק יאָר, וואָס זי איז אַלט געווען פאַרן טויט, האָט זי שוין אויסגעזען ווי אַ זקנה. ער האָט זי זייער ליב גע־האַט, די מאַמען, און ווען ער דערמאָנט זיך וועגן איר נאָגט עס אים ביים האַרץ. דעם טאַטן געדענקט ער אויך, אָבער אים האָט ער נישט ליב געהאַט. דער טאַטע, אַ ייִד אַ גברן, איז געווען אַ שטובן־מאַלער. גאָלדענע הענט — זאָגט מען — האָט ער געהאַט. ער וואָלט געקאָנט פירן אַ שיין לעבן, ער האָט אָבער געשיכורט. תמיד האָט ער אויסגעגעבן אין רעסטאָראַן דעם גאַנצן פאַרדינסט און אַהיימקומענדיק אַ שיכורער, פלעגט ער דער מאַמען, אַנשטאַט פּרנסה, געבן קלעפּ. ער האָט אים, דעם קליינעם יאָסעלע, אויך נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, אָבער די מאַמע פלעגט אים שטענדיק פאַרדעקן מיט איר קערפּער און פלעגט חוץ אירע קלעפּ, צונעמען אויך זיינע. יאָסעלע געדענקט עס גוט און האָט אויף דער מאַמען רחמנות נאָך פאַר יענער צייט. פון דער מאַמעס מויל האָט ער אויפן טאַטן קיינמאָל נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט, ווייזט אויס, זי האָט אים ליב געהאַט, כאָטש זי האָט ביי אים געהאַט אַ שווער לעבן און אויף פּרנסה האָט זי שטענדיק געמוזט אַליין האָרעווען און וואַשן וועש אין פרעמדע הייזער.

יאָסעלע געדענקט, אַז די מאַמע פלעגט שטענדיק אַהיימקומען אין די שפּעטע אָוונטן אַ פאַרמאַטערטע. ער איז שוין דעמאָלט געשלאָפן, ער איז אַוועקגעפאַלן אין אַנטועכץ אויפן אייזערנעם בעטל. די מאַמע פלעגט אים אויפוועקן, נעמען אויף די הענט, געבן אים עסן און דערציילן מעשיות, וואָס זי האָט אַמאָל געהערט פון איר מאַמען. טייל מעשיות געדענקט נאָך יאָסעלע און דערציילט זיי איבער פאַר זיינע קינדער. ער געדענקט, וועגן אברהם,

וואָס האָט געפּירט זיין זון צו דער „קיידע״. ווי ס׳איז געקומען דער מלאך המוות און דערציילט שרהן, וואָס איר מאַן, אברהם, גייט דאָ טוען מיט זייער איינציק קינד, איז זי גלייך געשטאָרבן.

— אוי, אַ מאַמע — זיפצט יאָסעלע — זיין מאַמע וואָלט זיכער אויך געשטאָרבן, ווען מ׳דערציילט איר אַזאַ בשורה. יאָסעלע געדענקט אויך וועגן יעקבס זון, וואָס האָט געהייסן אַזוי ווי ער, און זיין טאַטע האָט אים געקויפט אַ זיידן העמדל און די ברידער האָבן אים פאַר קנאה פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. ס׳קומט אים אויך אין זכרון די מעשה וועגן שרה טובה (שרה בת טובים).

די מאַמע איז הייליק, פאַר איר כבוד וועט ער גיין אין פייער און שלאָגן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. יאָסעלע האָט נאָך קיין איין מאָל אין אַ יאָרצייט נישט פאַרפעלט זאָגן קדיש, כאָטש ס׳קומט אים אָן זייער שווער דאָס זאָגן די עברי. נישט איין מאָל פאַרגיסט זיך זיין האַרץ מיט בלוט, ווען די חסידישע יינגלעך שטייען און מאַכן פון אים חוזק, ווי ער רייבט די עברי. אָפּזאָגן זיך פון קדיש וועט ער אָבער נישט. זאָל זיך די מאַמע דאָרט נישט דאַרפן בראָטן אין גיהנום און זיך נישט שעמען מיט דעם זון, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אויף דער ערד. נאָכן קדיש זאָגן גייט יאָסעלע אַרום אַ צופרידענער, ער האָט שוין באַזאָרגט די מאַמען, ער האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון גיהנום, ווו מ׳וואָלט זי געבראָטן מיט פעסער סמאָלע, און האָט זי אַריינגעזעצט אין ליכטיקן גן־עדן. ער זעט, ווי זי זיצט דאָרט אין גן־עדן און איז זיך מחיה מיט אַ שטיקל פיש, פלייש און טרינקט נאָך אַ ביסל גוטן וויין. יאָסעלע שמייכלט צו זיך:

— זאָל זי דאָרט הנאה האָבן. זי האָט עס דאָ, אויף דער וועלט כמעט קיינמאָל נישט געהאַט.

נאָך דעם טאַטן זאָגט יאָסעלע אויך קדיש. ער האָט נאָך דאָס זאָגן קיין איין מאָל נישט פאַרפעלט, ער טוט דאָס אָבער ווי אַ חוב. פאַרט געווען אַ טאַטע טראַכט יאָסעלע — און מ׳קאָן אים נישט לאָזן אַרומוואַלגערן זיך אין גהינום און ברענען זיך אין פייער. באַזונדער האָט אים די מאַמע פאַר איר טויט אָנגעבעטן, ער זאָל נישט פאַרשעמען דעם טויטן טאַטן.

— איך וועל דאָרט הנאה האָבן, — האָט זי צו אים גערעדט — הערנדיק, ווי דו זאָגסט דאָ קדיש נאָכן טאַטן און כ׳וועל זיך נישט דאַרפן שעמען

פּאָר מײַנע שכנטעס, מיט װעלכע איך װעל דאָרט זײַן צוזאַמען. און אפשר — האָט זי צוגעגעבן פֿאַרשעמט — װעט דאָרט די מאַמע רחל אױך זײַן און איך װעל איר נישט קאָנען קוקן אין די אױגן אַרײַן.

יאָסעלע געדענקט די עװלה, װאָס דער טאַטע האָט געטאָן דער מאַמען און ער שיכורט נישט. װען עס קומט אים אױס אַרײַצוגײן מיט קאַלעגן צו מלכן אין רעסטאָראַן אױף אַ פֿונדע, נעמט ער נאָר אײן כוסה און גײט אַהײם צו זײַן חנהלען. שבת, װען די ייִדישע געשעפֿטן זענען געשלאָסן און יאָסעלע אַרבעט נישט, נעמט ער זײַן חנהלען און גײט מיט איר שפּאַצירן. זײ דרײען זיך אױף דער גאַס אָדער ער פֿירט זי אַװעק אין דעם גאָרטן, װוּ מ׳קאָן זען לײבן, לעמפּערטן און אַנדערע װילדע חיות. שבת בײַנאַכט נעמט ער זי אין ייִדישן טעאַטער אַרײַן.

יאָסעלע איז אַ האָנאָראָװער יאַט און נישט נאָר זײַן אײגענער כבוד איז אים טײַער, נאָר זאָל אַ גױ פּרוּװן אַ טשעפּע טון מיט אַ ייִד אָדער רופֿן אים „זשיד״. יאָסעלע װעט דאָס נישט פֿאַרשװײַגן.

אײן מאָל, אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג איז יאָסעלע געגאַנגען מיט זײַן װײַב שפּאַצירן. צופֿרידענע האָבן זײ זיך געדרײט אױף און אָפּ ניסקע־גאַס, װוּ זײ האָבן געװױנט. זײ האָבן זיך געטראָפֿן מיט חברים, געװױזן זײ די נײַע שיך, װאָס חנהלע האָט זיך געלאָזט מאַכן אױף באַשטעלונג בײַם בעסטן שוסטער, און דעם נײַעם אַנצוג, װאָס יאָסעלע האָט געטראָגן. פּלוצלינג האָט זיך דערטראָגן אַ ידיעה, אַז מ׳שלאָגט ייִדן. בײַם גױישן בית־עולם אױף דזשיקע־גאַס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט „כלבים״ און לאָזן נישט דורכגײן קײן ייִד. אין יאָסעלען האָט זיך אָנגעצונדן דער כעס, ער האָט זיך געלאָזט לױפֿן צו דער דזשיקע און מיטגעשלעפּט מיט זיך יעדן קאָלעגע, װאָס ער האָט אָנגעטראָפֿן אין װעג.

— ייִדן װעלן זײ שלאָגן? — האָט ער זיך צעברומט — אַ רוח אין זײער... און געלאָפֿן מיטן גאַנצן אימפּעט ביז צום גױישקען בית־עולם. די גױים, זעענדיק דאָס קלײנע ייִדעלע, האָבן זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

— אַ נײַער שמשון הגבור — האָבן זײ אים מכבד געװען — אַ נײַער גבור אױפֿגעשטאַנען, װאָס איז געקומען העלפֿן די ייִדן.

— אַנטלױף — האָבן אים ייִדן געװאָרנט. יאָסעלע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטאַרקן כעס.

— מ׳שלאָגט ייִדן, הייסט איר אַנטלויפן? — מיט ברען איז ער אַריין אין געזעמל און געוואָרפן זיך אויף די גויים. יאָסעלע האָט אַליין אויך גע־קריגן קלעפּ, דאָס בלוט האָט געריגען פון זיין צעהאַקטן קאָפּ. ער האָט אָבער אויף גאָרנישט געקוקט און ווייטער זיך געשלאָגן.

— אַ טייוול, — האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן צווישן די גויים — אַ טייוול איז עס דאָך, נישט קיין מענטש — האָבן זיי זיך איבערגעגעבן און אָנגעהויבן אַנטלויפן אין אַלע זייטן.

ווען דאָס געשלעג האָט זיך פאַרענדיקט און יאָסעלע איז אַ צעבלו־טיקטער צוריקגעגאַנגען אויף ניסקע־גאַס, האָט ער זיך נאָך אַלץ געכעסט און נישט געקאָנט באַרויִקן.

— אַנטלויפן האָבן זיי געהייסן, באַהאַלטן זיך, ווען מ׳שלאָגט ייִדן, אין זייער טאַטן...

איטשעלע פון אָסטראָווסקע־גאַסל

די אָסטראָווסקע האָט געהייסן גאַסל. נישט בלויז, ווייל זי איז קליין און שמאָל געווען. אויך איטשעלען, דעם „הויפּט־באַלעבאָס״ פונעם גאַסל, האָט מען נישט גערופן מיטן קינדערישן נאָמען צוליב זיין וווקס, נאָר ביי ביידן האָט מען פאַרצויגן די נעמען, כדי אונטערצושטרייכן די גרינגשעצונג צו זיי. וועגן אָסטראָווסקע גאַסל און זיינע איינוווינער האָבן מאַמעס קיינמאָל נישט גערעדט מיט זייערע טעכטער און באַלעבאַטישע יידן האָבן מיט אים קיין מחזקות נישט געהאַט. האָט ווער געדאַרפט עפּעס פון אָסטראָווסקע, האָט ער עס דערליידיקט דורך אַ פאַרמיטלער: דורך כאַסקעלע „פּיוויאַר־ניק״, וואָס האָט געהאַט זיין רעסטאָראַציע אין דער סאַמע מיט פונעם גאַסל, אָדער דורכן לאָמען שוסטער, וואָס האָט געוווינט אינעם ראָגאָוון הויז.

סיי ביים פּיוויאַרניק און סיי ביים שוסטער זענען זייערע פאַכן נישט געווען די הויפּט־עסקים. דער עיקר האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט טון יידן „טובות״. „צו טון עפּעס פאַר אַ ייד זענען זיי גרייט געווען צו לויפן אין פייער״.

ביידע „בעלי־טובות״ האָבן זיך געהאַלטן פאַר חשובע בעלי־בתים פונעם גאַסל און האָבן וועגן זיך גערעדט אין דער דריטער פּערזאָן:

— „אַז כאַסקל זאָגט, מעג מען שטעלן אויף דעם אַ בריק״ — האָט כאַסקל פּיוויאַרניק פאַרזיכערט און אָנגענומען זיך ביי דער געגאָלטער גאָמבע, ווי ס׳וואָלט אויף איר געוואַקסן אַ בכבודיקע באָרד.

— „אַז דער לאָמער שוסטער זאָגט, איז עס גאָלד״ — פלעגט זאָגן דער צווייטער „בעל־טובה״. ער האָט אונטערגעשטראָכן „דער לאָמער״, ווי אינעם מום וואָלט געלעגן אַ וועלט מיט חשיבות.

כאַסקל פּיוויאַרניק זאָגט, אָדער דער לאָמער שוסטער זאָגט, און גיי גלייב נישט. מען האָט זיי טאַקע געגלייבט און געקומען צו זיי אין אַן עת־צרה.

וואָרעם צו וועמען דען האָט געזאָלט גיין אַ יידענע וואָס מ׳האָט זי באַגנבעט, געלאָזט זי אָן אַ קישן אונטערן קאָפּ? צו אברהם אליהן דעם חסיד, אָדער צו רב אברהם יצחקן? וואָס וועלן זיי איר העלפֿן? איז זי טאַקע גלייך אַוועק אין פּיוויאַרניע, אַרונטער אונטער דער סטאָיקע און שטיל, אַז די געסט זאָלן נישט הערן, האָט זי אַריינגעכליפּעט כאַסקלען וועגן איר אומגליק:

— „טייערער ייד, מ׳האָט מיך געשאָכטן, אָפּגעקוילעט מיך אָן אַ מעסער". זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט נאָר אויף איין מינוט צו אַ שכנטע, און ס׳איז געשען.

— וואָס זאָג איך? — האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט — אויף קיין גאַנצע מינוט אויך נישט. איך האָב אָנגעהאָנגען צוויי שלעסער און געפּרוווט זיי מיט די אייגענע הענט, צי ס׳איז גוט פֿאַרשלאָסן. האַקט מיר אָפּ מיין קאָפּ, ווייס איך נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געמאַכט אין איין מינוט? אַזוי ווי איך האָב נאָר דערזען די אויפֿגעפּראַלטע טיר, האָב איך באַלד פֿאַרשטאַנען מיין אומגליק, — וויינט זי. — זיי האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט, וואָס דאָס איז ווערט — ווייזט זי אָן אויפֿן שפּיץ פֿונעם קליינעם פֿינגער.

— וואָעס? — פֿלעגט כאַסקל נישט דערהערן, וואָס מ׳האָט אים דערציילט. ווען די פּרוי האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט וועגן איר אומגליק, האָט ער עס ערשט דעמאָלט „צעקייט" און אויסשטעלנדיק אַ תמימותדיק פּנים, האָט ער בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין מיט וואָס ער קאָן דאָ העלפֿן.

— וואָס בין יאַך, אַ בעל־מופֿת, כ׳זאָל טרעפֿן ווער ס׳האָט אייך באַגנבעט?

— „איר זענט דאָך אַ טייערער ייד — האָט די פּרוי איין אים אריינגעטענהט. — די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך וועגן אייך. מענדל האָעז האָט דאָך מיך געשיקט צו אייך.

דערהערט וועגן מענדל האָעז האָט כאַסקעלע שוין אָנגעהויבן צו פֿאַר־

שטיין און אַ ווונק געטון צו דער באַגנבעטער, זי זאָל אַריין מיט אים אין קיך, ווו זיי וועלן זיך דורכשמועסן.

— קודם כל, ייִדענע, — האָט ער אָנגעהויבן, ווען זיי זענען נאָר אַרײַבער די שוועל פון דער קיך — קודם כל מוזט איר מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. פאַר אַ דאָקטאָר און פאַר כאַסקלען לייקנט מען נישט. ביי דער שכנטע זענט איר נישט געזיצן קיין מינוט, נאָר איר זענט זיך דאָרט פאַרזיצן גאַנצע פיר שעה, און די טיר האָט איר זיך פשוט געפוילט צו פאַרשליסן. אייער מאַן — האָט כאַסקעלע צוגעגעבן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל — וועט איר קאָנען דערציילן, וואָס איר וועט נאָר וועלן, אָבער נישט מיר. באַלד איז אויך אַריין די פיוויאַרניצע און אָנגעהויבן מיט אַ מוסר־טאָן:

— ווי פאַרזיצט עס זיך אַ פרוי ביי אַ שכנטע גאַנצע פיר שעה? וואָס האָט איר געמיינט, אַז דער מלאך מיכאל וועט אייך היטן אייער דירה? בלויז דערפאַר זענט איר דאָך ווערט געווען גאָטס שטראָף. ס׳איז אייך נאָך געשען אַ נס, וואָס אייערע זאַכן זענען אַריינגעפאַלן צו אַ יונג מיט אַ גאָלדן האַרץ, אַנישט וואָלט איר זיי שוין קיינמאָל נישט צוריקגעזען. וויזט־אויס — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ פרומען טאָן פון אַ פירזאָגערין אין אַ ווייבערישער שול — — —

— „וויזט אויס...״ — האָט כאַסקל צוגעבאָמקעט — ווי ער וואָלט שוין געוווסט פון פריִער, וואָס זיין ווייב וויל זאָגן.

די פיוויאַרניצע האָט בייז אַ קוק געטון אויף איר מאַן ער זאָל זיך נישט מישן אין אירע עסקים.

— „וויזט אויס — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט מיט אַ פרומען טאָן — אַז גאָט שטראָפט נישט מיט דער גאַנצער האַנט״.

— „פאַרוואָס האָט איר נישט געמאָלדן דער פאָליצייִ? — איז כאַסקל אַריינגעפאַלן אין זיין ווייבס רייד. — ווי גייט מען עס נישט אין קאָמיסאַריאַט, מ׳זאָל אייך העלפן זוכן די גנבה? אויף דעם זענען זיי דאָך דאָ, די גראַנאַטאַנע חברה!״.

— „איך בין נישט שולדיק — האָט זיך די ייִדענע פאַרענטפערט. — מענדל האָעז האָט מיך אַזוי געלערנט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל גיין צו דער פאָליצייִ, וועל איך שוין מיינע זאַכן קיינמאָל נישט צוריקזעען״.

דאָס פאָרפאָלק האָט זיך צופרידן איבערגעקוקט. זיי האָבן טאָקע גע־

וואָלט וויסן צי די פּאָליציי פאַרנעמט זיך נישט מיט דער גנבה. כאַסקל האָט אַרויפגעצויגן די קאַפּאָטע אויפן שפּענצערל, אין וועלכן ער איז געשטאַנען אונטער דער סטאָיקע און זיך געלאָזט צו דער טיר. באַלד האָט ער זיך צוריקגעצויגן: ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט.

— „ס׳וועט גוט זיין — האָט ער נאָך אַ ביסל קלערן אַ זאָג געטון צו דער באַגנבעטער. — אַז כאַסקל זאָגט, מעג מען שטעלן אַ בריק. גייט אַהיים, זאָגט תהילים און גרייט צו צדקה. ס׳וואָלט נישט געשאַדט, איר זאָלט שוין עפּעס געבן אויף ר׳ מאיר בעל נס. זעענדיק, אַז די פרוי פאַרשטייט אים נישט, האָט ער צוגעגעבן: — אויף יעדן געשעפט מוז מען געבן „האַנט־געלט״.

מיט אַ שווער געמיט האָט די פרוי אַרויסגעשלעפּט די פּאָר גילדן „האַנט־געלט״ — געלייגט „דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן״. זי האָט פאַר־לאָזט די פּיוויאַרניע מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ מיין זיך נאָך אַריינצוכאַפּן צום לאָמען שוסטער.

— מאַדאַם, — האָט איר כאַסקעלע נאָכגעשריגן — מאַדאַם, איר זאָלט אַמאָל נישט גיין פאַרריכטן די שיך, אַנישט וועט אייך ר׳ מאיר בעל נס אויך נישט העלפן״.

נאָך איר אַוועקגיין האָט כאַסקעלע אַ רוף געטון חיימל פאַרך און גע־הייסן אים צוגרייטן דעם „פּגר״. מ׳האָט צוגעשלאָגן דאָס מיסחר אויף חצי שלי און חצי שלך, חוץ אַ פונדע, פון בראָנפן מיט געגנדזענע פּופּקעס פאַר דער גאַנצער חברה, וואָס גייט אויף כאַסקלס חשבון.

נישט קיין קלענערער בעל־טובה איז געווען דער לאָמער שוסטער. כדי צו העלפן אַ ייִדן, איז ער גרייט געווען יעדע מינוט אַוועקצולייגן דעם שטיוול איבער וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט נאָר געמוזט וויסן פריִער, צי מ׳האָט זיך נישט אַמאָל „איינגעטונקען דעם האַלדז״ ביים פּיוויאַרניק. באַלד האָט ער אַ נעם געטון אַ פּאָר שטיוול אונטערן אָרעם און געהייסן צו־וואַרטן.

— איך וועל נאָר אָפּטראָגן דאָס באַשטעלונג און גלייך לויף איך גע־וויער ווערן צי ווער פון מיינע שכנים ווייסט עפּעס פון דער גנבה. נאָך זיין אַוועקגיין האָט זיך צוגעזעצט די שוסטערקע:

— „איר מעגט זיין גליקלעך, — האָט זי מיטבאַדויערנדיק געטרייסט

די באַגנבעטע — וואָס איר האָט אַרײַנגעטראָפן צו מײַן מאַן. ווי האָט מײַן מאַמע, עליה השלום געזאָגט: צי שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. וואָס ווייסט איר, וואָס פֿאַר אַ טײַערער מענטש מײַן מאַן איז! די גאַנצע וועלט רעדט דאָך וועגן זײַן גאָלדן האַרץ".

— „מ'האָט מיר טאַקע אָנדערצײלט וועגן זײַן גוטהאַרציקייט — האָט ווײנענדיק באַשטעטיקט די געקומענע. באַפֿאַר גאָט און נאָכהער אײַער מאַן — האָט מען מיר געזאָגט, וועל איך צוריקקריגן די זאַכן".

אין געוועלבל האָבן זיך גענומען דרייען „קל:ענטן" מיט „רעפּאַראַ־ציעס". זיי זענען געקומען אַ „ניוכע" טון צי מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן. די שוסטערקע האָט נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג פֿון אירע קל:ענטן און ווען זי האָט אויפֿגעכאַפּט אַ צייכן, אַז מ'קאָן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן פֿון תוך:

— „גוט, טוט, אדרבא, אַ קוק ווי אַ גאָלד דאָס איז, אַזויפֿיל שעה'ן שוין פֿאַרלוירן פֿאַר אײַערטוועגן און ער לויפֿט נאָך אַלץ אַרום זוכן. אַזאַ יקרות, ווי היינט איז און די קינדער דאָס ביסל עסן דאַרף מען דאָך אויך געבן; און ער, גאַנצע טעג האַלט ער אין איין אַרומלויפֿן באַמ:ען זיך פֿאַר ייִדן. היינט פֿאַר דעם, מאָרגן פֿאַר אַ צווייטן".

— איך וועל אים פֿאַר אַלץ באַצאָלן — האָט די באַגנבעטע געזאָגט — איך וועל אײַך נישט טון קיין עוולה".

— ווער רעדט דען פֿון אַן עוולה, קרוינעשי —האָט איר די שוסטערקע אָפּגעווענדט מיט אַ האַרציקן קול. איך רעד נאָר אַזוי, ווי אין די היינטיקע צײַטן מ'היט דאָס נישט אָפּ דאָס ביסל האָב און גוטס. אַ נס, וואָס איר האָט אָנגעטראָפֿן אויף רחמנותדיקע יונגען. ס'איז דען יונגען, איז עס דען? ס'איז דאָך ברילִיאַנטן! וואָס זאָלן זיי נעבעך טון, אַז נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, ס'איז דאָ אַ פֿולע שטוב מיט קינדערלעך, קיין עין הרע. נו, קאָן אַ טאַטע צוקוקן ווי קינדער הונגערן? זעט מען אַן אָפֿענע טיר, נעמט מען, וואָס ס'לאָזט זיך. אַז אַ ייִד איז נישט קיין נאַר, מאַכט ער נישט קיין טאַראַ־ראַם מיט פּאָליציי און מען קומט אַדורך. און ווער איז די פּאָליציי, מיינט איר? זיי זענען דען בעסער? יעדער זאָרגט היינט נאָר פֿאַר זיך".

— „אַן עלטערן חבר, וואָס קאָן שוין נישט גיין אַרבעטן — מאַכט די שוסטערקע אַ פֿרומע מינע — מוז מען אויך אויסהאַלטן און דעם רב די פֿאַר זלאָטעס „וואָכעס", דאַרף מען דאָך אויך געבן. וואָס צו גאָט, איז צו

גאָט — פאַרגלייזט זי די אויגן קעגן הימל. — איז טאַקע גוט, וואָס איר האָט אָנגעטראָפן אויף רחמנותדיקע יונגען און זיי הייסן זיך מער נישט געבן, ווי... ביי אַנדערע וואָלט איר זיך גאָרנישט געקאָנט אויסקויפן...״.

— „וואָס רעדט איר, טייער מענטש, די זאַכן זענען דאָך גאָרנישט ווערט, וואָס איר הייסט זיך באַצאָלן!״.

— איך הייס זיך דען באַצאָלן, קרוינעשי? ווען ס׳וועט זיך אין מיר, וואָלט איך אייך געהייסן אַוועקגעבן די זאַכן אָן אַ גראָשן געלט, כאָטש צוריקגעשמועסט זענט איר זיך אַליין שולדיק. און אויב ס׳איז נישט ווערט — קאָן שוין די שוסטערקע נישט פאַרליידן קיין עוולה — אַז ס׳לוינט אייך נישט, איז דאָך די ברירה ביי אייך. מיין מאַן קאָן אייך נאָר צוהעלפן אויפֿזוכן די זאַכן, אָבער דערלייגן פון זיין טאַש, איז ער דאָך נישט מחויב״.

אַדורכגעקומען מיטן פּריז, ווערט דאָס געלט איינגעלייגט ביים אָסטראָווסקער רב און דער „פגר״ וואַנדערט צוריק אַהיים.

***

הויפּט־באַלעבאָס פונעם געסל איז אָבער געווען איטשעלע, דער אייגנטימער פונעם גרויסן הייזל. די גרעסטע צאָל כלות, פון גאַס, זענען געווען זיינע און ווי איז געווען צו אַ מויד, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג צו אַ צווייטן. אין מיטן העלן טאָג האָט ער זי אַרויסגעשלעפּט אין גאַס און אַרויסגעהאַקט פון איר דאָס חיות. קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט — די מויד איז זיינע און קיינער האָט נישט קיין פּראָווע צו זאָגן אים אַ דעה. האָבן די מיידלעך אים געקוקט אין די אויגן, גרייט אויסצופירן יעדן פאַרלאַנג. אַ מויד האָט זיך אַמאָל אַרויסגעריסן פונעם געסל און חתונה געהאַט, האָבן די „קאַלעזשאַנקעס״ זי באַגלייט מיט קנאה און אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט: אפשר וועט מיך אויך טרעפן אַזאַ גליק?!

דאָס געסל האָט געשווימלט פון טרעפערינס און קאָרטן־לייגערינס — פון אַלטע צעקנאָדערטע ווייבער מיט טרעף־ביכלעך, „קאַבאַלעס״, ביינדלעך און קאָרטן. צווישן טאָג און נאַכט, ווען די מיידלעך מיט אונטערגעהאַקטע אויגן פון נישט־דערשלאָפענע נעכט, זענען אַרויסגעקראָכן פון די בעטן, האָבן די טרעפערינס זיך אַ לאָז געטון לייענען זיי דאָס דאָברי מזל. ציגייערינס האָבן דורכגעמישט טאָליעס קאָרטן, פונאַנדערגעלייגט זיי אין קופּ־

קעס און געהײסן אױף יעדער קופּקע אַרױפֿלײגן עטלעכע גראָשן. די געלע לאה — אַ געװױנטע „מומע״ — האָט געטראָפֿן דעם גורל פֿון די מײדן דורך אַ דרײדל, װאָס זי האָט אַ װאָרף געטון אױפֿן טראָטואַר. דאָס „דרײדל״ האָט זיך געדרײט און לאה האָט עס באַשװױרן ס׳זאָל זאָגן דעם אמת. דער „אַלטער המן״, װאָס איז אַמאָל געװען אַ דרדקי־מלמד בײַ מײדלעך, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ סידור. ער האָט אַרײַנגעשטעקט אַ טײטל צװישן די בלעטער װוּ דער טײטל האָט אַרײַנגעטראָפֿן, פֿון דאָרט האָט ער אַרױס־געלײענט אַלץ, װאָס װעט געשען.

אַממערסטן האָט אָבער די אָסטראָװסקע געגלײבט די ציגײַנערינס, אין דער מיט גאַס האָבן זיך אױסגעזעצט די מײדן מיט די קאָרטנלײגערינס, װאָס האָבן זײ אַרײַנגעהױכט גלײַך אין פּנים און געשעפּטשעט געהײמפֿולע נביאות־רײד:

— „פּאַר דער דאַזיקער זאָלסטו זיך היטן — װײַזט אָן אַן אַלטע ציגײַ־נערין אױף אַ פּרױען־פֿיגור פֿון די קאָרטן. — זי װיל דיר שלעכטס טון. אַ כּישוף װיל זי דיר אָנטון און אָפּרעדן דעם חתן װיל זי דיר. און די צװײטע — װײַזט זי אָן אױף אַ צװײטער פּרױען־פֿיגור — און די צװײטע העלפֿט איר אונטער. אין די אױגן שמײכלען זײ צו דיר, אָבער זײ זענען דיר פֿאַלש.

די מױד שטײט אױף אָן אױפֿגערעגטע — זי װײסט שױן װער דאָס איז.

— אַ הױכע? — פֿרעגט זי איבער דער ציגײַנערין, פֿלאַמענדיק פֿון כעס — אַ בלאָנדע, האַ?

אָט, אָט — באַשטעטיקט די ציגײַנערין — אַ הױכע, פּרינצעסין מײַנע, אַ בלאָנדע.

— אַ קאָסאָקע מיט לאָקן? — פֿרעגט איבער די מױד מיט שום אױף די ליפּן.

— אַ קאָסאָקע מיט לאָקן — באַשטעטיקט װײַטער די ציגײַנערין.

כ׳האָב אָבער באַלד געװוּסט — קלאַפּט זיך דאָס מײדל איבער די ברוסטן, — כ׳האָב אָבער באַלד געװוּסט, אַז זײ זענען פֿאַלשע. כ׳האָב דען נישט געזען נעכטן אין דער פֿרי און הײַנט, װי זײ האָבן גערעדט מיט מאיר טשאַמפּ און נאָך דעם האָבן זײ זיך געסודעט? איך װעל זײ שױן — די הױכע

רוזשקען מיט דער גראַבבער לאהן... — און אַ בייז פייער בלאַסקעט אין אירע אויגן איך וועל זיי שוין די שליפּיעס אויסברענגען...״

— כ׳זע — לייענט פּאַר אַ צוויטע, אַ יונגע ציגיינערין, וואָס קאָן נאָך נישט גוט דאָס געסל — כ׳זע, ווי אַ רייכער קאַוואַליער רייסט זיך צו דיר. דאָס איז ער — ווייזט זי אַן אויף אַ מלך אין די קאָרטן — אַ יונגער איז ער און אַ שיינער איז ער, קייסערין מיינע. אין פּאַלאַצן וווינט ער, קייסערין.

דאָס מיידל רייסט איר אַ בייזע איבער אין דער מיט. אַ שאָד די פּאָר גראָשן, און אַ שאָד די צייט, וואָס זי זיצט דאָ מיט איר — אין אַזעלכע נסים גלויבט זי נישט. זי שטייט אויף און לאָזט זיך גיין צו אַ צווייטער ציגיינערין.

— קוק — שרייט איר נאָך די ערשטע ציגיינערין — אַט האָסטו דאָך בפירוש אַ קאַוואַליער.

— טראָג זיך אָפּ — שרייט די מויד — דיינע קאָרטן זענען נישט פאַר אונדז — מיט זיי קאָנסטו גיין אין די רייכע הייזער צו די יאַלדישע פּאַ־ניענקעס.

ביי אַ דריטער שיינען גליקלעך די אויגן. די קאָרטן ווייזן אָן אויף אַן אייגענעם יאַט, אַ קראַדניק, וואָס דאַוואַליעט זיך צו איר.

— אַט זעסטו — ווייזט אַן אַלטע ציגיינערין, אַ שטענדיקע איינגייערין אויף אַסטראָווסקע. — זעסט, ווי ער וויל צו דיר גיין? דער אַ, — ווייזט זי אָן אויף אַ צווייטער קאָרט דערלאָזט נישט. ער האָט אים פאַרשלאָסן אונ־טער קראַטעס. און אַט זע איך ווייטער — ציט די ציגיינערין — ווי דיינער שפּרייט פונאַנדער די קראַטעס און לויפט גלייך צו דיר. זעסט, ווי ער לויפט? — ווייזט זי אויף אַ קאָרט מיט פיגור פון אַ לויפנדיקן.

דאָס מיידל קוקט נישט אויף די קאָרטן, זי גלייבט איר אויפן וואָרט.

— „אַ בראָך איז צי מיאַ״ — שרייט זי אויס אַ גליקלעכע דערפון, וואָס מען דאַוואַליעט זיך צו איר.

— „אַ שוואַרצער איז ער, האַ? — בייגט זי זיך צו צו דער ציגיינערין און אָטעמט איר הייס אין פּנים אַריין. און מ׳האָט אים איינגעזעצט מיט אַ האַלב יאָר צוריק, האַ?

— „מיט אַ האַלב יאָר צוריק״ — באַשטעטיקט די ציגיינערין.

— „און ער ענדיקט שוין דעם וויראָק, האַ?״

— „ער ענדיקט שוין „מיידעלע מיינס״.

— „אַ בראָך איז צו מיר — חזרט זי איבער מיט פרייד און כאַפּט קושן די טרעפּעריך, — יאָך וועל געבן אַ פונט לעכט אין שול אַריין״. זי ווייס שוין ווער דאָס איז. ס׳איז דאָך זלמן, דאָס גאָלדענע הענטל, נאָך ווע־מען זי קריגט שוין לאַנג די נכפה.

זלמן — חלומט זי — איז שוין אַרויס פון דער „טשופּע״ און ס׳גייט אים קיין נעהאָרע. ער אַרבעט אויף די טראַמווייאיען און די פריי דינט אים. שבת גייט זי מיט זלמענען שפּאַצירן. אויף אַלע פינגער טראָגט זי ברילי־אַנטן, וואָס זלמן האָט איר געגעבן און די קאָלעזשאַנקעס זענען זי מקנא.

זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ שוועל, באַהאַלט דאָס פּנים צווישן די קני און זינגט פאַרבענקט אַ לידל:

פייגאַלע, פייגאַלע, זיסע,
גיב אַ פּאַטש אַראָפּ צו מאַן חתן אין תפיסה,
ברענג אים אַ בשורה, אַ זיסע,
אַז באַפרייט וועט ער גיין פון דער תפיסה.

פון אירע אויגן קאַפּען טרערן. זיי רינען איר איבער די באַקן און שווענקען אַראָפּ די שוואַרצע און רויטע פאַרבן, מיט וועלכע זי איז גע־מאַליעוועט.

אין געסל באַווייזט זיך איטשעלע מיטן אַדיוטאַנט, וואָוטשע נאָז. זיי קוקן זיך אַרום און זעען די מיידלעך זענען פאַרנומען מיט די טרעפּערקעס.

— „מיידן — שרייט איטשעלע מיט אַ הייזעריק קול — צו דער אַרבעט!״.

***

ערב „יאָרן קיפּאַ״ (יום־כיפור) פלעגט די אָסטראָווסקע פרום ווערן. ס׳האָבן זיך געשלאָסן די „געשעפטן״ און אַלע זענען אַוועק אויפן „גוטן אָרט״ (בית־הקברות). די מיידלעך האָבן צונויפגעשלעפט יעדן אָפּגעשפּאַרטן גראָשן, וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו באַהאַלטן פון זייערע „באַשיצערס״ אויגן. זיי האָבן אויפגעזוכט דעם „אל מלא רחמים״־מאַכער מיט דער שענס־

טער באָרד — זאָל ער „זאָגן" וואָס מ׳דאַרף פאַרן טאַטנס, פאַר דער מאַמעס נשמה. זיי האָבן אים פאַרויס אַריינגעשטופּט די פּאָר גראָשן אין דער האַנט און געבעטן, ער זאָל זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט ביי די „סחידים".

— הערן זי, רב ייִד, — האָט אַ מיידל געפּליסטערט און אַראָפּגע־שלעפּט דעם קאַפּטוך ביז איבער די אויגן. — מיינען זי נישט, אַז מיין מאַ־מעליו איז אויך געווען אַ... זי פלעגט זיך קרעקן מיט די ווערטער און נישט וויסן, ווי אַזוי גיט מען איבער מיט די ריכטיקע ווערטער, אַז איר מאַמע איז געווען אַ כשרע ייִדישע טאָכטער.

— „זי וועלן פון מיר קריגן אַן עקסטראַ צענערל" — האָט אַ צווייטע אים איינגערוימט און אַרומגעקוקט זיך, צי אַנדערע האָבן נישט געהערט. אַלע צוליב טון קאָן ער דאָך נישט און זי וואָלט וועלן, ער זאָל זאָגן ספּע־ציעל עפּעס פאַר אירעטוועגן.

דער „מלא"־מאַכער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער נאָענטסטער מצבה און אָפּגעזונגען אַן „אל מלא רחמים" שהלכה לעולמה, — האָט ער גע־קרייזלט די ווערטער — בעבור שבתה...

— „ווי הייסן זי?" — האָט ער אַ פרעג געטון ביי איינער פון די מיידלעך.

— „פריידעשי" — האָט מיך מיין מאַמעליו גערופן.

— בעבור — האָט דער „מלא"־מאַכער איבערגעחזרט, שבתה פריי־דעשי נדבה לצדקה... די מויד האָט זיך אַרומגעקוקט צי ס׳האָבן די קאַ־לעזשאַנקעס געהערט ווי דער ייִד האָט געצירקלט דעם נאָמען, מיט וועלכן איר מאַמע האָט זי גערופן, ווען זי איז נאָך געווען אין דער היים. זאָלן זיי וויסן, אַז נישט שטענדיק איז זי געווען מאיר טשאָמפּס כלה.

— „זאָגן זי פאַר מיין פעטער דוד אויך דאָס זעלבע" — האָט זי אים געשטופּט נאָך אַ פּאָר גראָשן אין האַנט אַריין. זי האָט געוואָלט הערן נאָך אַמאָל, ווי דער ייִד זינגט אויס איר נאָמען פון דער היים.

איינע נאָך דער צווייטער האָבן די מיידלעך צוגענענט. יעדע פון זיי האָט ביים „בעבור" אָנגערופן דעם נאָמען מיט וועלכן מ׳האָט זי גערופן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד.

— „בעבור שבתו חנהלע", — האָט דער „מלא־מאַכער געזונגען מיט אַ ווייבערנדיק קול, בעבור שבתו זעלדעלע, בעבור שבתה גיטעלע, בעבור שבתה שבעלע" — ביז ער האָט אָפּגעזאָגט פאַר אַלע מיידלעך.

די מיידלעך זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער און געכליפּעט אַן ווערטער.

וואָס וועלן זיי רעדן? איין מזל ביי אַלע.

אויסגעוויינט זיך איז מען אַריין אין אַ געוועלבל, געקויפט אַ גרויס יום־כיפור־ליכט פאַר דער טויטער שול — דאָס בית התפילה אויפן בית־עולם.

***

פאַרנאַכט, נאָכן פאַרפאַסטן איז מען אַוועק אין שול. פאַראויס זענען געגאַנגען די מאַנצלייט אין גראַנאַטענע אובראַניעס און מיט נייע ברוינע מאַטשעיוווקעס אויף די קעפּ. די מיידלעך אין ווייסע קליידער, אַרומגעהילט די קעפּ מיט דערעס, זענען געגאַנגען נאָך זיי מיט פרום־אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די מענער — גרויסע, צעיוירענע יונגען, האָבן געשפּאַנט מיט שווערע טריט, איבערטראַגנדיק די פולע קערפּערס פון איין פוס אויפן צווייטן. ווער ס'האָט געהאַלטן די הענט אין די הויזן־טאַשן, ווער ס'האָט זיי פאַרלייגט פון הינטן, אָדער געשפּילט זיך מיט די דעוויזקעס, וואָס האָבן זיי נאָכגעהאָנגען ביי די וועסטן.

שטיל שפּאַנט די אָסטראָווסקע און רעדט נישט קיין וואָרט — אַן ערנסטע שעה. אין אַזאַ צייט איז בעסער אַ וואָרט וויניקער. מ'זאָגט, אַז דער „נישט־גוטער" דרייט זיך איצט אַרום אויף דער וועלט און וויל כאַפּן יעדן ביי דער צונג. ס'הערן זיך נאָר די פוסטריט פון די „בעלי־בתים" און פון זייערע כלות, וואָס גייען אין דער „טויטער שול" אויפן בית־עולם.

דער בית־עולם ווערט פול מיט מתפללים. ס'זאַמלען זיך באַזונדערע קאָמפּאַניעס. יעדע לויטן פאַך. פאַרויס גייען מיוחסדיקע פּאַכן, ווייטער קלע־נערע מורינוס. ס'שטייען באַזונדער „באַשיצערס" פון מיידלעך — חתנים, גנבים, מאַרעוויכערס, ציערס, קלאַפּערס און פאַסערס. צום סוף די בעט־לערס, שלעפּערס, קרומע, לאָמע און אַנדערע בעלי־מומים. די וואָס זענען

געקומען פרי, זענען אַרײַן אין שול. פּאַרשפּעטיקטע האָבן שוין נישט קיין אָרט אינעווייניק און שטייען אין דרויסן צווישן די מצבות. קיין סידורים האָט מען נישט געבראַכט — זיי קאָנען סײַ ווי נישט לייענען — האָרכט מען זיך אײַן, ווי דער חזן זאָגט שוין פאַר אַלע, און ווען ס׳טראָגט זיך פון אינעווייניק אַן אמן, שרייט מען נאָך אויפן הויכן קול, — גאָט זאָל הערן, אַז זיי זענען מסכים.

מוצאי יום־כיפּור, אויסגעבלייכטע פונעם גאַנצן טאָג פאַסטן און פונעם שטיין אויף די פיס, איז מען אַהיים געגאַנגען צופרידענע, זיכערע, אַז זיי זענען נישט ערגער פון די יאָלדן, וואָס האָבן געדאַוונט אין אַנדערע שולן. גאָט האָט זיי זיכער אָנגעשריבן אַ גוט קוויטל.

די אָסטראָווסקע־גאַס גייט פּאַמעלעך, כאָטש מען וואָלט שוין געוואָלט זיין בײַ כאַסקעלען און אַ שווענק־טון דעם מאָגן נאָכן תענית. איטשעלע גייט פון פאָרנט מיטן אַדיוטאַנט, זיי רעדן נישט צווישן זיך. איטשעלע איז פאַרטראַכט. פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ, דרייט זיך אויס צו מיידלעך און טוט אַ רוף מיט זיין הײַזעריקער שטים:

— הערט, מיידלעך! — איטשע וויל זיי דערציילן, וואָס ער האָט היינט באַשלאָסן. ער וויל זיי זאָגן, אַז ער מאַכט זיי היינט אַ „יאָנטעף״ — זיי וועלן היינט נישט אַרויס אין גאַס. זאָגן וועט ער זיי, אָבער ער וויל, אַז גאָט זאָל עס הערן. זאָל ער וויסן, אַז איטשעלע קאָן זיך אָפּדינען פאַרן גוטן קוויטל, וואָס ער האָט אים היינט אָנגעשריבן.

איטשעלע פאַרענדיקט נישט. פרישע מחשבות האָבן אַ שטראָם געטון אין זיין מוח. ער וויקלט די גראָבע דעוויזקע פונעם טאַשן־זייגער אַרום די פינגער, אַ סימן אַז ער איז זייער צופרידן און רעדט צו זיך אַליין:

— איז מיין נאָמען נישט איטשעלע, אויב יאָך קויף נישט מאָרגן אַ מאַנטעלע פאַר דער תורה פון דער טויטער שול, וואָס איז? זי איז ווייניקער בעל־יחסן פון די תורות פון די יאָלדישע שולן? ער האָט היינט אַרײַנגעקוקט אין אַ שול אַרײַן, האָט ער געזען, ווי די תורות זענען אָנגעטון אין ווייסע, סאַמעטענע מענטעלעך און אין דער „טויטער שול״ טראָגט זי עפּעס אַ לייוונטענע שמאַטע.

— „און דערלייגן אונדזער רבין אויף די „וואָכעס״ וועל איך טאַקע אויך״, — קלערט איטשעלע ווייטער. ער באַשליסט נאָך אַ שמועס טון מיט די יאַטן, זיי זאָלן אויך טון דאָס זעלבע.

— ווי לאַנג זדאָכניען זיי, וועט זיך קיין איינער נישט אַרויסדרייען, זאָל נאָר ווער פּרווון נישט וועלן. אַ נייעם ספּאָדיק וועט מען קויפן דעם רבין און אַ נייע גלאַנצנדיקע קאַפּאָטע און אַפילו אַ שטעקן מיט אַ ביינערן הענטל. וואָס איז? — פרעגט איטשע ביי זיך אַליין — ס׳קומט אים נישט? צו וועמען גייען די יאַטן אויף אַ דין־תורה? די יאַלדישע רבים וואָלטן דאָך צומאָל נישט געוואָלט אויסהערן.

— „יאַטן!״ — האָט איטשעלע אַ רוף געטון צו דער חברה און גע־וואָלט זיי איבערגעבן זיינע פּלענער. די יאַטן האָבן זיך דערנענטערט און נאָכגעגאַנגען אים טריט ביי טריט, וואַרטנדיק, ער זאָל זיי שוין זאָגן, נאָך וואָס ער האָט זיי גערופן.

אין ווינקל פון גאַס האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן מיט ייִדן, וואָס זענען אַרויס פון אַ שול און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מחדש זיין די לבנה.

איטשעלע איז צו צום געזעמל און צוגעהערט זיך ווי יעדער פון די ייִדן רעדט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אַרויף גלייך צום הימל.

— „יאַטן!״ — האָט ער אַ געשריי געטון צו דער חברה — „ווער פון אייך קאָן אויך אַזוי אַרויפרעדן צו גאָט? אַנו, פּרווו״ — האָט ער אַ רעווע געטון צום „אַדיוטאַנט״, וואָס איז געגאַנגען לעבן אים.

— „מען דאַרף רופן דעם רבין״ — האָט דער אַדיוטאַנט אַ בורטשע געטון. זאָל ער רעדן מיט גאָט. מ׳צאָלט אים דערפאַר.

איטשעלע האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט קאָכט אין אים. בחינם, דאַכט זיך, אָפּגעפּאַסט אַ גאַנצן מעת־לעת. ער איז נישט גלייך צו זיי.

— „אונדז וועט גאָט נישט געבן קיין גוט קוויטל״ — האָט ער אַ טראַכט געטון. ער וועט דאָס באַהאַלטן פאַר אייגענע, פאַר די יאַלדן, וואָס רעדן אַליין אַרויף צו אים. איטשעלע האָט דערפילט, ווי מ׳וואָלט אים אַ בראַקע געטון אין פּנים.

— „יאַלדן, אין אייערע טאַטעס אַריין״ — האָט ער זיך אַ ריס געטון צום געזעמל ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען און אונטערגעשפּרונגען „קדוש,

קדוש״. איטשעלע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, אַ כאַפּ געטון אַ שטיין, אַ וואָרף געטון אים קעגן דער לבנה און געלאָזט זיך לויפן צו דער אָסטראָווסקע־גאַס.

— „מיידן!״ — האָט ער אַ געשריי געטון צו די מיידלעך, וואָס האָבן זיך נאָך אים אַריינגעשאַרט צו כאַסקעלען אין דער פּיוויאַרניע.

— „מיידן — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ כריפּענדיק קול און אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש — אָפּגעפּרעסן און אַרויס אין גאַס!״.

מען פירט יאַכעטלען צו דער חופּה

אויף דער גאַנצער וועלט איז היינט וואָכנטאָג. ווער ס׳האַנדלט, און ווער ס׳אַרבעט, ווער ס׳פירט אויס די פאַרשידנסטע מלאכות, וואָס מע טוט אין אַ געוויינטלעכן אַרבעטס־טאָג. אַזוי איז אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט אויף סמאָטשע־גאַס. אויף סמאָטשע־גאַס איז היינט אַ יום־טוב, און נישט סתם אַ יום־טוב, ווי אַנדערע יום־טובים, וואָס יעדער פּראַוועט אים באַזונדער ביי זיין אייגענעם טיש און בלויז מיט דער אייגענער משפּחה. די סמאָטשע־גאַס פּייערט היינט אַ בשותּפותדיקן יום־טוב, אַ בציבורדיקן.

העשל דער פּיוויאַרניק האָט אויף דעם טאָג איבערגעגעבן זיין רעס־טאָראַציע צו די ווייבער. האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די באַלעבאָסטעס, פאַר־שאַרצט די אַרבל און אַוועקגעשטעלט זיך קאָכן, באַקן און פּרעגלען פון כל־טוב.

יעדער ווילע דעקט אַ באַלעבאָסטע אָפּ אַ טעפּל, וואָס „צוואַלעוועט״ אויפן פייער און ס׳קאָכט זיך אין אים אַ יויך אָדער ס׳דעמפּט זיך דאָס קעלבערנס, און צעטראָגט פאַר דער גאַס די בשורה, אַז ס׳איז מאַרצעפּאַ־נעס. דערביי שפּייט זי אויס דריי מאָל, זי זאָל, חלילה, אַליין נישט געבן קיין „נעהאָרע״.

אונטער די פיס פּלאָנטערן זיך דרייצן־פערצניעריקע מיידלעך, טעכ־טערלעך פון די באַלעבאָסטעס, וואָס ווילן צוהעלפן זיך פּאָרען און אויפ־כאַפּן דערביי אַ וואָרט, וואָס עס רעדן צווישן זיך די מאַמעס וועגן היינטיקן יום־טוב.

די מאַמעס טרייבן זיי פון קיך — ס׳איז נישט פאַר זיי. די קינדער שטויסן זיך אָן אויפן געשעעניש, נעמען זיך צונויף אין די ווינקלען און

מיט פלאַמענדיקע בעקעלעך און בלישטשענדיקע אייגעלעך גיבן זיי זיך איבער די פּרטים פונעם נייס און קוקן דערביי צו די מאַמעס זעען נישט.

די מאַמעס, כאָטש פאַרפאָרעטע ביי דער אַרבעט, פילן אויס, וואָס עס געשעט ביי זייערע יונגע טעכטערלעך און ווינטשן זיך, זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן פון אַזעלכע שמחות.

ס׳פּאָרען זיך אויך די מענער פון סמאָטשע־גאַס. אויך זיי זענען אַריינגעצויגן אין די הכנות צום היינטיקן יום־טוב.

ס׳האָט זיך נישט אָוועקגעזעצט צו זיין וואַרשטאַט יאַנקל דער שוסטער. ער נעמט נישט אָן קיין רעפּאַראַציעס, ווען מ׳זאָל אים אָפּגילטן. ס׳אַרבעטן נישט יונה דער שניידער, מאָטעלע סטאָליער און אַפילו לייבעלע פּליִיצע־טרעגער, וואָס האָט אַלע יום־טובים, אויסגעקלערטע פון בורזשוקעס, אין „דרעיאַד״, האָט היינט נישט אַרומגעבונדן די שטריק אַרום די לענדן און נישט אַוועק אין גאַס צו דער אַרבעט.

ווי אַלע שכנים, דרייט ער זיך אַרום, אָנגעטון אין דער נייער „נאָבראַ־ניע״ — דעם אַנצוג, וואָס ער האָט זיך געמאַכט פּסח־צייט, און שפּייענדיק כסדר אין די פאַרגרעבטע דלאָניעס חזרט ער איבער מיט ברען זיין פאַר־שלאַג, אַז היינט זאָל מען ברענגען דעם חסידישן רב מיט דער ווייסער וואַטענער באָרד און ס׳זאָל זיין די אמתע חתונה.

אויף סמאָטשע איז היינט אַ חתונה.

מען פירט מיט כוח אונטער די חופּה־שטאַנגען דעם הויכן משהן פון וואָלינסקע־גאַס מיט יאַכעטלען פון סמאָטשע. די חופּה — פיר שטעקנס, צוגעבונדענע צו אַ קאָלירט טישטעך — איז שוין גרייט. זי שטייט אויפן הויף און ס׳היטן זי עטלעכע שטאַרקע יונגען, מ׳זאָל זי נישט צולאַטכענען.

נישט בלויז די חופּה היט מען. אויך דעם הויכן משהן האָט מען איינ־געזעצט ווי אין אַ קאַזע, ביי וואָלף־חיימען אין בוידעמשטיבל און אַוועק־געשטעלט אַ וואַך ביי דער טיר. משהס „פּשיאַטשעלעס״ האָבן שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט אים אָפּשלאָגן און נישט לאָזן פירן באַגראַנדע צו דער חופּה, ס׳איז אָבער נישט געראָטן: סמאָטשע־גאַס האָט זיך בעסער אָרגאַניזירט. חוץ דעם איז אויך די גערעכטיקייט אויף איר זייט און וואָלינסקע האָט נישט דאָס יאַנדעס צו גיין מיט כוח. מ׳האָט „פּאַפּיאָט״ אַ יתומה און די וועלט איז נישט „הפקר״.

אויף משהס זייט זענען בלויז געבליבן זיינע נאָענטסטע חברים און זיי קאָנען אים מיט גאָרנישט העלפן.

יאַכעטל איז אַ קיילכעדיקע יתומה. דעם טאַטן האָט זי אין גאַנצן נישט געקענט, די מאַמע איז איר געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, איז יאַכעטל אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דורך דער סמאָטשע־גאַס. זי איז אויסגעוואַקסן „שיין ווי אַ גראַפינע" און די גאַס האָט געהאָפּט צו דערלעבן פון איר אַ סך נחת.

יאַכעטל איז אַ לעבעדיקע מויד און אַ בריה מיט צוויי גאָלדענע הענט. קיין מאָל האָט איר נישט געפעלט קיין שטעלע. די רייכע מאַדאַמען פון „יענע גאַסן" האָבן זיך איבער איר געריסן און אויסגעדונגען זי איינע פון דער צווייטער.

אויף די באַלעבאַטים, די מענער און זין פון די מאַדאַמען, האָבן זי גערן געהאַט און געשאַרפט אויף איר די ציין. נישט איינעם פון זיי האָט דאָס מיידל געמוזט מיט כוח פון זיך אָפּשטויסן, ווען ער האָט זיך צו איר געטשעפעט.

דערציילט די סמאָטשע־גאַס און גרייסט זיך דערמיט, אַז אַ גבירישער זון האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט יאַכעטלען, נישט אַנדערש — האָט ער געטענהט — זי מוז ווערן זיין ווייב.

די מאַמע האָט געוויינט, ספּאַזמירט.

— איך וועל זיך אַ מעשה אָנטון — האָט זי געסטראַשעט, — דער־ציילט איינע פון די שכנטעס, און ס׳שטיקן זי בעת־מעשה די טרערן.

איך וועל דיך פאַרלייקענען פאַר אַ קינד — זאָגט אַ צווייטע, האָט געשריגן דער טאַטע, — כ׳וועל איבער דיר גיין יונג פון דער וועלט. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט פועלן. חדשים־לאַנג איז דער יונג איר נאָכ־געגאַנגען און „געסקאָמליעט" פאַרן מיידל.

— יאַכעטל, כ׳האָב דיך ליב. וועל דיך אַרומטראָגן אויף די הענט. דו וועסט ביי מיר זיין אַ קייסערינע.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן.

— יאַכעטל — אָטעמען אָפּ די ווייבער צופרידן — איז אַ חכמת. זי האָט אַ מאַנצבילשן קאָפּ און לאָזט זיך נישט „איבערדייבערן" פון די גבי־

רישע צעפּיעשטשעטע זינדלעך. זי וועט חתונה האָבן מיט אַן אייגענעם יאַט, אַ בעל־מלאכה, און לעבן דאָ מיט אונדז צוזאַמען.

די ווייבער האָבן זי ליב געהאַט, ווי אַן אייגן קינד.

אַ שמחה איז געווען ביי אַלע, ווען יאַכעטל איז אין אַ פריייען טאָג, שבת, אָדער יום־טוב געקומען צו לויפן פון „יענע גאַסן", אַריינגעכאַפּט זיך צו איינער פון די שכנטעס, צעקושט זיך מיט איר און אַוועקגעזעצט זיך דערציילן ווי מע לעבט דאָרט ביי די גבירים. באַלד האָבן זיך צונויפגעגנומען נאָך ווייבער, מיטגעבראַכט אַ בענקל צום זיצן, עטלעכע צוקערלעך, אָדער אַן עפּעלע — כיבוד פאַר יאַכעטלען, צוגעזעצט זיך צום עולם און זיך איינגעהערט מיט אָפענע מיילער.

מיידלעך האָבן געלאָזט וואַרטן זייערע קאַוואַליערן פאַרן טויער, נישט געגאַנגען דעם טאָג שפּאַצירן. — אַ כפּרה די יונגען פאַר יאַכעטלס אַ נע־געלע — האָבן זיי געזאָגט, — בעסער פאַרבלייבן היינט מיט איר.

די יונגען האָבן זיך געדרייט אויף דער גאַס אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, האָבן געקנאַקט באַניעקערן פון די אָנגעפּילטע טאַשן און אויסגעקוקט די אויגן צי ס׳באַווייזן זיך די מיידלעך. נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן, זענען זיי אַליין בחברותא אַוועק אויפן פעלד ביים „ציצידעל", אַראָפּגעוואָרפן די מאַ־רינאַרקעס און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

יונגען, פורמאַנעס, מבינים אויף פערד, האָבן געקוקט אויף די גע־פּענטעטע קאָבילעס און אָגערס, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע, אָדער געטאָרקעט זיך אין גראָז מיט די געבונדענע פיס, און געשפּאַרט זיך צי זענען עס ריכטיקע סוסים אָדער פגירות. ביים צוריקקער האָבן די יונגען געערעדט מיט כעס און געברוגזט זיך אויף יאַכעטלען, וואָס האָט צעשטערט די ראַנדקעס און קאַליע געמאַכט די שמחה.

דאָס ברוגזן זיך איז אָבער געווען אַן אויבנאויפיקס. ווי נאָר יאַכעטל האָט זיך באַוויזן אין גאַס מיט די קאָלעזשאַנקעס, האָבן די יונגען אַלץ פאַר־געסן, געקוקט איר אין די אויגן מיט ליבשאַפט און גרייט געווען צו גיין פאַר איר אין פייער.

משה זאַנשיין

**
*

ווי אַזוי דער הויכער משה איז געוואָרן אויף סמאָטשע־גאַס אַן אייגע־נער יאַט, ווייס קיינער נישט. עפּעס האָט ער זיך ווי אַריינגעגליטשט צווישן דער חברה און מ׳האָט אים צו־ביסלעך אָנגענומען.

סמאָטשע האָט פאַרגעסן, אַז משה שטאַמט פון וואָלינסקע — די גאַס מיט וועלכער זי האָט נישט געלעבט בשלום — און אין די קינדער־יאָרן זאָל ער אַפילו האָבן געווען אַ יאַטל ביי אַ חברה מאַרעוויכער. היינט איז משה אַן אָרנטלעכער יונג, אַ פלייצע־טרעגער. ער וווינט ווייטער צוזאַמען מיט דער מאַמען — אַן אויסגעדאַרטע, בייזע יידענע, אויף דער וואָלינסקע גאַס, אָבער אין דער פרייער צייט געפינט ער זיך צווישן חברה טרעגערס און פורמאַנעס אויף סמאָטשע.

משה איז אַ הויכער, מיט ברייטע פלייצעס און געזונטע הענט. פאַר אים קראַפּירט אַפילו די שיינע צירל — די שענסטע מויד פון דער גאַס, צוליב וועלכער די יונגען זענען זיך שוין נישט איינמאָל פאַרפאַרן אין דער צורה. אויך צירל שטאַרבט אַוועק, ווען משה באַווייזט זיך אום שבת, גייענ־דיק פון „סטאַרשע פעלדשערס ראַזורע״ מיט אַ פרישׂ, אָפּגעגאָלט פּנים. די געקרייזלטע, פעכשוואַרצע טשופּרינע צוגעשוירן, פאַרקעמט מיט אַ שריַנט אין דער מיט און אָפּגעגלאַנצט מיט פּאָמאַדע. נישט ווינציקער פון די האָר גלאַנצן זיינע שוואַרצע ציגיינער־אויגן און דער גאָלדענער צאָן אין דער סאַמע מיט פון אַ פול מויל געזונטע ציין, אַפילו די שטיוול גלאַנצן ביי משהן אַנדערש ווי ביי אַנדערע יונגען, די גרעסטע פּאַצעטן.

ווען יאַכעטל האָט אָנגעהויבן צו גיין מיטן הויכן משה, האָט זיי די גאַנצע גאַס נאָכגעקוקט מיט נחת.

— דאָס „ראַכטיקע״ פּאָרל, — האָבן אַלע פּאָטאַקעוועט און געחוזקט פון דער שיינער צירל, וואָס איז געבליבן אויף דער פליישבאַנק.

צירל האָט אָבער נישט געשוויגן. זי האָט אַלץ געטון אָפּצושלאָגן דעם יונג פאַר זיך. זי האָט אים צוגעצויגן מיט אַלע שמד־שטיק, ביז וואַנען ס׳איז איר געראָטן.

ווען די גאַס האָט באַמערקט דעם נצחון פון דער קאָנקורענטקע איז שוין געווען צו שפּעט. זי האָט אים שוין פעסט געהאַלטן אין די לאַפּעס,

נישט געוויזן זיך מיט אים אויף דער סמאָטשע־גאַס, אויסגעמיטן אַלע פּשיאַטשעלעס. זי האָט אים געפירט שפּאַצירן נאָר אין פּראַגער וועלדל, און ווי ס׳האָבן איבערגעגעבן אייגענע חברה־לייט, זאָל זי שוין האָבן באַשטעלט אַ חופּה מיט אַ מנין ביים פּראַגער רבילע.

יאַכעטל האָט זיך באַמיט עס זאָל קיינער נישט זען איר בראָך. ווי פּריער איז זי אויך ווייטער געקומען צו די ווייבער און גערעדט מיט זיי וועגן די שיינע ייִדן, אירע באַלעבאַטים. דאָס אויג פון סמאָטשע האָט אָבער אַלץ געזען און דאָס האַרץ האָט געפילט, וואָס ביי יאַכעטלען קומט פאָר.

— די מויד ניקניעט — האָבן זיך די שכנטעס איבערגעגעבן און גע־קרעכצט פון צער, זי גייט איין ווי זאַלץ אין וואַסער.

די גאַס האָט אין אָנהייב געשוויגן. זיך נישט געמישט אין די ליבע־עסקים פון די יונגע מענטשן. זיי זענען שוין נישט קיין קינדער, מ׳זאָל זיי זאָגן אַ דעה. לאַנג האָט עס אָבער נישט געדויערט: ווי אַ דונער אין אַ העלן טאָג האָט געטראָפן די ידיעה, אַז דער יונג האָט יאַכעטלען „פּאַפּיאָט״.

— אַזאַ מעשה טאָר נישט דערלאָזט ווערן — האָבן ווייבער זיך גע־כעסט.

— אַ ווייטיק מאַ אין האַרץ — האָט זיך געריסן ביילע די פישערקע, וואָס האָט זיך צומערסט פאַרנומען מיטן מיידל, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד — פאַרפירט אַ יתומה.

— אַזאַ מאַרדעריי טאָר נישט פאַרשויגן ווערן — האָבן גערעשט אַנדערע ווייבער.

יאַנקל סטאָליער האָט אונטערגעשיקט פעסעלען די שדכנטע, איבער־צורעדן מיט דער מויד און די שכנטעס, אַז ער איז גרייט צו נעמען יאַכעט־לען אין דעם מצב: אַזוי ווי זי שטייט און גייט, און גלייך שטעלן מיט איר אַ חופּה.

— דער מענטש קריגט פאַר איר די נכפּה — האָט פעסעלע איינגע־טענהט אין די ווייבער. ער וועט זי דאָך אַרומטראָגן אויף די הענט. דאָס קינד, וואָס זי וועט געבוירן, וועט ביי אים זיין אַן אייגנס. יאַנקל איז אַן אָרנטלעכער יונג און אַ פאַרדינער. ס׳וועט איר זיין ביי אים וויל ווי די וועלט.

יאַכעטל האָט אָבער נישט מסכּים געווען. זי וועט אין גאַנצן נישט חתונה האָבן. זי קען זיי שוין, די מענער. יאַנקל וועט מסתּמא נישט זיין בעסער פון אַנדערע. ער וועט זי שטענדיק „שטאַכעלירן״, אַז זי האָט אַ ממזר.

— מע טאָר נישט שווייגן — האָט די גאַס באַשלאָסן. דער הויכער משה מוז ווערן אַ טאַטע צו זיין אייגן קינד. ס׳האָט נישט געהאָלפן יאַכעטלס קעגנשטעלן זיך, אַז זי וויל נישט קיין אויפגעצוווּנגענעם מאַן. מע וועט נישט דערלאָזן, אַז יאַכעטלס קינד זאָל זיין אַ לעבעדיקער יתום.

— מע דאַרף זיי חתונה מאַכן אויף כּוח, האָט די גאַס באַשלאָסן. מע זעט דען נישט, אַז די מויד איז פאַר אים די כּפּרה? משה וועט אויך — נישקשה — זיך איבערבעטן. דער יונג האָט זי דען נישט ליב? דאָס האָט דאָך אים נאָר „יענע״ דעם קאָפּ פאַרדרייט.

ווען משה האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס פאַרבעטן אים צו וואָלף־חיימען איז אַ פּולאַפּקע, איז שוין געווען צו שפּעט. ווען ער האָט זיך אַ ריס געטון צו דער טיר און געוואָלט פון דאָרט ציִען, האָט ער שוין אָנגעטראָפן פיר שומרים, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט צו צעטראַסקען די מאָרדע, אויב ער וועט פּרווון אַנטלויפן. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס פאַררופן זיך אויף ביז־איצטיקער חברשאַפט.

— זאָל ער וויסן, אַז ס׳איז נישט הפקר פּעטרעשקע.

— שטאַרבן וועסטו — האָט אים איינער פון די שומרים מודיע געווען

— אַ טויטן וועט מען דיך פירן צו דער חופּה. וועסט גיין ווי אַ טאַטע.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זיך דער הויכער משה אַוועקגעזעצט וואַרטן, ביז מע וועט אויף אים אויספירן דעם אורטייל.

*****

ס׳רוישט אויף וואָלינסקע. פון דער פרי אָן, ווען די גאַס איז געוואויר געוואָרן וועגן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט משהן, קאָן קיינער נישט איינזיצן ביי זיך אין שטוב. די מענער זענען נישט אַוועק צו דער אַרבעט, די ווייבער האָבן נישט פאַרפלאָכטן די האָר און נישט אָנגעטון די טאָג־קליידער. אין די שלאָפראָקן און האַלקעס האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, אין געזעמלעך, און מען גיט זיך איבער וועגן דעם געשעעניש

מ׳האָט נישט קיין צייט אָנצוטון די קינדער און אָפּצווישן זיי די בעזלעך. שאַרט זיך דאָס קליינוואַרג נאָקעטערהייט צווישן די פיס, פאַלט איינס אי־בערן צווייטן און פילט אָן די גאַס מיט טומל.

משהס מאַמע, רייסנדיק זיך די האָר פון קאָפּ, לויפט פון איין געזעמל צום צווייטן און בעט רחמים, מע זאָל אַרויסראַטעווען איר איינציק קינד, וואָס ליידט נעבעך אומשולדיק. שכנים, איבערגענומענע פון דער מאַמעס געבעט, לאָזן זיך אַוועק מיט דעלעגאַציעס אויף סמאָטשע־גאַס. זיי קומען אָבער צוריק מיט גאָרנישט. ס׳העלפט נישט. סמאָטשע־גאַס גיט נישט נאָך.

טייל דעלעגאַטן קומען צוריק אָפּגעקילטע און געהיט פון משהס מאַמען, גיבן זיי איבער, אַז די סמאָטשע איז געדעכט:

משה האָט פאַרפירט אַ יתומה.

עס שאַפן זיך צוויי „קאַלייקעס״: איינע האַלט פאַר משהן און די צווייטע פאַר דער יתומה. מען שפּאַרט זיך און מען אַמפּערט זיך. איינער וויל אי־בערציִען דעם צווייטן אויף זיין צד.

דער יתומהס צד וואַקסט כסדר:

— מע טאָר נישט מבייש זיין קיין יתומה — זענען שוין מסכים ס׳רוב ווייבער פון וואָלינסקע־גאַס. מע דאַרף זיך אַריינלייגן אין אַ שלום.

זיי רעדן צו די מענער אַוועקצוגיין צו משהן און מיט אים אַ שמועס טאָן.

משהס לעצטער אָנשפּאַר איז געפּלאַצט ווען אויף וואָלינסקע האָט זיך באַוויזן אַ דעלעגאַציע פון די שענסטע ווייבער פון דער געגנט: די פאַר־זאָגערין פון דער ווייבער־שול אויף סמאָטשע און דעם חסידס אלמנה. זיי זענען געקומען פאַרבעטן משהס מאַמען צו איר זונס חופּה.

די צוויי ווייבער זענען אַוועק אויף וואָלינסקע אָנגעטאָן אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים, אין די שבתדיקע הייבלעך און טערקישע שאַלן. מיט בנעימותדיקע יחוס־טריטלעך האָבן זיי זיך דערנענטערט צו משהס שטיבל און ביים אַריבערטרעטן די שוועל האָבן זיי פרום אַ קוש געטון די מזוזה.

מיט חשיבותדיק צניעותדיקע מינעס האָבן זיי אָפּגעזאָגט דעם „גוט־יאָר״ און גלייך צוגעטראָטן צום ענין.

— מע טאָר נישט, קרוינעלע, פאַרשעמען אַ יידישע טאָכטער — האָט מיט אַ תחינה־קול אויסגעזונגען די פאַרזאָרגערין. אין אונדזער צאינה וראינה שטייט: ווען אונדזער טאַטע יעקב האָט דערזען צו מאָרגנס נאָך דער חתונה, אַז לבן האָט אים אָפּגענאַרט און אָנשטאָט רחלען האָט ער אים געגעבן לאהן, האָט ער דאָס ווייב נישט אַוועקגעוואָרפן, נאָר געשטעלט זיך דינען פאַר רחלען פרישע זיבן יאָר. הייגט שטעלט זיך פאָר, לאה איז נישט געווען קיין יתומה און לבן איז נישט געווען קיין ייִד, פון דעסטוועגן האָט זי יעקב נישט געוואָלט פאַרשעמען — און דאָ האָט איר צו טון מיט אַ יידישע טאָכטער און דערצו אַ יתומה.

— אין דער הייליקער תורה ווערט געברענגט וועגן זייער גרויסע פורעניות, וואָס עס קומט דערפאַר — האָט אַ בייזע צוגעגעבן דעם חסידס אלמנה און אויסגעשנייצט די נאָז אין אַ קאָלירטער פאַטשיילע אַריין. מע ברענט און מע בראָט אויף יענער וועלט און מע מוז נאָך אַליין טראָגן די פעסער סמאָלע.

דערהערט וועגן יענער וועלט, האָט וואָלינסקע זיך אַ טרייסל געטון.

— מיט יענער וועלט טאָר מע זיך נישט שפּילן — האָבן זיך די שכנטעס אַריינגעלייגט אין ענין, מע טאָר נישט, קרוינעשי.

— פו, פו, פו, — האָבן ווייבער אויסגעשפּיגן און איינגעקאָרטשעט זיך פון שרעק פאַר יענער וועלט.

ווען דעם חתנס מאַמע, אַן איבערגעשראָקענע אויף טויט האָט מסכים געווען צו גיין אויף דער חתונה, האָט וואָלינסקע גאָס אָפּגעעטעמט. באַלד האָבן זיך צונויפגענומען די מענער, בעלנים אויף אַ לחיים און ס'האָט זיך באַוויזן אַ פלעשל בראָנפן מיט פרישן האָניק־לעקעך. נאָכן מאַכן אַ כוסה האָט חברה באַשלאָסן: מען דאַרף רעדן מיט משהן, ער זאָל גיין צו דער חופּה מיט גוטן.

סמאָטשע־גאַס איז שוין באַלד פאַרטיק מיט אַלע הכנות צו פירן דאָס פּאָרל צו דער חופּה. ס'זענען שוין גרייט די מאכלים צו דעם חתונה־מאָל־צייט: אויף די פּאָלמיסן זענען אויסגעלייגט גרויסע קאַרפּנקעפּ מיט קיילעכ־דיקע רויטלעכע מייערן־רעדלעך אין די מיילער. ס'זענען שוין אָפּגעבאַקן די בולקעס, ביי וועלכע ס'האָט זיך געפּאָרעט ברוך לעקעך־בעקער, דער גרעסטער מייסטער פון חתונה־בולקעס אין סמאָטשער געגנט.

ס׳איז שוין באַלד גרייט יאַכעטלס אויסשטייער, אמתע בגדי־מלכות.

באַלד אין דער פרי, אַזוי ווי מען האָט נאָר דערטאַפּט דעם הויכן משה, האָבן זיך עטלעכע יידן אַרויסגעלאָזט איבער די שטובן צונויפנעמען די „וויפּראַווע״, — מלבושים און וועש. זאָל דער יונג נישט זאָגן, אַז ער האָט זי גענומען אַ נאַקעטע.

דער ברייטער אהרן און דער קליינער מאָטעלע, טרעגערס פון סמאָ־טשע און פראַנציִשקאַנער, זענען אַוועק צו זייערע סוחרים, הורטאָווניקעס, און האָבן איינגעקויפט דעם שטאָף: אמתן צווייהונדערטער מאַדאַפּאַלאַם אויף ציכן און ליילעכער, מעטקאַל און רויטס אויף איינשיט, אַ גוטן קופּאָן קרעפּ־דעשין אויף אַ חופּה־קליידל, שטערלינגס לאַקיר אויף אַ פּאָר לעטשלעך און פינסטערס אַ פּאָר פּליושענע קאַלדרעס.

מיט אַזאַ אויסשטייער קאָן מען זיך שוין נישט פאַרשעמען פאַר מענטשן — האָבן די ווייבער געשאַצט מבינותדיק — זאָל די מחותנתטע נישט מיי־נען, אַז יאַכעטל איז, חלילה, אַן אונטערגעוואָרפן קינד, אָדער פון אַ שטיין געבוירן.

ראָכל די נייטאָרין און שרה דאָס לערן־מיידל האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין צונויפצוקלאַפּן די וויס־בלאַנקנדיקע כלה־וועש.

קיילע די העפטערין האָט אַריינגענייט די שענסטע סטאַווקעס מיט שפּיצלעך, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַ רייכער קליִענטקע — אמתע „רענטשנע״ אַרבעט.

שרה, וועלוול די ליאַלקעס ווייב, די דאַמען־שניידערין, וואָס האָט גע־אַרבעט פאַר די בעסטע מאַגאַזינען — האָט אַליין צוגעשניטן דאָס קליידל און יאַנקל שוסטער האָט צונויפגעשטעלט אַ פּאָר לעטשלעך ווי פאַר אַן אמתער פּאַריזער דאַמע.

פאַר יאַכעטלס פריזור האָט געזאָרגט באַשקע פון פּאַווע־גאַס, וואָס האָט געמאַכט די שענסטע שייטלען פאַר חסידישע נגידותטעס. זי האָט אָנ־געלייגט אין פייער אַ גאַנצן שטויס פאַרשידענע קאַרבווקעס און פאַרעמקעס, אַרויסגעשלעפּט זיי אָנגעגליטע און געדרייט זיי אין דער לופט אַ ביסעלע אָפּצוקילן. מיט די מכשירים האָט זי אויסגעקינצלט אין יאַכעטלס האָר לע־קעלעך, פּאהלעך, ניאַפּעלעך און קרייזעלעך.

אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט, האָט יאַכעטל אויסגעזען ווי אַן אמתע בת־

מלכה, און די ווייבער האָבן, קוקנדיק אויף איר, פאַרגעסן, אַז דאָס גרייט מען זיך צו אַ געניטער חופה, און געווונטשן זיך:

— מעטשעם ביי אונדזערע קינדער.

פאַר נחת האָבן זיי זיך צעכליפּעט און געשנייצט די רויט־געוואָרענע נעזער מיט אַ ברעג פון זייערע קליידער.

***

נאָך האַלבן טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט די פריילעכע ידיעה:

משה איז מסכים.

ס׳האָט אים איינגעבראָכן זיין בעסטער קאָלעגע שמואליק, וואָס האָט געוויינט פאַר אים ווי אַ קליין קינד.

שמואליק זאָל וויינען, אויף דעם האָט זיך קיינער נישט געקאָנט ריכטן. שמואליק איז געווען אַ האַרטער נפש.

זיינע צוויי לאַנגע און האַרטע הענט, וואָס האָבן געטראָגן די שווערסטע משאות, זענען גרייט געווען שטענדיק צו געבן קלעפּ, אָבער קיינמאָל נישט צו גלעטן. אויב ער האָט וועמען ליב געהאַט, איז עס נאָר געווען משהס מאַמע, וואָס האָט אים, אַ קיילעכדיקן יתום, אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און אויפגעכאָוועט. אויך משהן, מיט וועמען ער איז שטענדיק געווען צו־זאַמען, האָט ער ליב געהאַט. קיין וואָרעם וואָרט האָט ער זיינע איינציקע פריינד קיינמאָל נישט געזאָגט, ער האָט אויך נישט דערוואָרט פון זיי אַזוינס צו הערן, נאָר ווען משה אָדער זיין מאַמע זענען געווען אין אַן עת־צרה, איז ער אויסגעוואַקסן מיט זיינע צוויי הענט, ווי פון אונטער דער ערד.

אויך ביי דער צרה האָט זיך שמואליק געוואָרפן צו פאַרטיידיקן משהן.

— מאַן טויט, אָדער זייערער, האָט ער געשריגן. כ׳וועל אַלע אויס־שעכטן און משהן צום „קיוואָ" וועט מע נישט פירן.

נאָר אַז ער האָט זיך צוגעהערט צו די צאינה וראינה מעשיות, האָבן זיך ביי אים אויפגעוועקט זכרונות פון די קינדערשע יאָרן, ווען ער האָט זיך אַ יתום אַרומגעוואַלגערט אין גאַס און נישט געהאַט ווער ס׳זאָל זיך פאַר אים אָננעמען.

„יאַכעטל איז אויך אַ יתומה", האָט ער אַ קלער געטון. „זי האָט נישט ווער ס׳זאָל זיך פאַר איר איינשטעלן".

— משה — האָט שמואל גענומען אריינטענהן אין זיין חבר, — יאַך זאָג דיר, זאָלסט נישט אבידען קיין יתומה. האָב חתונה מיט יאַכעטלען, ס'א רחמנות אויף דער מויד.

שמואליק האָט אים איינגעבראָכן.

די שומרים זענען אַוועק פון וואָלף־חיימס טיר. משה האָט זיך געלאָזט אין ראַזורע צוזאַמען מיט זיין גוואַרדיע.

צו דער שמחה זענען צוגעשטאַנען די עטלעכע שיינע יידן פון סמאָ־טשע־גאַס. ביז איצט האָט זיי נישט געפּאַסט. ס'אַ מעשה פּאַר לאָבוזעס, האָבן זיי פריִער געהאַט אויסגעשפּיגן און נישט געקוקט אויף די שכנים, וואָס טומלען זיך ביי דער טריפהנער חתונה, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט ביי אַן אמתער דבר־מצווה.

אַז ס'איז שוין אַן אמתע חתונה כדת משה וישראל, איז שוין טאַקע גלייך צו העלפן. — נישט קיין קליינקייט הכנסת־כלה.

— זאָל זיין שמחות ביי יידן — וואַרפט אַריין דער געלער אהרן, דער גבאי פון דער סמאָטשער שול, וואָס שאַרט זיך אַרום די מחותנים.

איך וועל געבן דאָס שול־טישטעך צו דער חופה מיט די אמתע חופה־שטאַנגען.

דער געלער אהרן זאָגט־צו צו קומען אויף דער חתונה מיטן רב, וואָס וועט מסדר קדושין זיין, און אויך מיטברענגען אַ בדחן מיט אַ קאַפּעליע.

— שמחות, נאָר שמחות זאָלן זיין ביי יידן — חזרט איבער אהרן גבאי, קוועטשט פרום מיט די אויגן און שאָקלט צו מיט דער געלער קאָלטנבאָרד.

ר' משה, דער גביר, האָט געשיקט רופן די מחותנים און אויפגענומען זיי מיט גרויס כבוד.

— הייסט עס, אַז מע מאַכט חתונה אַ יתומה. איך געב מיין סאַליע צו באַזעצן די כלה און פאַר די פּאָרלעך צום טאַנצן, און צען פלעשלעך וויין זאָל געקויפט ווערן אויף מיין חשבון.

ר' שלום, דעם גבירס קאָנקורענט, דערוויסט זיך וועגן ר' משהס נדבה, לייגט פאָר זיין דירה פאַרן חתן מיט די בחורים. חוץ דעם זאָל מען נעמען דריי סאַרוועס אויף זיין חשבון.

די דראָזשקעס אויף סמאָטשע־גאַס האָבן אויפן באַפעל פון גראָבן בע־

ריש, איינער פון די הויפּט־מחותנים, אויפגעהערט אַנצונעמען פּריוואַטע יאַזדעס.

— יאָך צאָל — האָט בעריש באַפוילן די דראָזשקאַזשעס — עץ זאָלט דאָ שטיין און נישט רירן זיך פון אָרט. ווען יאָך וועל אייך שיקן נאָך געסט, אָדער הייסן זיי אָפּפירן אַהיים, וועט איר פאָרן. בעריש וועט אייך קיין עוולה נישט טון.

ס׳באַווייזן זיך כלי־זמרים. קודם קומט דעם בדחנס קאַפּעליע, געשיקט דורכן גבאי. חברה הייבט אָן שפּילן אַ פריילעכס. באַלד רייסט זיך אַריין שמחה לאָקש מיט זיין קאַפּעליע, צונויפגעשטעלט פון צוויי פידלען מיט אַ פּייקל.

שמחה וועט נישט דערלאָזן קיין פרעמדע כלי־זמרים.

—יאָך האָב דאָ „פּיערשענסטוואָ״ — טענהט ער.

שמחה האָט טאַקע „פּיערשענסטוואָ״. ער שפּילט דאָ אויף די סמאָ־טשער הייף פון כמה יאָרן.

— יאָך האָב דאָ געשפּילט — רייסט זיך שמחה, — ווען חתן־כלה זענען נאָך געווען אַזעלכע ווערעם. ער ווייזט דערביי אָן מיט דער האַנט קוים איבער דער ערד.

ייִדן לייגן זיך אַריין אין שלום און מע קומט אַדורך: דעם בדחנס קאַ־פּעליע וועט שפּילן אין סאַליע, לאָקש מיט זיינע שפּילערס וועלן אָפּוואַרטן די געסט פאַרן טויער און אויסשפּילן זיין אַ קבלת־פּנים־מאַרש.

די כלי־זמרים באַגיסן דעם שלום און די קאַפּעליע פון לאָקש שטעלט זיך אויס פאַרן טויער. לעבעדיק לאָזט זיך הערן די מוזיק, ווען עס באַ־ווייזט זיך דער ערשטער גאַסט.

אויף אַ קאָטש, געשפּאַנט אין צוויי ווייסע פערד, זיצט פונאַנדערגע־שפּרייט יאַקוב, אַ ווירט פון דריי הייזער אויף סמאָטשע.

די גאַס געדענקט נאָך יאַקובן ווען ער איז ייִנגלווייז דאָ אַרומגעלאָפן מיט צעריסענע הייזלעך. יאַנקעלע האָט ער דעמאָלט געהייסן. ער אַליין האָט עס נאָך ליב צו דערציילן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און האָט זיך אַרויפ־געאַרבעט, האָט ער זיך אַרויסגעצויגן אין „יענע״ גאַסן און איז געוואָרן יאַקוב.

יאַקוב האָט מיט דער סמאָטשע נישט איבערגעריסן, געבליבן אַן איי־גענער. מאַכט ווער אַ שמחה, קומט ער צו פאָרן, פרייט זיך מיט די אַלע חברים און לאָזט זיך קאָסטן אַ פונדע.

אויף יאַכעטלס חתונה האָט זיך יאַקוב צוגעשטעלט דער ערשטער. אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ מעלאָניק אויפן קאָפּ, באַהאַנגען מיטן גאָלדענעם זייגער און מיט דער גראָבער דעוויזקע, איז ער פאַרפאָרן צום טויער פון ר׳ משהס דירה.

— זשיוואָ ממזרים — האָט אַ באַפעל געטון שמחה לאָקש, זעט נאָר ווער ס׳איז דאָ. — געטס דעם אמתן אַטע רייסאָ (אתה הראית):

פאַר דעם קייסאָ
נישט פאַר מיאָ
נישט פאַר דיאָ
נאָר פאַר דעם גרויסן גוויאָ...

יאַקוב דערקענט לאָקשן, דערפרייט זיך מיט אים, קלאַפּט אים גוט־ברודעריש אין פּלייצע און דערלאַנגט אים דעם אמתן „רחש״.

נאָך דעם ערשטן גאַסט פאַרפאָרן באַלד אַנדערע און ס׳שטעלט זיך אויס אַ גאַנצער צעפּ מיט דראָזשקעס. די געסט שטייגן אויס, באַלד קומען צופוס די איינוווינער פון די שכנותדיקע הייף. אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע קליידער, מיט ערנסט־פייערלעכע מינעס, לאָזט מען זיך צום גבירס סאַליע.

וועלוול די ליאַלקע קומט אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. דער מעלאַניק, געקויפט היינט צו דער שימחה, טאַנצט אים אַרום אויפן שפּיץ קאָפּ. וועלוול איז זייער ערנסט, ער מיט זיין ווייבל וועלן זיין די אונטער־פירערס.

קינדערלעך מיט פייערווערק און קאָלירטע ליכט אין די הענטלעך, שטופּן זיך לעבן די חופּה־שטאַנגען. זיי ווילן זיין פון די ערשטע ביי דער חופּה. די מוזיק קלאַפּט, פּאָרלעך טאַנצן. אַדאַש, וואָס גיט „לעקציע טאַ־ניעץ״ קאָמאַנדעוועט:

— ראַז, דוואַ, ראַז, דוואַ, זמיאַנאַ דאַם.

ער טאַנצט אַ פיגור־וואַלץ און רופט אויס די פּאַזעס.

פֿאַרלעך גליטשען זיך צום טאַקט. טייל טענצערס רופֿן: טאַנגאָ! אַנ־דערע שרייען: באָסטאָן! — זיי באַשטעלן ביי דער קאַפּעליע זייערע באַ־ליבטע טענץ.

שטיל געוואָרן אין זאַל. די מוזיק האָט אויפגעהערט שפּילן, די פּאָר־לעך טאַנצן נישט מער.

— דער רבי גייט.

ס׳קומט דער רבי, דער מסדר קדושין. נאָך אים גייט דער שמש מיט אַ סידור אין האַנט. ווייבלעך און מיידלעך רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט, אויף די נאַקעטע הענט וואַרפֿן זיי גיך אַרויף באַלערקעס אָדער שאַלן. בחורים כאַפּן די היט, וואָס זיי האָבן אויסגעטאָן צום טאַנץ און מאַכן אַ וואַרע.

בעלי מלאכות, וואָס זענען נישט דרייסט צוצוגיין נאָענט רופֿן פֿון דער וויטנס:

— מזל־טוב, רבי!

שיינע ייִדן רוקן זיך צונויף און מאַכן אַן אָרט אויבן־אָן. דער רב באַ־גריסט זיך מיט אַ שאָקל פֿון דער ברייטער באָרד און זעצט זיך לעבן חתן. דער חתן בלייבט זיצן פֿאַרלעגן, דער קאָפּ אַראָפּ און בייסט די נעגל.

דער רב הייבט אָן זאָגן דברי תורה, ער וויל מסביר זיין דעם ענין הכנסת־כלה, די שיינע ייִדן, נישט קיין איבעריקע למדנים — האָרכן זיך צו שטיל שווייגנדיק און שאָקלען מיט די קעפּ. דער רב פֿאַרענדיקט גיך, ביים טיש ווערט שטיל. ס׳הערט זיך דער ניגון פֿונעם ברומענדיקן שמש. איבערגעריסן ווערט די שטילקייט דורכן בדחן:

כלהשי, כלהשי, היינט איז דיין יום־הדין.

ווייבער צעכליפּען זיך, ספּאַזמירן, ס׳דערהערט זיך אָן „אל מלא רחמים" — מען פֿאַרבעט די פֿאַרשטאָרבענע מחותנים, דער כלהס עלטערן און דעם חתנס פֿאָטער צו זייערע קינדערס חופּה.

דער רב איז מסדר קידושין. משה זאָגט נאָך הרי את און קרעקט זיך ביי יעדן וואָרט, צעברעכט אַ גלעזל מיט אַ טראַסק. ווייבער פֿאַלן זיך אויף די העלזער, קושן זיך און ווינטשן זיך מזל־טוב.

נאָכן עסן און בענטשן שבע ברכות קומט די ריכטיקע שימחה. דער רבי איז אַוועק. יונגוואַרג וואַרפֿט אַראָפּ די היטלען מיט די מאַרינאַרקעס

און צאָלט פאַר דער קאַפּעליע, וואָס איז נאָר געווען באַשטעלט ביז נאָכן עסן. אַדאַש אָרגאַניזירט די טענץ און ערשט איצט ווייזט ער וואָס ער קאָן. ער טאַנצט אויס אַ קאָזאַצקע און קלאַפּט אויס טשעטשאָטקעס. די מיידלעך עסן אים מיט די אויגן. דער קליינער מאַטעלע שטייט אויך נישט אָפּ. ער וועט נישט דערלאָזן אַדאַשן און מיט אים די סמאטשע זאָל זיין פון אויבן. ער מוז ווייזן אַז די וואַלינסקע איז אויך נישט קיין וואַלוועלע.

סמאָטשע האַלט, אַז זי האָט די בכורה, וואָלינסקע לאָזט זיך נישט. די קאַפּעליע קלאַפּט איין טאַנץ נאָכן צווייטן. די טענצערס קאָנקורירן צווישן זיך:

— העי, קאַפּעליע, אַ פּאָלקע, יאַך צאָל — רופט אַ קאַוואַליער פון סמאטשע.

— יאַך צאָל פאַר אַ וואַליעץ — שרייט אים איבער אַ יאַט פון וואַלינסקע.

צום הויפּטפּאַרמעסט קומט ביים דעפּטאַק, — ווער וועט לענגער אויסהאַלטן!

איינגעלייגט אַ האַנטעך, געמאַכט אַ בייגל, געפלאָכטן די הענט און אַוועק אַ קאַראַהאָד. ס׳טופּען די פיס, ס׳דרייען זיך די ווענט, פאַר די אויגן פליען פונקען, קיינער וועט נישט אָפּלאָזן, האַלט זיך סמאָטשע, האַלט זיך וואַלינסקע, דער כבוד איז אין קאָן.

אַרום די ווענט זיצט דאָס אַלטוואַרג. מיד שוין, אָבער צופרידן. אַ שמייכל שוועבט ביי איטלעכן אויף די ליפּן:

— ס׳האָט געזיגט דער יושר.

אָפּגעזונדערט זיצן צוויי ייִדענעס פון וואַלינסקע, מאַמעס פון פאַר־זעסענע טעכטער, שמועסן אין דער שטיל און שאָקלען צו מיט די מידע קעפּ. זיי זענען אויך צופרידן, וואָס מען האָט נישט פאַרשעמט קיין יתומה, אָבער פאָרט אַ שאָד אַזאַ משהן:

— עלעהיי, וואָלט ער גענומען אַן אייגן מיידל, פון וואַלינסקע.

ביים טיש, אונטערגעלייגט דעם קאָפּ מיט דער רעכטער האַנט, כאַפּט אַ דרימל דער אַלטער אויסגעדינטער ברוכל בדחן.

נישט איין חתונה־פּאָר האָט ער אין די יונגע יאָרן געפירט צו דער חופּה, באַזונגען זיי און פריילעך געמאַכט. ער האָט עס בעסער געמאַכט פון די היינטיקע, איצט איז ער שוין אַלט און מיד, איז ער איינגעשלאָפן.

אויף ברוכלס פּנים שוועבט אַ שמייכעלע, ווער ווייס, וואָס אים חלומט זיך? אויפגעלעבט מסתמא די אַמאָליקע יאָרן.

בוך!! — עפּעס האָט אויסגעשאָסן. ברוכל האָט זיך דערשראָקן און איז אויפגעשפּרונגען.

— שלאָפט, ר׳ ברוכל — באַרויקט אים דער עולם — ס׳איז גאָרניט געשען, דאָס איז אַזאַ פייערווערק, מאַגנעזיע רופט מען עס — דער פאָטאָ־גראַפיסט האָט עס אָנגעצונדן. ר׳האָט געמאַכט אַ „זדיענטשע” פון חתן־כלה צוזאמען מיט אַלע געסט.

— גנעזיע? — שעפּטשעט ברוכל, און דרימלט איין צוריק — נישט געוווסט אין יענע יאָרן פון אַזעלכע זאכן...

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווישאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציילין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאַקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פֿאַבריקן פֿון טויט

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פֿון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע) (אויספֿאַרקויפֿט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...

36) צפּורה קאַצענעלסאָן-נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פֿון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספֿאַרקויפֿט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פֿון פּלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פֿאָלקס-לידער (אויספֿאַרקויפֿט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב (אויספֿאַרקויפֿט)

45) ד"ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פֿאַרביי... (אויספֿאַרקויפֿט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48-49) ש. איזבאַן — פֿאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספֿאַרקויפֿט)
(פּרעמירט דורכן צבי-קעסעל-ליטעראַטור-פֿאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד"ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה-קאַהאַן — אין פֿייער און פֿלאַמען (אויספֿאַרקויפֿט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פֿאַרן לעבן (אויספֿאַרקויפֿט)

54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פֿון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת-יום-טובדיקע יידן

56-57-58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61-62) דוד פֿלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך

64-65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער-לייב ליטעראַטור-פֿאָנד ביים
יידישן קולטור-קאָנגרעס, בוענאָס-איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פֿון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד"ר י. שאַצקי — קולטור-געשיכטע פֿון דער השׂכלה (אויספֿאַרקויפֿט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספֿאַרקויפֿט)

72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פֿון נאַרקאָווע (אויספֿאַרקויפֿט)
(פּרעמירט דורכן צבי-קעסעל-ליטעראַטור-פֿאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָג
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געראויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

103) **פ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — דער קאָמוניזם אין פּוילן **(זכרונות)**
104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

עס גרייט זיך צום דרוק:

ברוך האַגער — מלכות חסידות
ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**
מרדכי שטריגלער — געאָטעמט מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**
ד״ר א. מוקדוני — אין וואַרשע און אין לאָדזש **(מיינע באַגעגענישן)**
פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

פרעסע־שטימען וועגן די ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

א. ל. שוסהיים שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" אין זיין אַרטיקל א. נ. „אַ בוך וואָס וועקט צום נאָכטראַכטן" („די ייִדישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 13טער אויגוסט (1954)

מאַרק טורקאָווס בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", וואָס איז אָט ערשט אַרויס פון דרוק, פאַרדינט אַ דאָפּלטע באַגריסונג: דאָס בוך אַליין פאַר זיך איז אַ ישׁ, איינס פון די ביכער, וועלכע האָבן געדאַרפט און געמוזט געשריבן ווערן, און הלוואי זאָלן זיך אין אונדזער פּובליציסטיק געפינען נאָכפאָלגער, וועלכע זאָלן באַשרייבן און שילדערן די לעצטע פון אַ דור נישט בלויז פון וואַרשעווער ייִדן, נאָר אויך פון אַנדערע אַלטע קהילות, פון ווין, בודאַפּעסט, פּרעסבורג, לעמבערג, לובלין, קראָקע און אַזוי ווייטער.

אָבער חוץ דעם ווערט פון טורקאָווס בוך פאַר זיך, איז דאָס דאָך דער הונדערטסטער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", און דאָס איז שוין אַ שמחה, ביי וועלכער אַרגענטינער ייִדן דאַרפן און וועלן זיין מחותנים. און ביי דער שמחה וועלן זיין די הויפּט־מחותנים מאַרק טורקאָוו, דער רעדאַקטאָר פונעם פאַרלאַג און אברהם מיטלבערג, דער פאַרלאַגס־לייטער און, פאַרשטייט זיך, דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, וועלכער האָט דאָך אויך אַ שייכות צו דעם ענין.

ווילן מיר דאָ נישט מקדים זיין דעם יום־טוב, וועלכער וועט גע־פּראַוועט ווערן אין די נאָענטע טעג, אַזוי ווי דער ענין פאַרדינט דאָס, און מיר ווילן זיך דאָ באַגנוגענען צו רעדן נאָר וועגן טורקאָווס בוך, וועלכעס איז אַליין פאַר זיך אַ ישׁ, ווי מיר האָבן באַמערקט באַלד אין די ערשטע שורות.

„די לעצטע פון אַ גרויסן דור“ איז אַ זאַמלונג פון מאָנאָגראַפּיעס וועגן זעקס ייִדישע פּאַטריציער־פאַמיליעס אין וואַרשע, וועמעס שטאַם

הויבט זיך אָן פון פרומער ייִדישקייט, אַ טייל פון גרויסע רבנים, פרומע עוסקים בצרכי ציבור, וועמעס דורות גייען אַריבער דורך באַלעבאַטישער גבירישקייט צו אַסימילאַטאָרישער פּלוטאָקראַטיע, וועלכע ענדיקט זיך ביי אַ טייל מיט שמד און ביי אַלע מיט פאַרלירן דאָס פון דורות אָנגעזאַמלטע און כסדר פאַרמערטע פאַרמעגן. די זעקס משפחות האָבן נישט אַלע דעמזעלבן פּנים. פאַראַן צווישן זיי מער און ווייניקער סימפּאַטישע — פאַראַן אַפילו אַ טייל גאָר סימפּאַטישע. און כאָטש אַלע ווערן באַהערשט פונעם גייסט פון אַסימילאַציע, און די אַסימילאַציע פירט וואָס אַ דור דאָס ווייטער אַוועק פון ייִדן און ייִדישקייט, איז דאָך פאַראַן אַ חילוק אין דער אַסימילאַציע גופא.

אַוודאי איז אומעטום גביר'שאַפט אַ גורם פון אַסימילאַציע. דער גביר מיט זיין מאַטעריעל העכערן לעבנס־שטייגער, מיט זיינע רייכע דירות, מיט זיינע פּאַלאַצן, מיטן גאַנצן לוקסוס פון זיין לעבן, מיט זיינע קינדער וועלכע ער דערציט אויף אַ רייכן שטייגער, פּאַסט נישט צו האָבן אַ וועלכן עס איז מגע־ומשא מיט דער גרויסער מאַסע, וועלכע רעדן זייער „זשאַרגאָן“. ער, דער גרויסער גביר, מוז זיך לאָזן באַשטעטיקן זיין סאַלאָן־פעיִקייט דורך אויפנעמען ביי זיך אין הויז, קריסטלעכע געסט, (וועלכע, נאָכדעם ווי זיי עסן זיך אָן און טרינקען זיך אָן ביי אים, מאַכן זיי חוזק פונעם זשיד), איז ווי קען ער דאָן הייסן לייבאַ, אָדער איציק, אָדער יאַנקל, וכדומה ייִדישע נעמען. מוז ער, פאַרשטייט זיך, בייטן זיין נאָמען אויף אַ פּוילישן. אַזוי בייט ער אַלץ: זיין נאָמען, זיין שפּראַך, זיין לעבנס־שטייגער, זיין פאַרקער מיט מענטשן — מיט איין וואָרט, אַלץ, אַזוי, אַז זיינע קריסטלעכע „פריינט“ זאָלן נישט דערזען אין אים דעם פּשוטן ייִד.

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מדרגות פון אַסימילאַציע. ס׳איז פאַראַן אַן אַסימילאַציע, וועלכע באַנוגנט זיך מיט אויסערע פאָרמען און וועלכע האָבן נאָך אַן אינטערעס פאַר ייִדן, פאַר ייִדישער געשיכטע, פאַר ייִדישער וויסנשאַפט, און וועלכע ווייזט נאָך אַרויס אַ באַציִונג צו ייִדישער עטיק. אָבער די דאָזיקע אַסימילאַציע פון די אויפריכטיקע דייטשן, פראַנצויזן, פּאָליאַקן פון ייִדישן גלויבן האָט אין ערגעץ נישט אויסגעהאַלטן לענגער ווי איין דור. די קינדער זענען אינגאַנצן אַוועק. אין פּוילן זענען די סאַמע פּרעדיקער פון דעם דאָזיקן מין אַסימילאַטאָרישער ייִדישקייט אַוועק צו שמד. דאָס זענען געווען די לעווענטאַלס, די קראַוזהאַרס, די נוסבוימס און פיל אַנדערע.

אָבער אויך אין פּוילן זענען נישט אַלע אַסימילירטע משפּחות געווען פון דערזעלבער אַסימילאַטאָרישער מדרגה.

אָט, למשל, די וואַוועלבערגס, וועלכע האָבן געבראַכט אַזוי פיל מאַטעריעלע קרבנות פאַר פּוילישער קולטור, זענען דאָך נישט דערגאַנגען צו שמד. דאָס הייסט, ס׳איז זייער „גליק“, וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט נאָך איין דור, וועלכער וואָלט, וואַרשיינלעך, דערגרייכט צו שמד. די לעווענטאַלס, למשל, די אַלטע מרשעת האָרטענסיאַ לעווענטאַל איז דערגאַנגען נישט בלויז צו שמד, נאָר אויך צו אַנטיסעמיטיזם. דער „קוריער וואַרשאַווסקי“, די צייטונג פון איר אייגנטום, איז געווען אַן אַנטיסעמיטיש בלאַט. סאַלאָמאָן לעווענטאַל, דער דאָזאָר פון דער וואַרשעווער קהילה, איז דערגאַנגען נאָר צו שמד.

אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון אַ משפּחה, וועלכע דערגייט פון גביר׳שאַפט צו אַסימילאַציע מיט אַ ביסל ייִדישקייט־געפיל און פון דער דאָזיקער אַסימילאַציע פון ערשטן גראַד ביז צו דער אַסימילאַציע פון צווייטן גראַד, וואָס פירט אינגאַנצן אַוועק פון ייִדן און ייִדישקייט, דאָס איז די געשיכטע פון דער משפּחה פון דעם באַרימטן פּויזנער רב ר׳ עקיבא אייגער ז״ל, וועמעס אייניקלעך זענען געוואָרן גרויסע גבירים אין וואַרשע, און וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן די גבירשאַפט, אַלץ ווייטער זענען זיי אַוועק פון ייִדן און ייִדישקייט.

איינער פון די לעצטע פון דעם דאָזיקן צווייג פון דער אייגער־משפּחה, קאַזשימיערזש אייגער, האָט זיך געשמדט נאָך אַלס שילער פון גימנאַזיע אין וואַרשע, ווייל ער האָט זיך געשעמט, וואָס בשעת דעם לימוד פון קאַטוילישער רעליגיע אין גימנאַזיע האָט ער געדאַרפט אַרויס־

גיין פון קלאַס. איז ער געבליבן זי־צן, און אַן דעם וויסן פון זיינע על־טערן זיך געשמדט. קאַזשימיערזשס פּאָטער, וועלכער איז שוין געווען שטאַרק אַסימילירט און האָט דער־צויגן זיינע קינדער אין אַסימילאַ־טאָרישן נישט־ייִדישן גייסט, האָט דאָך נאָך געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער שטאַמט פון ר׳ עקיבא איי־גער. ווען ער איז געוויר געוואָרן פון דעם שמד, איז ער פון צרות גע־שטאָרבן. אַ שוועסטער פון קאַזשי־מיערזש, מאַרילאַ, האָט זיך אויך געשמדט און אַוועק צום קאָמוניזם, געוואָרן גערודפט פון דער פּוילי־שער פּאָליציי, איבערגעזעסן אין תפיסות, אין תפיסה חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישן אַרבעטער, וועלכער איז שפּעטער געקומען צו דער מו־טער פון דער קאָמוניסטקע מאָנען אַ חלק פון דער ירושה... פון דער אייגער־משפחה. דאָס האָט שוין דער יחוס־געפיל פון דער פּרוי דיאַנאַ אייגער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און זי האָט אויסגערופן מיט אַ בי־טערער איראָניע: אַ פיינער זיווג פאַר אַן אייניקל פון ר׳ עקיבא איי־גער!

טורקאָוו שילדערט די געשיכטע פון די דאָזיקע משפּחות, ווי איינער, פאַר וועלכן די זאַך איז נישט לי־טעראַטור, נאָר ס׳איז אַ שטיק לעבן פון זיין געליבטער וואַרשע, אַלזאָ אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן. אַ סך פון די מענטשן, וועלכע ער באַ־שרייבט, האָט ער פּערזענלעך גע־קענט, איז געשטאַנען מיט זיי אין פּערזענלעכן פאַרקער; מיט אַ טייל פון זיי זיך צונויפגעקומען ביי גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין דער שווערער צייט פאַר און נאָך דעם אויפקום פון היטלעריזם, וועלכער האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשאַרפונג פון דער אַנטיסעמיטישער העצע אין פּוילן. אין דער צייט פון געפאַר האָבן די בעסערע עלעמענטן פון די אַסימילאַנטן זיך אומגעקערט צו ייִדן און ייִדישע אינטערעסן. אַזאַ איז גע־ווען די פרוי דיאַנאַ אייגער, די מו־טער פון די אויבן־דערמאָנטע משו־מדים, וועלכע איז געווען אויף אַזוי פיל ליבעראַל און טאָלעראַנט, אַז זי האָט נישט אָפּגעשטויסן פון זיך די געשמדטע קינדער. אָבער אין אַ צייט פון נויט האָט זי זיך געלאָזט אַריינצוציִען צו ייִדישער הילפס־אַר־בעט און זי איז דערגאַנגען ביז צו נעמען אָנטייל אין אַ קאָנפערענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, צו זיצן צוזאַמען מיט ייִדן, צו הערן ייִדישע רעדעס און אַליין צו רעדן צו ייִדן ווי איינע פון עם פאָלק. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז וואָס טורקאָוו דערציילט וועגן אַ דריטן זון פון פרוי דיאַנאַ אייגער, אַנטאָני אייגער, וועלכער איז פון זיינע עלטערן גע־

שיקט געוואָרן אין היכע שולן אין ענגלאַנד. אַנטאָני אייגער, וועלכער האָט גאָרנישט געוווּסט פון ייִדן און ייִדישקייט, איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין ייִדיש געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין דער ייִדישער אַגענץ און באַלד האָט מען אים פאַרבעטן צו נעמען אָנטייל אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קרן היסוד, און אַזוי, אַלס אַרבעטער פאַרן קרן היסוד, קומט אַנטאָני אייגער קיין פּויזן אין דער שול, ווו עס איז נאָך געשטאַנען די שטול פון ר׳ עקיבא אייגער, אַן איבערגעדעקטע, קיינער האָט זיך אויף איר נישט אַוועקגעזעצט פון זינט דער פּטירה פון ר׳ עקיבא ז״ל, און מען פאַרבעט אַנטאָני אייגער זיך צו זעצן אויף דער שטול פון זיין עלטער־עלטער־זיידן.

אַ באַזונדערן רייץ האָט די געשיכטע וועגן די קברים פון די ייִדישע זיידעס, צו וועלכע זייערע קריסטלעכע אייניקלעך קומען אַוועקלייגן בלומען אין די טעג פון די קריסטלעכע הזכרת־נשמות — דעם 1טן און 2טן נאָוועמבער. אַזעלכע בלומען איז געקומען לייגן דער שוין אַלס קריסט געבוירענער סאָציאַליסט טעאָדאָר טעפּליץ אויפן קבר פון זיין זיידן ר׳ טעוועלע טעפּליץ, וועלכער איז רייך געוואָרן פון דער קאָראָבקע (פּאַכט פון שטייערן אויף כשר פלייש). דער פּוילישער סאָציאַליסט, טעאָדאָר טעפּליץ, איז געקומען צום קבר פון זיין זיידן, ר׳ טעוועלע טעפּליץ, שוין מיט זיינע אייניקלעך, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט ייִדן, אַזוי אַז זיי האָבן געמעגט גיין לייגן בלומען אויפן קבר פון אַן עלטער־עלטער זיידן.

צו דער געשיכטע פון דער טעפּליץ־משפּחה איז כדאי צוצוגעבן, אַז דער סאָציאַליסט טעאָדאָר טעפּליץ האָט געהאַט אַ זון אַ פאַרעקשנטן קאָמוניסט, מיט וועלכן די פּוילישע פּאָליציי האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט, און וועלכער האָט באַקומען אַן אומזיסטע פּענסיאָן אין פּוילישע תפיסות. אָבער ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט געוואָלט פאַרבייטן טעפּליצן פאַר אַ פּוילישן אַנטי־קאָמוניסט, וואָס איז געזעסן אין אַ סאָוועטישער תפיסה, האָט טעפּליץ, דער קאָמוניסט, זיך נישט געוואָלט לאָזן פאַרבייטן: ער איז אַ פּוילישער קאָמוניסט, האָט ער געטענהט, און ער האָט נישט וואָס צו טון אין רוסלאַנד. ער האָט אויך נישט געוואָלט בעטן ביי דער פּוילישער מאַכט, מען זאָל אים פאַרלייכטערן זיין שטראָף. אָבער פּלוצים האָט די פּוילישע רעגירונג באַפרייט דעם יונגן טעפּליץ. וואָס האָט פּאַסירט? אַ פּשוטע זאַך: דער סאָציאַליסט טעאָדאָר טעפּליץ האָט גע־

האַט אַ ברודער, אַ רייכן, איינפלוסרייכן באַנקיר אין מילאַן, אַן איש חשוב ביי מוסאָלינין. די פוילישע רעגירונג האָט אין אירע פינאַנציעלע נויטן אָפט באַדאַרפט אָנקומען וועגן אַ „טובה" צו דעם פאַשיסטישן באַנקיר, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פאָליאַק. און דער פאַשיסטישער באַנקיר האָט זיך משתדל געווען ביי דער פוילישער רעגירונג, זי זאָל אַרויסלאָזן אויף דער פריי זיין פלימעניק דעם קאָמוניסט. טורקאָוו דערציילט די דאָזיקע געשיכטע מיט אַ סך הומאָר. די דאָזיקע פאַמיליען־באַציִונגען צווישן דעם פוילישן סאָציאַליסט טעאָדאָר טעפליץ מיט זיין זון דעם קאָמוניסט און זיין ברודער דעם פאַשיסטישן באַנקיר, וועלכער נעמט זיך אָן פאַר זיין פלימעניק דעם קאָמוניסט, און די פאַרלענגערטע משפחה־ליניע פון די דאָזיקע סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און פאַשיסטן ביז צו דעם גביר פון דער קאָראָבקע אויפן ייִדישן בית־עלמין, ר' טעוועלע טעפליץ, איז, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט געוואָרן פון דער אַנטיסעמיטישער פראָפאַגאַנדע.

די זעקס משפחות, וועלכע טורקאָוו שילדערט אין זיין בוך, זענען נישט אַלע פון דעמזעלבן שניט. אַפילו די אַסימילאַציע איז נישט דער צד השווה שבהם. די זעקס משפחות זענען אייגער, דאַווידזאָן, טעפליץ, וואַוועלבערג, שערעשעווסקי און ברעגמאַן. נישט אַלע זענען געווען אויפן גלייכן וועג אַסימילירט. די דאַווידזאָנס און שערעשאַווסקיס געהערן בכלל ניט צו די אַסימילאַנטן. און חוץ די דאָזיקע זעקס משפחות זענען דאָ אינעם בוך נאָך צוויי, די זיידענבייטעלס און די צייטלינס; — דאָס זענען משפחות, וואָס געהערן צום גייסטיקן יחוס.

דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די זעקס דערמאָנטע גבירישע משפחות, איז דער פאַקט, וואָס זייערע גרויסע פאַרמעגנס זענען געגאַנגען לאיבוד. און דאָס פאַסירט מיט אַלע גרויסע ייִדישע פאַרמעגנס — זיי בלייבן אין ייִדישן רשות העכסטנס ביז צום פערטן דור.

ס'זענען פאַראַן עטלעכע אויסנאַמען. צ"ב: די ראָטשילדס, אָבער דאָס באַשטעטיקט נאָר דעם כלל.

טורקאָווס בוך איז אַ נוצלעכער ביטראָג צו דער ייִד' פאַמיליען־פאָרשונג. דאָס איז פאַמיליען־פאָרשונג פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפונקט. אָבער טורקאָוו האָט זיך מיט זיינע שילדערונגען וועגן „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" געשטעלט אויך אַ מאָראַלישן ציל: ער וויל, אַז רייכע ייִדן אין די אַמעריקעס, ווו ייִדישע משפחה־דינאַסטיעס ווערן איצט אויפגעשטעלט, זאָלן זיך פאַרטראַכ־

טן וועגן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן די רייכע משפחות אין פּוילן, און זיי זאָלן פון דעם אַרויסציִען אַ מוסר־השכל „פאַר אונדזער הייַנטיקן ייִדישן לעבן". לאָמיר האָפן, אַז די, צו וועלכע טורקאָוו ווענדט זיך מיט זיין מוסר, וועלן דאָס בוך לייענען און זיך פאַרטראַכטן, אַזוי ווי דער מחבר ווינטשט. דאָס בוך לייענט זיך לייכט ווי אַ לייכטער ראָמאַן.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 102

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
PUA RAKOWSKI, Israel

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 30 DE AGOSTO DE 1954 EN LOS "TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

M. ZONSZAIN

YIDISH WARSHE

(VARSOVIA)

✶

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires - 1954